STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07089

DER BALANS

A. J. Dubelman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. י. דובּעלמאַן

דער בּאַלאַנס

דערציילונגען פון אידישן לעבן אין קובאַ

פאַרלאַג „האַוואַנער לעבן"
האַוואַנאַ, קובאַ
1953

לייבל כהן

A. J. DUBELMAN

"DER BALANS"
EL BALANCE

CUENTOS HEBREO - CUBANOS

Copyrigth 1953
by A. J. Dubelman
Habana, Cuba

יוכבד - העניעין

אַדרעס פון מחבר:
A. J. DUBELMAN
SOL 153
HABANA, CUBA

I

דער באַלאַנס

— 1 —

— בערנאַרדאַ, בערנאַרדאַ! — האָט די פרוי א רוף געטאָן פון בעט — וויפל איז דער זייגער?

ברוך האָט ניט געענטפערט. ער האָט פארשטאַנען די פראַגע, זי האָט זיך פונקט איצט געבונדן מיט זיינע געדאַנקען. עס איז זונטיק, וויל זי וויסן די שעה, זי זאָל חלילה ניט פארשפעטיקן אין קלויסטער צו גיין.

ער האָט א טראַכט געטאָן: וואָס עלטער זי ווערט, מער פרומער ווערט זי...

זי האָט ווידער ארויסגעשריגן פון בעט:

— דו, דו, מען פרעגט דאָך דיר ווי שפעט עס איז! וואָס ביסטו דאָרט שטום געוואָרן? האָסט די צונג פארלוירן, אָדער דו ביסט שוין אויך טויב געוואָרן ?

ער האָט א קוק געטאָן צו איר זייט. די אויגן האָבן זיך געבלעזלט מיט שנאה. דאָס צלמ'ל וואָס די פרוי האָט געטראָגן, האָט אים קיינמאָל אזוי ניט געדרייצט ווי איצט, אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געהאלטן מאכן א שטיקל באַלאַנס פון זיין לעבן...

ער האָט ארויסגעלאָזט עטלעכע טרוקענע ווערטער, קוקנדיק בשעת מעשה אויפן צלם.

— די קינדער וועסטו אויפוועקן מיט דיינע געשרייען!

נאָך דעם ווי ער האָט ארויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך ווי ארומגעקוקט, צי קיינער הערט זיך ניט צו. עס האָט זיך אים אין דעם מאָמענט אויסגעדאכט, אז עס שטייט ווער און הערט זיך אונטער. און נאָך מער: מען לאַכט פון אים... מיט איינמאָל האָט ער דערפילט, אז ער איז די

גאנצע צייט בלינד געווען, און פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן זען! ער זעט איצט ניט נאָר מיט די אויגן, נאָר מיט די געדאַנקען! און די געדאַנקען זעען דאָך א סך ווייטער... עפּעס האָט זיך אַזוי שערסקע געריבן אויף דער צונג דאָס וואָרט „די קינדער"... איבער דעם, איבער די קינדער זיינע, האָבן זיך ביי אים מיט איינמאָל די אויגן געעפנט. זיי האָבן זיך געעפנט ביז צו די געהירן, שניידן זיך טיף אין די געדאנקען,מאכן א באלאנס פון עטלעכע צוואנציק יאָר לעבן אין א פאַרוואָרפענער קובאַנער פּראָווינץ-שטעטל.

ברוך איז דעם טאָג אויפגעשטאַנען א סך פריער ווי אלע טאָג. ער האָט געוואָלט אויסנוצן דעם זונטיק אויף צו מאכן דעם יערלעכן באלאנס אין געשעפט. ער איז אריינגעגאנגען אין קיך אויפקאָכן די שווארצע קאַווע, וואָס אָן דעם איז אפילו שווער די רעיונות צו בינדן. נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען דאָס טעפּעלע קאַווע, האָט ער דערפילט א נויטווענדיקייט צו פאררויכערן א ציגארעט. ער האָט א צי געטאָן דעם רויך, זיך פארהוסט פון ניכטערקייט און אָנגעהויבן טראכטן: אלע יאָר, ווען עס קומט צום באַ-לאַנס, איז ער אזוי מוטיק און מיט ווילנסקראפט. ער ארבעט עטלעכע טעג און נעכט אָן שום מידקייט, עס איז שטענדיק דאָ דער אינטערעס צו וויסן וויפל עס איז צוגעקומען אין יאָר. און איצט שטייט ער ווי אַ געליימטער און ווייסט ניט פריער וואו אָנצוהויבן. זאָל ער אָנהויבן ביי דער שניט-סחורה, אָדער ביי די העמדער? און אפשר גאָר ביים שטאָלווארג?

עס גלוסט זיך אים בשום אופן ניט אָנהויבן דעם געשעפטס-באַלאַנס. אנשטאָט דעם הויבט ער אָן מאכן א נשמה-באלאנס. עס איז דאָ עפּעס, וואָס לאָזט אים ניט רוען. ווען ער וואָלט ניט געהאַט אַזעלכע שטאַרקע נערוון, וואָלט ער שוין געדארפט ארונטער פון זינען... ער האָט געטראכט, געפּרואווט צונישט מאכן זיין קינדס ווערטער, און ניט געקענט. עס האָט אים געפּיי-ניקט. מיט מעסערס האָט אים געשניטן די לייב.

— ביסט א כודיאָ!... ניט נאָר א „פּאַלאַקאָ" ביסטו, נאָר א איד!... — האָט דער זון אויסגעשריגן צו אים.

ברוך איז געוואוינט געווען, אז די ווייב זיינע זאָל אים אמאָל א זאָג טאָן, ווען זי ווערט אין כעס „פּאָלאַקאָ". דאָס זעלבע האָט ער אויך א סך מאָל געהערט פון די צוויי קינדער. עס האָט אים טיילווייז יאָ פארדראָסן און ניט פארדראָסן. ער האָט זיך ניט געקענט העלפן! ער וועט ניט גיין צוליב דעם צעשטערן שלום-בית. אין פאמיליע לעבן קען מען זיך ניט אָפּשטעלן אויף יעדער קלייניקייט... נאָר דאָס וואָרט „איד" האָט אים עפּעס מאָדנע א ברען געטאָן. ער האָט מיט איינמאָל דערפילט, אז ער איז עס טאקע... ער

האָט עס ביז איצט ניט אַזוי געפּילט. און נאָך מער: ער איז אַפילו צופרידן, וואָס ער איז אַ איד! אַפילו דאָס פּייניקן זיך איז אים איצט אָנגענעם. ער האָט מיט איינמאָל דערפילט, אַז צוליב דעם געשעפט־באַלאַנס האָט ער שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגענעם באַלאַנס. ער האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן וועגן די קינדער; ער האָט דערפילט, אַז עס שטייט אַ וואַנט צווישן אים און זיי.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש צוגרייטן פּאַפּיר־בויגנס פאַרן באַלאַנס. די פרוי איז אויפגעשטאַנען פון בעט, אַריינגעגאַנגען אין קיך און אָנגעהויבן גרייטן דעם פרישטיק. די קינדער, לואיס און כואַנאַ, האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש, קוקנדיק אויפן פאָטער, וואָס נעמט אַלע ווײַלע אַן אַנ־דער פּאַפּירל און שרייבט עפּעס אָן פון רעכטס צו לינקס.

זיי האָבן שוין דעם פאָטער געזען אַ סך מאָל שרייבן פון רעכטס אויף לינקס. דאָס זענען געווען בריוו צו אידישע סוחרים קיין האַוואַנאַ, אָדער בריוו צו די פאַמיליעס אַהיים, צו די „פּאָלאַקאָס". זיי פלעגן אַפילו אַמאָל אַראָפּרייסן די פּאָסט־מאַרקעס און געבן די חברים פון שול, וואָס האָבן עס ביי זיי געבעטן. זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז די דאָזיקע פּאַפּירעלעך זענען צוגעגרייט געוואָרן פאַרן באַלאַנס, וואָס דער פאָטער קלייבט זיך צו מאַכן. שטענדיק שרייבט ער אין שפּאַניש. יעדעס מאָל פלעגן זיי אים פאַרריכטן דעם שפּאַניש און אונטערלאַכן און יעדעס מאָל האָט זיך דער פאָטער פאַר־געסן און ווידער געמאַכט דעם זעלבן טעות. ער פלעגט זיך אַפילו פאַרענט־פערן, אַז דער טעות קומט פון דעם, וואָס ער קען זיך ניט אָפּגעוואוינען פון שרייבן אַ סך ווערטער מיט פּוילישער אויסלייגעכץ...

דער בחור, אין פערצנטן יאָר, אַ שוואַרץ־חנעוודיקער, מיט בלויע אויגן. אַ גלאַט פּנימל, אויסגעפּילט, דאָס נעזל עטוואָס פאַרשפּיצט, האָט אים צוגע־געבן חן. אידישן חן. ער האָט איבערגעריסן די שווייגעניש:

— פּאַפּאַ, ווילסט אפשר איך זאָל דיר אויסשטעלן אין שפּאַניש? דו שעמסט זיך מיר זאָלן ניט לאַכן פון דיר?... עס איז שוין אַלץ איינס... די שפּאַנישע „לעטראַס" קלעפּן זיך ניט צו דיר...

דער פאָטער האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַ שמייכל געטאָן מיט אַ פאַרביסענער ליפּ.

— דאָס וואָס איך האָב שוין פאַרגעסן, וועסטו ניט קענען! איך אין דיינע יאָרן האָב שוין געאַרבעט! איך האָב שוין געוואוסט ווי אַזוי צו פאַר־דינען מיין ברויט! און וואָס ווייסטו?...

— פּאַפּאַ, דאַרפסט ניט ווערן אין כעס! לעצטנס קען מען מיט דיר

אינגאַנצן ניט רעדן! דו האָסט א שלעכטן הומאָר כסדר!

דער פּאָטער האָט א טראַכט געטאָן: ער הויבט שוין אָן צו באַנעמען! דאָך מיינס א קינד, א אידיש קינד! ער פּילט עפּעס!...

די מוטער איז אריינגעקומען מיט א טאָפּ קאַווע מיט מילך, און אָנגעהויבן גיסן אין די גלעזער. פון ווייטנס האָבן זיך געהערט די קלויסטער־גלאָקן.

זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— בערנאַרדאָ, עס קלינגט שוין צום צווייטן מאָל, אָדער עס איז ערשט דאָס ערשטע מאָל?

עס האָט אים עפּעס א ביס געטאָן. די פּאָרע פון די גלעזער צוזאַמען מיט דער פראגע, האָבן זיך ווי געריצט מיט אים און אריינגעטריבן אין כעס:

— עס אינטערעסירן מיר ניט דיינע גלעקער! עס קלינגט מיר אָן דעם אויך אין קאָפּ!...

די טאָכטער האָט געמאַכט א שטילן פּאַרוואורף:

— פּאַפּאַ! כעסוס!... ווי דו רעדסט?...

די מוטער האָט א זאָג געטאָן:

— טרינקט, קינדער! לעצטנס איז ער אומדערטרעגלעך! איך ווייס ניט, וואָס עס איז מיט אים געשען! דער טייוול איז אין אים אריין!...

ער האָט א טראַכט געטאָן: אפשר זענען זיי גערעכט? ביי מיר אין הארצן איז עפּעס! עס איז דאָך מיינס א זאַך! וואָס זענען זיי שולדיק? אפשר פאַרביטער איך זיי טאַקע לעצטנס? קען איך דען פאַר זיי אויפקלערן, וואָס עס איז געשען מיט מיר? זיי וועלן דאָך מיר ניט פאַרשטיין! ווען איך, דער איד ברוך בערגמאַן, וואָלט געווען איינער פון זיי, וואָלט דאָך אַלץ גוט געווען!... צווישן מיר און זיי איז דאָ עפּעס, וואָס טיילט אונז אָפּ!... עס איז דער טאָג, וואָס טיילט זיך אָפּ פון דער נאַכט! די וועגן וואָס צעשיידן זיך!...

און ווידער האָט ער א טראַכט געטאָן: א זייטיקע מחשבה האָט זיך אָנגעהויבן אריינגיסן אין מוח: פאַרוואָס האָב איך קיינמאָל ניט געטראַכט פון דעם די גאַנצע צייט? אַלץ איז דאָך אַזוי גוט געווען, ביז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן. אמת טאַקע, עס זענען געווען פאַרשידענע קאָנפליקטן. זיי זענען דאָך צערונען געוואָרן און קיינמאָל ניט איבערגעלאָזן קיין צייכן. און מיט איינמאָל איז אַלעס ארויפגעשוואומען! א חשבון פון דער גאַנצער צייט! איז ער טאַקע בלינד געווען די גאַנצע צייט? ווי אַזוי איז עס מעגלעך?...

די מחשבות זיינע ביים טיש זענען ניט געווען פון קיין נאָרמאַלן מענטשן. די שטומיקע האָבן זיך עפּעס אָנגעהויבן שרעקן. דער פּאָטער האָט

זיך אײנגאַנצן געביטן. ער פֿלעגט דאָך מיט זײ אַמאָל ליב האָבן צו שמועסן דערציילן אַפֿילו וויצן פֿון זײַן אַלטער הײם, וואָס האָט זײ געמאַכט לאַכן. וואָס איז ער אַזוי טרוקן געוואָרן? ניט אַנדערש, אַז ער איז ניט געזונט. ער פֿירט זיך לעצטנס אויף ווי ער וואָלט ניט געווען נאָרמאַל. אָט זיצט ער בײַם טיש מיט זײ, און דאַכט זיך, אַז ער רעדט צו זיך אַליין... די ליפּן האָבן זיך בײַ אים אָנגעהויבן באַוועגן, ווי ער וואָלט זיך מיט עמיצן אַדורכגעשמו־עסט. דאָס פּנים רעדט בײַ אים! ער טענהט זיך אוים מיט עמיצן! וואָס שווײַגט ער אַזוי? ער זעט, דאַכט זיך, אַפֿילו ניט דאָס גלאָז קאַווע! ער טאַפּט עס אָן מיט די הענט, ווי עפּעס אַ זאַך וואָס שטערט אים! יעדע זאַך שטערט אים! וואָס פֿאַר אַ נערוון? די אויגן קוקן בײַ אים עפּעס אַזוי מאָד־נע אידיאָטיזירט! ניט אַנדערש, אַז עס האָט אים ווער אָנגעטאָן כּישוף...

די מוטער מיט די קינדער האָבן זיך פֿאַרשטאַנען.

די טאָכטער האָט אַ זאָג געטאָן צו דער מוטער:

— מאַמאַ, דו דאַרפֿסט אַ רעד טאָן מיטן „פּאַדרע“, מיטן גלח. איך וועל אויך דערציילן דעם גלח וועגן דער „מיסטעריע“ מיטן טאַטן... אפשר האָט אים אַ „ברוכאַ“ (אַ כּישוף־מאַכערין) עפּעס אָפּגעטאָן... זאָל ער עפּעס טאָן, דער „פּאַדרע“, צו ראַטעווען דעם טאַטן...

דער פֿאָטער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל...

— גייט שוין וואו איר ווילט! איר וועט מיר טאַקע משוגע מאַכן מיט אײַערע זאַכן!...

די טאָכטער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿאָטער. פֿריער האָט זי זיך דער־שראָקן. דאָך האָט איר אַ צי געטאָן צו אים. זי האָט עפּעס דערפֿילט אַ קריסטלעכע מיטלייד. זי האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים אַזוי צאַרט, אײנמאָל און נאָכאַמאָל:

— פּאַפּאַ, אפשר וועסטו אויך מיטגיין! עס וועט דיר בעסער ווערן! שטענדיק ווען מען רעדט זיך אַדורך מיטן גלח, ווערט לײַכטער... איך ווייס, אַז דו גלויבסט ניט! מאַך אַ פּרוואָו, וואָס וועט דיר אַרן? איך בעט דיר!...

ברוך האָט זיך געפֿילט ווי אַ פֿאַרלוירענער. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: זאָל ער אָפּשטופּן די טאָכטער, וואָס ווײַזט אים אַרויס פֿיל צערטלעכקייט? ווי קען ער עס טאָן? זײ זענען דאָך אַלע צו אים הײַנט צערטלעך! ער האָט זיך אין דעם מאָמענט דערפֿילט ווי אַ קינד, אַן אומבאַהאָלפֿן קינד... און דאָך האָט ער עפּעס פֿון די ליפּן אַרויסגעלאָזט אַזעלכע ווערטער, וואָס ער וואָלט בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט ניט געזאָגט:

— בואַנאַ, איך בין אַ איד! איך גלויב אין אַן אַנדער רעליגיע! אין אַן

אנדער גאָט! אונזער גאָט איז אין הימל!...

די שטוביקע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן אין פּאַרוואונדערונג. די מוטער האָט זיך אזש א צלם געטאָן...

— דו האָסט אויך א רעליגיע? דו גלויבסט אין גאָט? איך האָב דאָך געמיינט, אז דו ביסט אן „אטעאָ“? אָט האָסטו דיר, מען לעבט אָפּ יאָרן מיט א מאן און וואָס מען ווערט געוואָר נאָך אזוי פיל יאָרן? ניט צו פאַרשטיין!... איך האָב דיר קיינמאָל ניט געזען מיט דיין גאָט! וואו איז ער? אין וועלכן טיש־קעסטל האלסטו אים? און ווען בעטסטו צו אים?...

די טאָכטער האָט זיך אָנגעהויבן צלמען:

— קע מונדאָ? כעסוס! (וואָס פאר א וועלט? יעזוס!)

ברוך האָט דערפילט, אז ער איז מיט איינמאָל אריבער די גרענעץ. ער האָט זיך אריבערגעשמוגלט און קען גאָרניט באוויזן... עס איז שווער אים אָנהויבן אויפצוקלערן! איבעריקנס, עס וועט שוין גאָרניט העלפן! זיין לעבן האָט זיך אָפּגעטיילט פון זייערן... עס האָט אים עפּעס אזעלכעס גע־קלונגען אין קאָפּ, וואָס האָט אים געמאכט לאכן פון זיין קאָמיש־טראגישער סיטואציע. ער האָט אפילו גענומען נאָכשפּעטן זיין ווייבס ווערטער: „אין וועלכן טיש־קעסטל האלסטו אים?“ וואָס קען איך איר דערציילן, אז ביי איר איז רעכט, אז מיין גאָט ליגט ערגעץ באהאלטן אין א טיש־קעסטל... און איך האָב דאָך אינגאנצן ניט געמיינט אזוי צו זאָגן ווי איך האָב געזאָגט! איך האָב דאָך געמיינט צו זאָגן, אז אויב א גאָט, האָב איך א גרעסערן! מיי־נער איז אין הימל!... ניין, דאָס מיין איך נאָך אויך ניט!... איך האָב קיינמאָל אזוי ווייט ניט געטראכט! איך בין א פרייער איד! א נאציאָנאלער איד!... א איד וואָס דאוונט ניט! אַ איד...

די קלויסטער־גלאָקן האָבן איבערגעריסן זיינע געדאנקען.

די מוטער האָט א זאָג געטאָן צו דער טאָכטער:

— לאָז אים, ער וועט ניט גיין!

זיי האָבן זיך דאָך געפרייט, וואָס עס איז זיי געלונגען אים אביסל אויפצומונטערן.

—— 2 ——

ברוך בערגמאן האָט אָנגעהויבן צוזאמענשטעלן דעם באלאנס. ער האָט אָנגעהויבן מאכן דעם אלגעמיינעם חשבון, און דערפילט, אז עפּעס שטימט ניט. אין אן אנדער צייט וואָלט ער זיך ניט אומגעקוקט אזוי פיל. שוין שיי־

נע עטלעכע יאָר ווי ער אנטוישט זיך אביסל אין די באלאנסן. עס שטימט ניט לויט די פּראָצענטער. אין דער סוחרים וועלט איז אָנגענומען, אז לויט דער אלגעמיינער לייזונג פון יאָר, ווערט געשאצט דרייסיק פּראָצענט פאר־דינסט. גייט דערנאָך אראָפּ אזוי פיל און אזוי פיל אויסגאבן, און באזונדערס ווערט עפּעס צוגערעכנט פאר קליינע גנבה׳לעך און סתם פארלוירענע. דער סוף איז, אז עס ווערט געשאצט דער ריווח אין ריינע צוואנציק פּראָצענט.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר, נאָך די יערלעכע באלאנסן, שטימט ניט. דער באלאנס ווייזט אז בלויז ארום פופצן פּראָצענט איז דער פארדינסט. ברוך פלעגט עס דאָך אוועקמאכן מיט דער האנט: מסתמא איז ביי אלעמען אזוי! ער האָט זיך דאָך אליין ניט באַ׳גנב׳עט? עפּעס איז דאָך צוגעקומען דאָס יאָר! דער באלאנס ווייזט אָן, אז ער איז שוין א סוחר פון עטלעכע און צוואנציק טויזנט דאלער! די אנדערע סוחרים טרייבן אביסל איבער זייער גביר׳שאפט!... וועגן אים אליין טרייבט מען אויך איבער! מען שאצט אים מער ווי ער האָט! אלע מאכן א טעות אין די באלאנסן!...

און דאָך האָט ער זיך פארטראכט: עס איז עפּעס ניט ווי עס באדאַרף צו זיין! בילדער פון דער פאמיליע הויבן אָן ארויסקומען אזוי בולט. די טאָכטער טראָגט א געבלומט קלייד. ביי אים איז קיינמאָל ניט געווען אין געשעפט דאָס דאָזיקע געבלומטע שטאָף... הייסט עס, מען נעמט געלט און מען קויפט ערגעץ אנדערש. אזוי זענען זיי... עס געפעלט זיי וואָס זיי זעען ביי יענעם אויף דער פּאָליצע... דאכט זיך, אז אפילו שיך קויפן זיי ערגעץ אנדערש!... ער האָט אָנגעהויבן זען זאכן, אויף וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל ניט אומגעקוקט... וועמען זאָל גאָר איינפאלן אזא מין זאך? ער האָט מיטאמאָל דערפילט אזא מין קרענקונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן שעמען מיט זיך אַליין... אָט האָסטו דיר, אליין געהאָרעוועט, געזוכט צו לייזן וואָס מער! א געשעפט פון אלעס! און די ווייב און קינדער טראָגן אוועק זיין געלט אין צווייטן געשעפט!... פארוואָס האָט ער זיך קיינמאָל ניט אומגעקוקט אויף דעם?...

ער איז געבליבן פארזונקען אין זיינע געדאנקען. בילדער פון פינף און צוואַנציק יאָר לעבן, זיין לעבן אין קובא, האָבן אָנגעהויבן פארבייגיין קינאָ־מאטאָגראפיש. ער איז געקומען אין דער פולסטער יוגנט. ער איז דע־מאָלט אלט געווען צוויי און צוואנציק יאָר. ער האָט געזוכט זיך אריבער־צוכאפּן קיין אמעריקע, און ניט געקענט. עס האָט זיך אָנגעהויבן א פּלאָגע־ניש, הונגעריקע טעג. ער האָט געזוכט באשעפטיקונג ביי זיין פאך, שוסטע־ריי, און ניט געפונען וואו צו פארדינגען זיינע הענט. און ער האָט באשלאָסן

צו טאָן, וואָס די מערהייט האָט געטאָן: אָנהענגען א קעסטעלע אויף די פּליי־צעס און אָנהויבן פּעדלען.

אויך דאָ האָט ברוך בערגמאַן ניט געלעקט קיין האָניק. וואו ער האָט זיך באוויזן, האָט ער זיך ניט געקענט אנטקעגנשטעלן דער „קאָנקורענץ". אַנ־דערע האָבן אים איבערשפּיצט. און ווידער האָט ער זיך א לאָז געטאָן ווי אַנ־דערע אידן: אויף דער קובאַנער פּראָווינץ. ער איז אזוי לאַנג געפּאָרן און גע־זוכט, ביז ער האָט געפונען א שטעטל אין דער ווייטער אָריענטע־פּראָווינץ. דער באַן דערגרייכט אהין ניט. איז ברוך געווען פון די ערשטע אידן, וואָס האָט אריינגעשטעלט א פוס.

און מאָדנע: די קובאַנער האָבן אים אויפגענומען גוט! עס איז אים גע־פעלן געוואָרן! ער איז געווען א נייעס, דער אויסלענדער, דער „אַלעמאַן" (דייטש), וואָס איז אראָפּגעקומען פון ווי ווייט און שענקט ממש די סחורה זיינע...

האָט זיך ברוך אוועקגעשטעלט מיט א טיש־סחורה ביי א קאַפע, און אָנ־געהויבן לייזן. דאָס ניט קענען רעדן קיין שפּאַניש האָט אים נאָך מער צו־געשפּילט! אזוי ווי דער „דייטש" קען ניט רעדן, איז קען מען דאָך ביי אים כאַפּן מציאות...

מיט איינמאָל האָט ברוך באשלאָסן צו עפענען א שטיקל געשעפטל, און ניט שטיין מיט דער סחורה אויפן גאַס.

דאָס מזל האָט ברוכ'ן צוגעשפּילט. נאָך צוויי יאָר זיין אין קובא איז ער שוין געשטאַנען מיט א געשעפט. אמת, טאַקע, זיין געשעפט איז ניט אזוי גרויס ווי די שפּאַנישע, עס איז נאָך אלץ דאָס קלענסטע געשעפט אין שטעטל, נאָר ברוך האָט אָנגעקוואָלן יעדעס מאָל ווען ער האָט א קוק געטאָן אויף דעם שילד „לאַ קאַסאַ אלעמאַן" (דאָס דייטשע געשעפט) פון בערנאַרדאָ בערגמאַן.

ער האָט בשעת מעשה א טראַכט געטאָן אין זיין שטעטל אין דער אַל־טער היים. זיי וואָלטן זיך ניט געגלויבט דאָרט... ער, ברוך דער שוסטער־יונג, מיט אַן אייגן געשעפט! און ווי הייסט ער איצט: בערנאַרדאָ בערגמאַן! עס איז שוין נישטאָ קיין ברוך!...

עס בענקט זיך אפילו אמאָל נאָך אידיש לעבן. אַך, ווען ער וואָלט גע־קענט דאָס זעלבע געשעפטל האָבן אין האוואַנאַ! ווי גליקלעך וואָלט ער גע־ווען!... און געטראַכט האָט ער בשעת מעשה, אז עס וועט נאָך דער דאָזיקער טאָג קומען!...

און אָט שטייט ער שוין עטלעכע יאָר אין שטעטל. ער האָט זיך שוין אזוי איינגעלעבט, איז מיט יעדן א גוטער־ברודער. בערנאַרדאָ איז שוין א

שטיקל יחוס אין שטעטל. ער, בערנאַרדאָ, דערציילט זיי מעשיות פון דער וועלט, וואָס ער האָט אָנגעזען. בערנאַרדאָ קומט מיט א שיף פון יענער זייט ים, ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן די גרויסע וועלט־מלחמה. ער איז געווען דער חשובער אויסלענדער, צו וועמען די שטאָטישע מיידלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צושאַרן און געזוכט צו פלירטעווען...

ברוכן איז געפעלן געוואָרן דער לייכטער פלירט. נאָך מער זענען אים געפעלן געוואָרן די קובאַנער מיידלעך. זיי זענען דאָך אַזוי זגראַבנע, אַזוי שיין! עס האָט אים געצויגן צו זיי... די מערהייט פון די מיידלעך, וואָס זענען אריינגעקומען קויפן, האָבן מיט אים פאַרפירט געשפּרעכן. ער האָט שוין אפילו אין פּאָרויס געוואוסט די ערשטע פראַגע זייערע:

— בערנאַרדאָ האָסט א ווייב אין דער היים?

— ניין!

— עס געפעלן דיר די קובאַנער פרויען?

— זייער! דאָס זענען די שענסטע פרויען!

— די שענסטע אין דער וועלט?...

— די שענסטע !

— שענער ווי דיינע „פּאָיכאַנאַס"? (לאַנדסלייט)

— שענער און רייצנדיקער!...

— זיי האָבן „צוקער"?...

— זייער זיס!... דאָס זיסטע!...

— און איך געפעל דיר?

— זייער!...

— פאַרוואָס־זשע זאָגסטו מיר גאָרניט?...

— איך זאָג דאָך דיר!...

— כ'מיין, וואָלסט חתונה געהאַט?...

— איך בין נאָך ניט גרייט חתונה צו האָבן... איך טראַכט נאָך ניט דערפון... ווען די דאָזיקע זאַכן דאַרף מען אביסל מער אריינטראַכטן...

א סך מאָל פלעגן זיי אוועקגיין אנטוישטע, ניט פאַרשטיין דעם מאָד־נעם דייטש... וואָס איז דאָ צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן, ווען מען האָט ליב?...

איינע בלויז האָט געהאַט געדולד. זי האָט געהאַט געדולד אויסצוהערן דעם אויסלענדער. וואָס קלערט ער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַלץ מער האָט איר צו אים געצויגן! זי האָט געפילט, אז ער איז גאַנץ אנדערש ווי די קובאַנער. ער איז ניט אַזוי לייכטזיניק... זיי, די אויסלענדער, באַציִען זיך

ערנסט צו דער פרוי... אַט זעט זי, ווען בערנאַרדאָ וויל, קען ער האָבן וועלכע מיידל ער וויל... נאָר ווייל ער טראַכט ניט צו פאַרפירן, זוכט ער אויסצומיידן צו פירן ליבעס... ער איז דאָך אַזוי איידל!... ווי גליקלעך וואָלט זי געווען, ווען בערנאַרדאָ דערקלערט זיך איר אין ליבע און האָט מיט איר חתונה!... אין די נעכט האָט זי געטראַכט און געחלומט פון גרויסן מאָמענט, ווען בערנאַרדאָ וועט איר א פרעג טאָן: ראָסיטאַ, ווילסט מיט מיר חתונה האָבן?

ראָסיטאַ בעט זונטיק אין קלויסטער:

— ווירכען מאַריאַ, מאַך אַז בערנאַרדאָ זאָל מיך ליב באַקומען!...

בערנאַרדאָ טראַכט איצט וועגן דעם, ווי זיין ראָסיטאַ האָט אים דערציילט אַמאָל וועגן אירע געפילן, און ווי גליקלעך ער האָט זיך דאַן געפילט אין די ערשטע יאָרן פון זיין הייראַט! ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי זי פלעגט אַלע טאָג כמעט קומען צו אים, זוכן אַ געלעגנהייט מיט אים צו פאַרפירן אַ שמועס.

— ביסט ניט איינזאַם, בערנאַרדאָ?...

— יאָ זייער! אָבער וואָס זאָל מען מאַכן?

— דו וואָלסט זיך געדאַרפט באַשליסן!...

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, געזען די פאַרליבטקייט פון אירע אויגן. זי איז גאַנץ אַנדערש ווי די אַנדערע! זי איז מער ערנסט! און אפשר?...

ער האָט געפּרוּווט אַנטלויפן פון די געדאַנקען, נאָר עס האָט אים אָנגעהויבן ציען צו איר. ער האָט געפּרוּווט איר אָפּטרייבן... זי איז אַפילו עטלעכע טעג ניט געקומען. זי פילט זיך באַליידיקט... אויך דאָס איז אים געפעלן געוואָרן... מאָרגנס, עס האָט אים אָנגעהויבן ציען צו איר... ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן מיט שרעק: אפשר וועט זי אינגאַנצן מער שוין נישט קומען? און איבער וואָס איז אינגאַנצן אַרויסגעקומען די קריגערייַ? זי האָט געוואָלט ער זאָל אַמאָל פאַרבייגיין איר שטוב און זיך שטעלן ביי די גראַטעס, ווי אַנדערע פאַרליבטע פאָרלעך... עס איז ניט שיין פאַר איר, זי זאָל כסדר קומען צו אים אין געשעפט אַריין... די חבר'טעס לאַכן שוין פון איר... זי לויפט נאָך בערנאַרדאָן! זי פון איר זייט, איז אַפילו גרייט אויך דאָס צו פאַרבויגן. נאָר אין שטוב, די פאַמיליע טענהט, אַז דער „דייטש" מאַכט אוודאי חוזק פון דיר... אויב ער טראַכט עפּעס ערנסט, איז דאַרף ער זיך ווייזן, ווי עס פירט זיך, פריער ביי די גראַטעס, זי פון אינעווייניק און ער פון דרויסן. און דערנאָך דאַרף ער קומען און בעטן די דערלויבעניש אויף צו מעגן קומען איינמאָל אין וואָך צו דער כלה...

דאָס לעצטע האָט אים איבערגעשראָקן מער פאַר אַלץ. א כלה! א כלה! וועט ער מיט איר טאַקע הייראַטן?...

ברוך האָט א זיפץ געטאָן: ווי נאַריש ער איז דעמאָלסט געווען!... ער האָט זיך דערשראָקן און געלאָפן איר זוכן ביי די גראַטעס... זי האָט אים אויסגעקוקט. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אז ער וועט קומען! זי האָט דער „ווירכען מאריא" געבעטן... טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, ווען זי האָט אים דערזען... זי איז דעמאָלסט געווען די גליקלעכסטע אין דער וועלט! ווען זי ציט ארויס די לאָטעריי וואָלט זי זיך אזוי ניט געפרייט!... פון גרויס גליק האָט זי בשעת מעשה קיין וואָרט ניט געקענט ארויס־ברענגען...

בערנאַרדאָ האָט זיך געבאָדן אין נחת רוח פון אירע טרערן. אויך ביי אים האָט געוויינט דאָס האַרץ... א געפיל פון פרייד האָט אים ארומגענומען: זי איז ניט בייז אויף אים... און ווי שיין זי איז דורך די טרערן... די אויגן בליאַסקען אין פולער שוואַרצקייט, די ליפּן אזוי שמאָל. די רויטע פאַרב מאַכן זיי נאָך רויטער און מיט אזוי פיל רייץ! און ווי שיין זי איז אין איר שטוב קליידל!... די העל־שוואַרצע האָר זענען ביי איר אזוי שיין אויסגעלייגט איבערן שטערן! ווער נאָך איז אזוי שיין ווי זי?...

ער געדענקט שוין אפילו ניט ווי אזוי עס איז געשען, ווי אזוי עס האָט זיך צו אים גענומען אזוי פיל מוט, צו גיין צו ראָסיטאַס פאָטער און בעטן די האַנט פון זיין טאָכטער!... און ווי ער האָט זיך עס געבלאָזן...! ער איז געוואָרן גאַנץ ערנסט און אָנגעהויבן האַלטן פאַר אים א גאַנצע דרשה:

— דו ווילסט הייראַטן מיין טאָכטער? מסתמא געפעלט איר זיך ביידע! איך האָב קעגן דיר ניט אויסצוזעצן! א ליאַדע וועמען וואָלט איך מיין טאָכטער ניט איבערגעגעבן! דו, בערנאַרדאָ, ביסט זייער אן ערנסטער מענטש! איך ווייס עס! אויך מיין טאָכטער איז ניט אבי ווער! ביי מיר שפּילט מען זיך ניט ארום אין „חתן־כלה" יאָרן! איך גלויב, אז דו וועסט עס ניט פאַר־ציען! דו האָסט צייט ביז פיר מאָנאַטן, אפשר נאָך א צוויי מאָנאַטן! אָבער מער ניט! מיין ראָסיטאַ איז ניט ווי די אנדערע מיידלעך! זי וועט דיר געטריי זיין! א באַלעבאָסטע! נו, זאָג, האָסטו אמאָל געהערט רעדן אויף איר א שלעכט וואָרט?... איך וועל יענעם, וואָס וועט וואַגן צו רעדן פון מיין טאָכ־טער מיטן „מאַטשעטע" (סערפּ) צעהאַקן!...

בערנאַרדאָ האָט זיך אפילו אביסל דערשראָקן פאַר די לעצטע ווערטער, און געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אז ער מיינט עס ערנסט! ער האָט זי ליב, ראָסיטאַן! און ער וועט שנעל חתונה האָבן! ער וויל זיך בלויז באַדענקען, ווי

אַזוי דאָס אדורכצופירן. פינאַנציעל איז ער גאַנץ גוט־אָפּ!...

דער פֿאָטער האָט זיך צעשמייכלט:

— ביידע וועט איר זיין מיינע קינדער!...

דאָס לעצטע האָט אים, בערנאַרדאָן אביסל שאָקירט. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער איז אַ איד... ער האָט אַ אידישן טאַטן... עפּעס אין אים האָט אויפגעציטערט...

פאַר אים, דעם אויסלענדער, איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם. אַנ־שטאָט קומען איינמאָל אין וואָך אין אָוונט, האָט אים דער פֿאָטער דערלויבט צו קומען צוויי מאָל אַ וואָך אין די אָוונטן. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט דער פֿאָטער זיך מיט אים באַגריסט, און גלייך אַוועקגעגאַנגען. ראָסיטאַ האָט שוין געהאַלטן גרייט צוויי וויג־שטולן, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, נאָענט, אַז די פּנימער האָבן זיך ממש אָנגערירט... עס איז געווען אַזוי גוט, מחיהדיק. שטענדיק איז געווען פון וואָס צו רעדן... ביידע זענען דאָך געווען אַזוי פאַר־ליבט... די מוטער איז כסדר געזעסן פון דער ווייטנס און געהיט... ווי עס וואָלט איר ניט אָנגעגאַנגען... זי האָט בלויז דערפילט די פליכט פון דער טראַדיציע... ווען ס'איז אַנדערש, וואָלט בערנאַרדאָ אַליין געקענט דערנקען שלעכט...

ברוך דערמאָנט זיך אויך פון די געשפּרעכן וואָס זיי האָבן געפירט, אַ סך מאָל גאַנץ ערנסטע. ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז אַ איד, זי האָט אים ניט פאַרשטאַנען! עס האָט איר אויך ניט אינטערעסירט. זי איז געווען גליקלעך שוין מיט דעם אַליין, וואָס זי גייט חתונה האָבן. .

ער האָט איר געפּרוּווט אָנווייזן:

— עס געפעלט מיר ניט זאָלסט טראָגן אַ צלם! איך גלויב ניט אין דעם!

— וואָס אַרט דיר?

— איך האָב עס ניט ליב!...

— וועל איך עס אויסטאָן!

— טו אָן אַ קייטל אַליין.

— און וואָס זאָל איך אָנטאָן אויפן קייטל? כ'מיין, וואָס פאַר אַ הייליקן?

— גאָרניט! מען דאַרף גאָרניט!...

— און אַז דער גלח וועט מיר זונטיק זען?...

— דאַרפסט אויך ניט גיין אין קלויסטער מער!...

— פאַרוואָס ניט? וואָס קען עס דיר אַרן? איך בין שוין אַזוי געוואוינט...

— מען דאַרף ניט! אַנדערש קענען מיר זיך ניט פאַרשטיין! ווען דו

גייסט הייראַטן מיט מיר, דאַרפסטו פאַרגעסן אין די אַלע זאַכן! איך בין פריי פון די אַלע זאַכן! איך וועל מיט דיר הייראַטן אין געריכט...

— נו, גוט, זאָל זיין אַזוי! איך וועל טאָן ווי דו הייסט מיר! איך האָב דיר אַזוי ליב!...

אויף צו מאַכן אים פילן גוט, האָט זי צוגעגעבן:

— מיינסט איך בין אַזאַ מין גלויביקע? דאָס איז מער אַ געוואוינ־הייט! מיר איז ניט קיין אונטערשייד וועלכן גאָט צו דינען! איך ווייס, אַז איך דאַרף בלויז דינען מיין מאַן!...

דאָס לעצטע האָט זי געזאָגט מיט אַ געווּיסן שטאָלץ. נאָך מער, זי האָט זיך גלייך אָפּגעצלמט, אַ קוש טוענדיק דעם צלמל, האָט זי עס גלייך אַראָפּגענומען פון האַלז.

בערנאַרדאָ האָט געפילט ווי איר אַרומצונעמען און קושן. ער האָט אַ קוק געטאָן צו דער „אַלטער" זען, צי זי זעט ניט, און אַ נעם געטאָן ראָסי־טאַן. ליפּן האָבן זיך באַגעגנט אין אַ הייסן אָטעם. עס איז אַזוי גוט צום ליבן!...

און עס איז באַשטימט געוואָרן די חתונה.

— 3 —

ווען ראָסיטאַ האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד, האָט זיך ברוך דערמאָנט אין זיין זיידן לייזער. אַ וואוילער איד געווען. ער פלעגט אים נעמען אויף די הענט, ווען ער איז געווען אַ קליין אינגל, און האָט ליב געהאַט צו צופּן די באָרד ביי אים... דער זיידע פלעגט גוטמוטיק אָנשרייען, און ער האָט ווייטער געצופּט און געלאַכט, ביז דער זיידע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן שוסטער־בענקעלע און אָנגעהויבן ציען אַ דראַטווע. דאַן האָט ער אים שוין צו זיך ניט צוגעלאָזט.

ברוך האָט אַ טראַכט געטאָן: לייזער איז אַ שיינער נאָמען. אויף שפּאַניש וועט ער הייסן לואיס. אַפילו אויף ענגליש קלינגט אויך שיין דער נאָמען. ראָסיטאַ האָט זיך נישט געשפּאַרט. אוים ליבע צום מאַן האָט זי אַפילו געפּרואוווט מאַכן אַ באַמערקונג, אַז דאָס קינד וואָלט געדאַרפט הייסן ווי דער פאָטער, בערנאַרדאָ... זי האָט אָבער באַמערקט, אַז בערנאַרדאָ האָט זיך עפּעס איבערגעשראָקן. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ביי אונז גיט מען ניט קיין נאָמען אַ קינד נאָך דעם פאָטער ביים

לעבן, בלויז נאָכן טויט...

ראָסיטאַ האָט זיך איבערגעצלמט און אַ קוש געטאָן זיך אין די ערשטע צוויי פינגער:

— בערנאַרדאַ, איך האָב ניט געמיינט קיין שלעכטס! ניט געוואוסט דערפון!... וואָס ווייס איך, ווי ביי אייך פירט זיך דאָרט?...

ברוך איז געווען איבערגליקלעך מיט זיין לואיסיטאָן. אַלע שכנים, וואָס האָבן געזען דאָס קינד, האָבן עס געהאַלטן אין איין באַוואונדערן:

— אינגאַנצן דער טאַטע!...

— זעט נאָר דעם קליינעם דייטשעלע!...

— ווי קלוג דאָס איז!...

— די אויגעלעך, זעט נאָר!...

טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשמאָלצן פון נחת. ראָסיטאַ האָט געפּרוּווט אָנטאָן עפּעס אַ קמיע דעם קינד אויפן האַלז, נאָר ברוך האָט ניט דערלאָזט.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך האַלט ניט פון די אָבער־גלויבערישע זאַכן! לאָז אָפּ די „סאַנטאָס"!...

זיין פרוי ראָסיטאַ האָט אַ פרעג געטאָן:

— און ווען וועלן מיר אים פירן צום גלח „באַוטיסאַר" (היילּיקן)?

— מיר וועלן אים ניט פירן צו קיין גלח!...

— דאָס קינד קען דאָך אַזוי ניט אויסוואַקסן!...

— עס קען!... איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך גלויבט ניט אין דיינע גלחים!...

ראָסיטאַ האָט אָנגעהויבן ציטערן:

— ווי אַזוי זשע וועט ער געהייליקט ווערן? ער קען דאָך אייביק ניט בלייבן קיין „כודיאָ"!... (איידער אַ קינד ווערט געהייליקט, הייסט עס אַ איד).

— איך וויל דאָך עס זאָל בלייבן אַ איד!...

— ווי איז עס מעגלעך? וואָס רעדסטו?... אָט נעם דיר אַליין, האָט מען דיר קליינערהייט ניט געמאַכט פאַר קיין גלוביקן? דיין גלח האָט דיר ניט באַשפּריצט מיטן היילּיקן וואַסער?...

ברוך האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אומבאַקוועם. זיין פרוי'ס ווערטער האָבן אים אַביסל צעטומלט. ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהויבן זיך אויספּלאָנטערן פון דער דאָזיקער סיטואַציע. ער האָט געפילט, אַז די פרוי זיינע ליידט דערפון. ער וואָלט איר ניט געוואָלט מאַכן ליידן. ער האָט איר ליב. נאָר וואָס קען ער זיך העלפן, ווען אירע ווערטער שרעקן אים... אַזוי ווייט איז ער ניט גרייט צו גיין... עס איז שוין גענוג דאָס אַליין, וואָס זיינע

עלטערן אין דער היים זענען געוואָר געוואָרן דורך א לאַנדסמאַן, אז ער האָט חתונה געהאַט מיט א קריסטלעך מיידל. איצט, ווען זיי זאָלן נאָך געוואָר ווערן פון דעם, וועט עס הייסן, אז ברוך האָט זיך געשמדט! און ער טראַכט אפילו ניט דערפון...

ער האָט ווידער א קוק געטאָן אויף ראָסיטאַן, און א זאָג געטאָן:

— זאָרג דיר ניט! איך וועל אמאָל פאָרן אין האוואנא, וועל איך מיט־נעמען דאָס קינד און וועל עס מאַכן פאַר איד צוגלייך ווי איך!...

— ווי אזוי?...

— לויט אונזער טראַדיציע!...

ער האָט איר אפילו געפּרוּאווט אויפקלערן. זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען און ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין... ער האָט אפילו געפּרוּאווט אָנווייזן ווי געזונט און היגיעניש דאָס איז, נאָר זי האָט זיך געשראָקן...

— בערנאַרדאָ ביי אונז איז עס אָן בלוט! בלויז אביסל הייליקע וואַסער! איך האָב מורא, בערנאַרדאָ! און ווען וועסטו אים פירן? עס איז דאָך א קליין קינד, איז דאָך א געפאַר פאַר די „ניט־גוטע"! אפשר עס דערווייל דאָ הייליקן?

— ניין, ראָסיטאַ! לאָז עס צו מיר! איך בין מער דערפאַרן ווי דו! דאַרפסט ניט מורא האָבן...

עס איז אוועקגעגאַנגען א צייט. מאַן און ווייב האָבן מער ניט גערעדט דערפון, עס זענען אפילו דערגאַנגען קלאַנגען צו בערנאַרדאָן, אז ראָסיטאַ האָט דאָס קינד שטילערהייט אוועקגעפירט צום גלח און עס „באַוטיסעט". פאַר זיך אליין האָט ער עס אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: נו, איז וואָס, אז מען האָט עס דאָרט א שפּריץ געטאָן מיט אביסל וואַסער? אז איך אליין גלויב אין דעם ניט. איז גענוג!... ער האָט אפילו א פרעג געטאָן דער ווייב. זי איז רויט געוואָרן, און געענטפערט האַלב צעשראָקן:

— איך האָב מורא געהאַט פאַרן קינד! עס האָט איינמאָל געהאַט פיבער. האָב איך זיך דערשראָקן... און ווידער, וואָס וואָלטן די שטעטלדיקע געזאָגט? זיי וואָלטן דאָך אַלע געוואוסט, אז דאָס קינד אונזערס איז ניט געהייליקט... עס איז א טייוול, ניט קיין מענטש!...

און מאָדנע, ער האָט געזען איר אומבאַהאָלפנקייט און איז אפילו ניט אין כעס געוואָרן... ער האָט א טראַכט געטאָן: עס איז דאָך שוין אָן אָפּגע־מוטענע זאַך! ווען זי פרעגט אים, וואָלט ער דאָס קיינמאָל ניט דערלויבט... און וואָס איז עס דען? ניט כדאי וועגן דעם אויפצוהויבן א קריגעריי, בפרט נאָך, ווען ראָסיטאַ איז שוין אויף דער צייט מיטן צווייטן קינד...

ראַסיטאַ האָט געפילט, אַז בערנאַרדאָ איז געבליבן אַביסל צעטראָגן פון דער געשיכטע, און זי האָט זיך געפרואווט פאַרענטפערן:

— דו האָסט קיינמאָל ניט קיין צייט! האָסט גערעדט פון פאַרן קיין האַוואַנאַ, און ביז היינט האָסטו דיר אַלץ נאָך ניט געקענט אַרויסרייסן! ווער ווייסט, ווען דו וועסט דיר קענען אַרויסרייסן אויף אַ וואָך צייט? דאָס קינד וואָלט דאָך נאָך ביז היינט ניט געווען „באַוטיסאַדאָ", ווען איך פאַרלאָז זיך אויף דיר... אַ מוטער איז ניט קיין פאָטער! דער פאָטער האָט ליב דאָס קינד, די מוטער אָבער וואַכט אויפן קינד... היט עס אָפּ און ציטערט פאַר דעם... דו ווייסט ניט, וואָס עס איז אַזעלכעס מוטער־ליבע...

ער האָט איר פאַרשטאַנען, און אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

— זאָלסט מער ניט טאָן אַזעלכע זאַכן אָן מיר! האָסט מיר געדאַרפט זאָגן!

אַז דאָס צווייטע קינד, כואַנאַ, איז געבוירן געוואָרן, האָט שוין ראַסיטאַ מער אפילו ניט גערעדט מיט בערנאַרדאָן וועגן „באַוטיסען". זי האָט עס אַוועקגעטראָגן צום גלח אין קלויסטער אַריין און געהייליקט. זי האָט געוואוסט, אַז ווען זי וועט אָנהויבן שמועסן מיטן מאַן וועגן די דאָזיקע זאַכן, וועט ניט טויגן... זי קען אים שוין... ער קימערט זיך ניט מער מיט די דאָזיקע זאַכן. ער איז אַ פאַרנומענער מענטש. ער איז בלויז שטאַרק קאַפּריזנע, איז בעסער אַז מען דערט אינגאַנצן ניט פון די זאַכן מיט אים... ער בלייבט איינגע'עקשנ'ט, אויב מען פרעגט אים. אָט טראָגן זיי שוין אַלע צלמים אויף די העלזער, און ער זאָגט מער גאָרניט... ער פרעגט שוין ניט... עס ליגט אים אפילו ניט אינזינען... ווען זי אַליין זאָל אים געווען פרעגן, צי זי זאָל אָנטאָן צוריק דעם צלם, וואָלט ער זיכער געזאָגט, אַז ניט... דאָס זעלבע איז מיטן גיין אין קלויסטער אַריין: ווען זי זאָל אים פרעגן, וואָלט ער זיכער געבעטן זי זאָל ניט גיין! און אַז זי האָט דאָך אָנגעהויבן גיין אין קלויסטער אַריין, האָט ער זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק... אפילו דעמאָלסט, ווען זי איז אַמאָל אַהיימגעקומען און פאַרגעסן אויסצוטאָן דעם צלם, האָט ער ביים טיש זיצנדיק ביים עסן, אַ קוק געטאָן און געשמייכלט:

— וואָס מאַכסטו זיך ווידער נאַריש, ראַסיטאַ?...

און מער האָט זי אים שוין ניט אויסגעטאָן... בלויז געציילטע מאָל, ווען אַ אידישער רייזנדער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין שטעטל, האָט ער שטילערהייט זיך צוגעשאַרט צו ראַסיטאַן און איר געבעטן זי זאָל אויסטאָן דעם צלם. ער האָט איר געפרואווט די זאַך אויפקלערן:

— פאַרשטייסט, ראַסיטאַ, דער „פּאַיסאַנאָ" (לאַנדסמאַן) וועט עס זען,

וועט ער האָבן דאָרט אין האַוואַנאַ וואָס צו דערציילן... א לאַנדסמאַן פון מיין שטאָט וועט עס אוועקשרייבן אהיים, וועט עס דאָרט מיינע עלטערן פארשאפן יסורים... איז צו וואָס, ווען מען קען עס אויסמיידן?...

ראָסיטאַ האָט אים פארשטאַנען. אין זיך האָט זי אפילו געטראָגן א שטיקל פאַרדראָס אויפן אויסלענדער, וואָס איז אראָפּגעקומען אין שטעטל און זיצט און רעדט מיט איר מאַן זייער שפּראַך, וואָס איז פאר איר אינגאַנצן אומפארשטענדלעך... און אפשר רעדן זיי גאָר פון איר?... און ווידער איז ביי איר אדורכגעלאָפן א מחשבה: אפשר איז ער ספּעציעל אראָפּגעקומען אים איבעררעדן, ער זאָל איר איבערלאָזן?... וואָס וואָלט זי ניט געגעבן, זי זאָל איצט פארשטיין זייער שפּראַך?... עס קלינגט עפּעס אזוי מאָדנע... ביי זיך וואונדערט זי זיך בלויז, ווי אזוי זיי ביידע פארשטייען זיך... אלע ווערטער האָבן דעם זעלבן קלאַנג! עס איז אינגאַנצן אנדערש ווי כינעזיש... בערג גאַנצע האַלטן אין איין פאַלן... אָט לאַכן זיי עפּעס, דאָס דערציילן זיי זיך וויצן... איר בערנאַרדאָ שיינט אינגאַנצן. ער האָט עפּעס אויפגעלעבט, זייט דער „פּאַיסאַנאָ“ איז געקומען! ער איז אזוי גוט צו אלעמען! עס איז אין אים אריין א פריילעכקייט! אָט גייט ער אריבער צו שפּאַניש, ער לויבט איר אפילו פארן גאַסט, וואָס איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף מיטאָג. און ביים טיש רעדן זיי שפּאַניש, זי זאָל אויך פארשטיין. דער גאַסט לויבט די עסנס. זי בייט די מיינונג וועגן גאַסט: ער איז א פריינטלעכער מענטש. ער דערציילט ווי איינער האָט אראָפּגעשטעלט א פּוס און איז גלייך איבערגעפּאָרן געוואָרן... דאָס דערציילט ער פון איינעם א רייזנדן, וואָס פלעגט אמאָל קומען אינם שטעטל, און אויפגעהערט קומען. אפילו די פרוי דערמאָנט זיך, אז עס איז א באַקאַנטער שפּאַנישער סוחר. זי צלמט זיך אזש איבער, און גיט א ציטער אויף:

— כעסום! (יעזוס)...

בערנאַרדאָ גיט אויף איר א קוק, און כאַפּט אויך א קוק אויפן איד, צי ער האָט עס ניט באַמערקט, און ווערט איבערגעגאָסן מיט א רויטקייט אויפן פּנים... און מאַכט אפילו א באַמערקונג אין אידיש:

— עס איז בלויז אויס געוואוינהייט... פּונקט ווי ביי א ניס טאָן זאָגט זי אויך כעסום... אפילו איך אליין זאָג שוין אויך אמאָל „כעסום“, ווען א קונד גיט א ניס מיט דער נאָז...

— יאָ, אזוי איז עס! וואָס מאַכט עס אויס?... — האָט דער גאַסט צו־געגעבן — עס איז נאַרישקייטן.

נאָכן עסן זענען די צוויי אידן אריינגעגאַנגען אין געשעפט אריין. דער

רייזנדער האָט געעפנט די רענצלעך און זיך אָנגעהויבן ארויסלייגן מיט די מוסטערן פון די סחורות. דער רייזנדער האָט אָנגעוויזן אויף פארשידענע נייע ארטיקלען, וואָס לייזן זיך איצט זייער א סך. ברוך ווידער האָט געהאלטן אין איין אָנווייזן, אז די צייט איז איצט ניט אזוי פויגלדיק. עס איז דערפאר ניט געזונט צו האָבן ליגן א סך סחורות און זיך פארענגען אין די צאָלונגען.

— איר ווייסט דאָך, אז מיינס א טשעק גייט ניט צוריק!...

די פרוי האָט אריינגעבראכט שווארצע קאווע, שוין צום צווייטן מאָל, און א זאָג געטאָן:

— האָסט עפּעס געקויפט שיינע זאכן, בערנאַרדאָ?

דער רייזנדער האָט א שמייכל טוענדיק פארכאפּט דעם וועג:

— פאר אייך וועל איך אריינשיקן א ספעציעלן פּולס, וואָס מען טראָגט איצט שטאַרק אין האוואַנאַ, א גאַנץ נייע מאָדע, וואָס איז נאָך צו די קאמפּן ניט דערגאַנגען. עס איז צו טייער פאר דער פּראָווינץ...

— 4 —

די צייט שטייט ניט. יאָרן זענען פארבייגעגאַנגען. איבער דער וועלט זענען פאָרגעקומען געשעענישן. עס איז אויפגעשטאַנען א היטלער, וואָס האָט אָנגעהויבן פארשפּרייטן האס צו אידן איבער דער גאַנצער וועלט. מיט איינמאָל האָט מען וועגן אידן אָנגעהויבן שרייבן אין אלע צייטונגען. מען האָט געשריבן גוטס און מען האָט געשריבן שלעכטס. און די קובאַנער האָבן זיך דערוואוסט, אז עס זענען טאַקע ערגעץ יאָ דאָ אידן... אויך אינם קליינעם שטעטל, וואו ברוך איז געזעסן, האָט מען אָנגעהויבן רעדן פון אידן. א טייל קובאַנער האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס, ניט פארשטאַנען, פארוואָס עס ווערן אזוי געפּלאָגט די אידן אין אייראָפּע. א טייל האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן וועגן דער אידישער געפאר, וואָס וויל פארכאפּן די וועלט...

ברוך איז געוואָרן אומרואיק. ערשטנס דערפאר, וואָס ער האָט שוין א לאַנגע צייט ניט געהערט פון זיינע עלטערן. געוועזן צייטן, וואָס ער האָט פון זיי ניט דערהאַלטן קיין גרוס, קיין שום בריוו, אָבער ער איז געווען רואיק. נאָר איצט איז ער געוואָרן אומרואיק. די נייעסן פון אייראָפּע האָבן אים צעטומלט. און ווידער איז אים ניט געווען אַנגענעם דאָ אינם שטעטל... מען האָט אים געהאלטן אין איין שטעלן אזעלכע פראגעס, וואָס האָבן אים געשטאָכן... און מער פון אלץ האָט אים געטראָפן דאָס, וואָס ער

האָט דערפילט, און אפשר האָט זיך עס אים בלויז אויסגעוויזן, אז ער איז מער ניט דער, וואָס גיט ארויס די געזעצן ביי זיך אין שטוב... ער איז מער ניט דער קאַפּיטאַן פון דער שיף... די אייגענע קינדער קוקן איצט אויף אים אנדערש... אויך די פראגעס, וואָס די ווייב און די קינדער שטעלן אים אָפּט, מאכן אים זיך פילן באליידיקט...

לואיסיטאַ איז אמאָל אהיימגעקומען פון גאס א צעשלאָגענער, פון א קריגעריי מיט די חברים, און דער פאָטער האָט עפּעס צו אים א רעד געטאָן, איז ער אויפגעשפּרונגען:

— דו שטענדיק מיט דיינע רייד!... צוליב דיר רופן מיר אלע „פּאָלאַקאָ"... קיין אנדער נאָמען האָבן זיי ניט פאר מיר: פּאָלאַקאָ! פּאָלאַקאָ! איך בין ניט קיין פּאָלאַקאָ, איך בין א קובאַנער!...

— געוויס, געוויס, דו ביסט אַ קובאַנער! ביסט דאָך דאָ געבוירן געוואָרן! די מאמע דיינע איז דאָך א קובאַנערין!... האָט ברוך זיך געהאלטן אין איין פארענטפערן.

ער האָט זיך אין דעם מאָמענט אפילו געפילט שולדיק... נאָר וואָס קען ער זיך העלפן?... אָט ער אליין, ווען מען רעדט מיט אים וועגן דעם, זאָגט ער דאָך אליין, אז ער איז א „פּאָלאַקאָ"!... ער האָט זיך עפּעס געפילט שול־דיק קעגן דער פאמיליע זיינער. נאָר מער פון אלץ האָט אים וויי געטאָן, וואָס ער פארלירט דעם פונדאמענט פון זיין דער עלטסטער פון דער פאמיליע... לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן באמערקן, אז די פאמיליע האָט אים אויפגע־הערט צו רעספּעקטירן. עס טרעפט אמאָל, אז מען גיט אים א שטאָך, ער זאָל ניט זיין קיין „פּאָלאַקאָ"... און ווער נאָך מער ווי ער פילט די באדייטונג פון דעם וואָרט „פּאָלאַקאָ", ייאָס באַדייט ניט שטענדיק „פּוילישער", נאָר אויך „איד"... אין דער לעצטער צייט געפעלן זיי א סך זאכן ניט פון טאטן... ניט ווי אזוי ער פארקויפט און ניט ווי ער רעדט מיט די קונדן...

ברוך האָט געליטן און געשוויגן. און מאָדנע: וואָס מער ער האָט גע־שוויגן, אלץ מער איד האָט ער דערפילט איז ער... ער האָט אָנגעהויבן לעבן זיין אייגן לעבן, האָט זיך אָנגעהויבן אפילו היטן אסך מאָל פאר די אייגענע אין שטוב... ספּעציעל דעמאָלסט, ווען ער האָט געלייענט אין די שפּאַנישע צייטונגען, ווי אזוי די אידן ווערן געפירט אין גאַז־קאַמערן, אָדער ווי אזוי זיי ווערן אויסגעמאָרדעט.

אזעלכע צייטונגען פלעגט ער איבערלייענען און גלייך צערייסן, און געלעבט אין שטענדיקער שרעק, עמיץ אין שטוב זאָל אים אמאָל ניט א פרעג טאָן, וואו עס איז אהינגעקומען די צייטונג... זיך צו באַוואָרענען האָט ער

שטענדיק איבערגעלאָזט די ספּאָרט זייט, די זאַך וואָס האָט בלויז געהאַט אינטערעס פאַר די קינדער.

דאָס ערגסטע איז, וואָס ער האָט זיך אַפּילו ניט פאַר וועמען אויסצו־רעדן זיך, אָפּרעדן פון האַרצן. שטיל, ביי זיך, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרלאָזן דאָס קליינע שטעטל און זיך איבערציען קיין האַוואַנאַ. דאָס לעצטע האָט אים אַפּילו געשראָקן: ווי אַזוי זאָל ער זיך ציען מיט דער פאַמיליע?... ווי אַזוי וועט ער זיי אַריינפירן אין אידישן לעבן? וואָס ווייסן זיי וועגן אידישקייט? אָט גייען זיי באַהאַנגען מיט צלמים, און ער קען זיי מער אַפּילו ניט הייסן אויסטאָן... ער איז מער ניט דער קאַפּיטאַן פון דער שיף...

די ערגסטע געדאַנקען זענען אים געקומען ביינאַכט. געדאַנקען, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט צומאַכן קיין אויג. אָט טראַכט ער וועגן דעם געשעפט־באַלאַנס, און אָט טראַכט ער וועגן זיין אייגענעם באַלאַנס, פון דער נשמה... ער האָט נאָך אַלץ ליב די פרוי, ספּעציעל ווען ער דערמאָנט זיך אין די ערשטע יאָרן... נאָך מער פון אַלץ איז דער פּראָבלעם פון די קינדער... ער האָט זיי ליב! דאָס זענען זיינע קינדער! זיי זענען גראַד אַזעלכע געראָטענע! און אַ סך מענטשן אין שטעטל זענען אים מקנא מיט אַזעלכע קינדער. און ווידער טראַכט ער: מען רופט זיי „פּאַלאַקאָס" ניט חלילה אויס שלעכטסקייט, מיט וועלכן עס איז בייז... עס איז גיבער אויס ליבשאַפט! נאָר זיי, די קינדער, פאַרדריסט עס... און ווידער קומען מחשבות וועגן זיין לעבן, וועגן זיין אידיש לעבן... איבער דער וועלט קומען פאַר אַזעלכע שווידערלעכע זאַכן... די אידן ווערן אַזוי אומבּרחמנותדיק אומגעבראַכט, און ער ברוך ליגט אין בעט און עס קוקט צו אים אַרויס פון דער פינסטערקייט אַ צלם, וואָס גלאַנצט אויף זיין ווייבס האַלז... עס דוכט זיך אים, אַז אַפּילו דער צלם מאַכט אים אַ פאַר־וואָרף... און וואָס איז געוואָרן האַרט מיט זיין פאַמיליע?... ווער ווייסט צי זיי זענען צווישן די לעבעדיקע?... און איצט דאָ, זיין פאַמיליע, וואָס קען ער פון זיי דערוואַרטן?... ער איז דאָך איצט איינער פון די, וועמען מען טוט אַ טובה און מען לאָזט לעבן... ווי גוט וואָלט אים געווען, ווען ער וואָלט איצט גע־קענט אַראָפּוואַרפן פון זיך די קייטן, וואָס האַלטן אים אַזוי געבונדן!... עס איז איצט אַ גיהנום ביי אים אין שטוב... אים איז אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה, איז לאָזט ער אויס צו זיי!... ניט שטענדיק זענען זיי אומגערעכט... ער איז לעצטנס געוואָרן נערוועז און פאַר יעדער קלייניקייט ווערט ער אין כעס...

ברוך האָט זיך א טאָפּ געטאָן ביים קאָפּ. יאָ, ער האָט פיבער. נאָך דאָס האָט אים געפעלט, איצט קראַנק צו ווערן!... איצט, ווען ער דאַרף זיין געזונט, עפּעס צו באַטראַכטן, עפּעס צו טאָן, ווערט ער פּלוצלונג קראַנק... ער האָט א וועק געטאָן די ווייב. זי האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וואָס איז דאָרט מיט דיר אין די נעכט? נאָר דו דרייסט זיך!...

— ראָסאַ, איך האָב פיבער...

זי האָט זיך עטוואָס אויסגעדרייט צו אים, א טאָפּ געטאָן אים דעם קאָפּ האַלב פאַרשלאָפן:

— יאָ, ס'איז אודאי פון ניט שלאָפן. ביסט לעצטנס אזוי מאָדנע...

— מאָדנע איך?...

— יאָ, דו, בערנאַרדאָ! דו גייסט לעצטנס ארום ווי א מענטש פון יענער וועלט! נאָר דו טשעפּעסט זיך! מען קען מיט דיר ניט אויסקומען! אָט רעדסטו מער ניט מיט לואיסן, וואָס האָט ער דיר אזעלכעס געזאָגט?...

— נאָך וויניק? ער האָט דאָך צו מיר געשריגן: ביסט א איד!...

— נו, וואָס האָט ער דיר דען געזאָגט? דו שעמסט זיך דערמיט? ביסטו עס דען ניט?...

— יאָ, איך בין עס און שעם זיך ניט דערמיט!... פאַרקערט, איך בין שטאָלץ דערמיט!...

— איז פאַרוואָס האָסטו זיך געכאַפּט שלאָגן לואיסן? פאַרוואָס ביסטו אזוי אָנגעצונדן געוואָרן, אז ביסט גרייט געווען אים צו דערהרגענען...

— דו פאַרשטייסט ניט! עס איז מיין קינד! און מיין קינד שרייט מיר דאָס אין די אויגן אריין, ווי עס וואָלט געווען א זינד!...

— נאַרישקייטן! נאַרישקייטן! וועגן דעם איז ניט כדאי קראַנק צו זיין!...

דעם צווייטן טאָג איז שוין ברוך ניט אויפגעשטאַנען צום עפענען דאָס געשעפט. דער פיבער איז געשטיגן, אז מען האָט געמוזט רופן א דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן רעצעפּטן, און צו דער פרוי האָט ער א זאָג געטאָן:

— די האַרץ איז ביי אים אביסל אָפּגעשוואַכט. ער טאָר זיך ניט אויפרעגן.

ברוך אליין האָט עס געפילט. ער האָט אינגאַנצן ניט געדאַרפט קיין דאָקטאָר. ער האָט געפילט, אז עס איז עפּעס ביי אים ניט אין אָרדענונג... עפּעס קלאַפּט ביי אים דאָס האַרץ... און ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר

דעם מאָמענט... ער, דער איינציקער איד אין שטעטל!... ער האָט זיך פאַר־טראַכט: עס איז דאָ עפּעס ערגערס ווי דער טויט... איינזאַמייט איז ערגער... און וואָס וועט זיין, ווען עפּעס וועט ניט שטימען, איידער ער מאַכט דעם באַלאַנס, דעם נשמה־באַלאַנס?... ער האָט נאָך געהאַט אַזעלכע האָפענונגען!... ער אַליין האָט ניט געפילט ווי שטאַרק קראַנק ער איז, ביז די ווייב האָט אָנגעהויבן צו אים אַזוי איידל צו רעדן... ער האָט אויך געהערט, ווי די ווייב שושקעט זיך מיט די קינדער, הייסט זיי זיין שטיל און אים ניט אויפרעגן, ווייל דער דאָקטאָר האָט געזאָגט... הייסט עס, אַז ער איז טאַקע אויף אַן אמת קראַנק!... און ער האָט אַ פיר געטאָן דעם באַלאַנס אין די רעיונות: מען וועט אפילו ניט וויסן וואו זיין געביין איז אהינגעקומען!... עס קען דאָך אַזוי ניט זיין! ניין! ער קען אַזוי ניט אויסגיין! אמת, די ווייב און אפילו די קינדער וועלן אים באַוויינען, אָבער וואו וועלן זיי אים לייגן?... עס איז אים געוואָרן היים, גאָר היים... די האַרץ האָט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו קלאַפּן... די ווייב איז געוואָרן צעטראָגן און געשיקט נאָכן דאָקטאָר.

ברוך האָט אַ רוף געטאָן דער ווייב:

— ראָסאַ, איך וויל זיך מיט דיר אַדורכרעדן...

— שטרענג זיך ניט אָן, בערנאַרדאָ! מיר וועלן נאָך רעדן און רעדן!

— ניין, ראָסיטאַ! עס איז אפשר נישטאָ קיין צייט...

— נאַרישקייטן! נאַרישקייטן! לאָז עס פאַר אַ צווייט מאָל! דער דאָק־טער וועט באַלד קומען!

— ראָסיטאַ, דו ווייסט, אַז איך בין אַ איד?...

— יאָ, בערנאַרדאָ!

— ווען איך וועל שטאַרבן, זאָלסטו מיר איבערשיקן צו די אידן אין האַוואַנאַ...

— נאַרישקייטן! טראַכט אפילו ניט דערפון!

זי האָט אים אַ טאַפּ געטאָןביים קאָפּ, און זיך איבערגעצלמט: ער רעדט נעבעך פון היץ!

ברוך איז צוגעשטאַנען:

— שווער מיר צו, ראָסיטאַ! איך בעט דיר! געדענקסט ווי איך האָב דיר אַמאָל געבעטן זאָלסט מיר בלייבן געטריי?... היינט בעט איך דיר בלויז

האָס!... עס איז ביי מיר דאָס גרעסטע, וואָס דו קענסט טאָן פאַר מיר!... איך בין דאָך דער פאָטער פון דיינע קינדער!...

זי האָט דערפילט אין זיין קוק פון די אויגן, אז עס איז ביי אים דאָס גרעסטע. און מאָדנע: א געפיל פון רעספעקט צום מאן האָט איר אדורכגע־נומען. זי זעט ביי אים איצט א געפיל, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט ארויס־געוויזן. עס מוז עפּעס גרויסעס זיין אינם „איד"... ער האָט ניט קיין מורא פאַרן טויט! טראַכט ניט פון דאָקטאָר, נאָר טראַכט בלויז אין דעם. דאָס ער איז א איד!... טרערן האָבן איר אָנגעהויבן רינען פון די אויגן. זי האָט אים גענומען גלעטן און קושן:

— בערנאַרדאָ, צי וואָס זאָלסטו זיך אליין קרענקונג פאַרשאַפן?... מאַך זיך ניט נאַריש! דו וועסט לעבן! דו וועסט אלעס אזוי גוט זיין! דו ביסט דאָך נאָך אזוי יונג! איינגאַנצן זיבנאונפערציק יאָר ביסטו דאָך אלט! מאַך זיך ניט נאַריש!...

ברוך האָט זיך געבעטן:

— ראָסיטאַ, ראָסיטאַ! ווען איך וועל שטאַרבן, לאָז וויסן די אידן אין האַוואַנאַ! זאָל מען מיר אוועקפירן דאָרט, צו זיי אויפן בית־עולם! זאָגסטו מיר עס צו?...

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ער האָט אָנגענומען איר האַנט:

— שווער מיר צו!...

זי האָט א קוש געטאָן דעם צלם פון איר האַלז:

— איך שווער!...

— וועסט זיי געבן פינף הונדערט דאָלער.

— זי האָט זיך א רוק געטאָן האַלב דערשראָקן:

— דו רעדסט דאָך נארישקייטן, בערנאַרדאָ! נו, גוט!...

דער דאָקטאָר איז אריינגעקומען, א נעם געטאָן דעם פּולס, צוגעלייגט די טרובקע צום האַרץ. דער קראַנקער האָט אים אנטקעגנגעשמייכלט. דער דאָקטאָר האָט אים באַטראַכט, און א זאָג געטאָן:

— ער בעסערט זיך! עס וועט איבערגיין!

נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר איז אוועקגעגאַנגען, האָט בערנאַרדאָ גע־בעטן א ביסל וואַסער, און זיך איבערגעדרייט צו דער וואַנט. ער האָט זיך פאַרטראַכט אינם גרויסן גליק! די ווייב האָט געשוואוירן! זי וועט האַלטן וואָרט! ער קען איר! ער איז געווען אזוי גליקלעך!... עפּעס האָט ווידער א

קלאפּ געטאָן: טיק־טאק, טיק־טאק!... ווען ער קען, וואָלט ער א רוף געטאָן איצט ראָסיטאן, ער האָט עפּעס פארגעסן, יאָ, די קינדער...

די טאָכטער איז צוגעגאנגען:

— פּאפּא, פּאפּא!...

קיינער האָט ניט געענטפערט....

די טאָכטער האָט ארויסגעלאָזט א קוויטש. די מוטער און זון זענען צוגעלאָפן:

— בערנארדאָ!!!...

— פּאפּא!!!...

— כעסוס!

ער איז שוין געווען מיט יענע אידן, פון גרויסן חלום, און אפילו ניט געהערט דעם געוויין פון פרוי און קינדער...

דער „קוראַנדעראָ“

— 1 —

דער פרימאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן, זיך געריסן דורך די טויר־שטאַכעטן אין האָטעל אַריין, וואו איך בין איינגעשטאַנען. עס האָט זיך אזוי געוואָלט, אז דער טאָג זאָל שוין קומען. די קאָמאָרן האָבן אַ גאַנצע נאַכט ניט געלאָזט שלאָפן. איך האָב זיך געפּרעגלט אין אַ דושנער, טראָפּישער היץ.

איך בין אויפגעשטאַנען, דעם ערשטן טריט פון האָטעל ארויסגעשטעלט, איינגעאָטעמט די פרישע פרימאָרגן לופט, וואָס איז אַי פייכט אַי קיל. נאָך אַ נאַכט מאַטערניש איז דאָס אַלץ אַ דערפרישונג. עס דאַכט זיך, אז אַלץ איז ערשט ווידער געבוירן געוואָרן. די שטעטלדיקע, די גוטמוטיקע קובאַנער זיינען מיר אַנטקעגנגעקומען, און מיט דער שטענדיקער גרייטקייט צו דינען.

— דעם „פּאָלאָקאָ“ זוכסטו, סעניאָר.

— דעם „פּאַיסאַנאָ“?

— וואו עס זיינען די גרינע טירן, דאָרטן וואוינט ער.

כ'האָב באַדאַנקט. די קובאַנער זיינען געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן מיר צוגעטראָפן. איך בין צוגעגאַנגען צום איינציקן אידישן געשעפט. דער באַלעבאָס, אַן עלטערער איד האָט מיך באַגעגנט ביים טיר.

— שלום עליכם, אַ איד!

— עליכם, אַ איד!

— עליכם שלום!

— פון וואַנען פאָרט אַ איד?

— פון **האַוואַנאַ** קום איך! מען דאַרף אַ אידן אין אַ פּאַרוואָרפן שטעטעלע אויך אַמאָל אָפּשטאַטן אַ וויזיט.

דעם אידנס פּנים האָט זיך אָנגעהויבן אויסלייטערן. ער האָט א שאַר געטאָן די גרויע האָר, און מילדער, נאָכגיביקער א קוק געטאָן מיט די העלע אויגן. דאָס געקאַרבטע פּנים פון עלטער און נאָך מער פון ליידן, האָט אָנגעהויבן ארויסווייזן גאסטפריינטלעכקייט.

איז וואָס שטייט איר ביי דער טיר? קומט אַריין. זעלטן אַז עס ווייזט זיך ווען אַ איד.

דער איד האָט אָנגעהויבן רעדן, שלינגען די ווערטער מיט שנעלקייט. עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער האָט א געלעגנהייט מיט וועמען אויסצורעדן א אידיש וואָרט, א חוץ זיין ווייב. ער האָט מיר אָנגעהויבן שילדערן זיין עלנטקייט אינעם פּאַרוואָרפענעם שטעטל, וואו ער געפינט זיך שוין אכצן יאָר און ער קען זיך ניט ארויסרייסן.

אַ קונד איז אַריינגעקומען. דער איד האָט גלייך געביטן די מראה. אַ געמאַכט זיס שמייכעלע האָט זיך אָנגעהויבן אויסלייגן אויף די געקאַרבטע באַקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. אָט זיינען די פּאָר הויזן איבערגעגאַנגען אין רשות פון קונד, און אָט ליגן זיי שוין צוריק אויף די פּאָליצעס. דער איד הערט ניט אויף איינצורעדן, דערציילן די היסטאָריע פון די פּאָר הויזן, וואָס זיינען אַ זעלטנקייט, סיי אין שטאָף און סיי אין גענייענדלעך לאָזט זיך דער קונד איינרעדן. דער איד פּילט זיך אביסל פאַרשולדיקט קעגן מיר, און ער פּרואווט זיך פאַרענטפערן:

— איך בין געקומען אין שטעטל ווי אין אן אכסניה, בלויז, ווי מע זאָגט, אויף איבערצונעכטיקן. איך האָב געגלויבט, אז איך וועל פאַרדינען אַביסל געלט, וועל איך זיך אריינציען קיין האוואַנאַ אָדער גאָר אַהיים פאָרן. צום סוף בין איך שוין דאָ פאַרבליבן א תושב. וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, איז דאָס פאַר אַ לעבן? מען ווערט פאַרגרעבט. נישטאָ מיט וועמען א אידיש וואָרט אויסצורעדן. אין דער אַלטער היים בין איך געוואוינט געווען שטענדיק צווישן אידן זיך צו געפינען, אריינכאַפּן זיך אין בית־מדרש לערנען א בלאַט גמרא. און דאָ וואָס? אַפילו כשרות קען מען ניט אָפּהיטן... עס באַקומט ניט דער ביסן ברויט.

איך האָב אָנגעהויבן אַביסל טרייסטן דעם אידן:

— עס איז אומעטום אַלצאיינס... מען דאַרף אָפּוואַרטן... מען דאַרף האָפן.

די ווערטער מיינע האָבן דעם מינדסטן איינדרוק ניט געמאַכט אויפן עלנטן אידן. ער האָט ווייטער אָנגעהויבן רעדן:

— מיין ווייב איז דאָך דאָ אינגאַנצן א תל געוואָרן. זי איז קראַנק,

צעבראָכן פון בענקעניש... אַפילו קיין שטיקל קינד איז נישטאָ מיט וועמען די צייט צו פאַרטרייבן. אײנגאַנצן אויס מענטש איז זי געוואָרן, מיין חנה. ווען איר וואָלט זי געווען קענען דעמאָלט, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אַהער? בלוט און מילך, ווי אַ בלום איז זי געווען. און היינט?...

דער אָנגעשטעלטער איז אַריינגעקומען און געשעפּט. דער איד האָט מיך פאַרבעטן אין שטוב אַריין. —

— קומט אַריין אין שטוב, די אַלטיטשקע מיינע וועט זיך דערפרייען מיט אַ אידן.

כ'האָב צוליב געטאָן דעם אידן, אַריין אינעווייניק. אַ שטאַרק פאַרעלטערטע פרוי איז מיר אַנטקעגנגעקומען און געפּרואווט אַ שמייכל טאָן.

— זיצט.

— 2 —

פון דריי צימערן איז באַשטאַנען די וואוינונג. אין איין צימער זיינען געשטאַנען צוויי בעטן, עטלעכע שטולן; אין אַנדערן צימער איז געווען בלויז אַ טיש מיט שטולן. דער טיש איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטעך, צוויי אַלט פרענקישע לייכטער זיינען געשטאַנען, דער חלב איז איבער זיי געווען שטאַרק צעשמאָלצן. דאָס דריטע צימער איז געווען די סאַליע. עטלעכע וויגשטולן זיינען געשטאַנען, אין אַ ווינקל איז אויך געשטאַנען אַ קליין שענקל מיט עטלעכע אַלטע פאַרגעלטע ספרים. אויף די ווענט זיינען געהאָנגען בילדער פון די עלטערן. די הדרת פּנימדיקייט פון די אידן מיט די לאַנגע בערד און פּיאות האָט דעם צימער צוגעגעבן אַ ספּעציעלן חן.

איך האָב זיך פאַרקוקט אויף די אינטערעסאַנטע פּנימער, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט צו מיר מיט זייערע קלוגע אויגן.

— דאָס זיינען אייערע עלטערן?

— דער פון דער זייט — איז דער איד געוואָרן רעדעוודיק — איז מיין פאָטער עליו־השלום. אַ קלוגער איד געווען, איך שעם זיך אים אין די אויגן צו קוקן. איר מיינט איך ווייס ניט, אַז היינט איז שבת? נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אויף וויפל איך קען, היט איך זיך אויס... מיר זיינען אין גלות...

די פרוי איז בשעת־מעשה געשטאַנען און אונטערגעקרעכצט. פון צייט צו צייט האָט זי זיך געהאַלטן ביי די זייטן.

— דאָס איז מיין מוטער, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי דאָרט האָבן, אַ

צדיקת געווען... אַ נחת זיך דערלעבט. —

פלוצלונג האָט זיך די פרוי אַ כאַפּ געטאָן, זיך אין עפּעס דערמאָנט. זי האָט אויפגעעפנט די הינטערשטע טיר, זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן אַ גלאָז, וואָס איז געשטאַנען גלייך ביים אַריינגאַנג. דאָס גלאָז איז געווען אָנגעפילט מיט וואַסער און פאַרשידענע גראָזן. דאָס וואַסער האָט אויסגעזען טיילווייז גרין, מוטנעדיק, מיסטיק. די פרוי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן שעפּטשען מיט די ליפּן. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן טרינקען, קרימענדיק זיך פון דער שטאַרקער ביטערקייט.

דער גאַנצער ענין איז פאַר מיר געווען אַ מיסטעריע. איך האָב זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פון מיין נייגעריקייט.

— ס'איז אַזאַ מעדיצין — האָב איך זיך געווענדעט צו דער פרוי.

— אַזוי ווי מיט דער האַנט נעמט עס צו די קראַנקהייטן — האָט די פרוי זיך אָנגעהויבן רויטלען און שלאָגן מיט דער דעה צי זי זאָל מיר אַלץ דערציילן.

איך האָב אָנגעהויבן צושטיין צו איר, אַרויסווייזנדיק אַ גרויסן אינטערעס. זי האָט קענטיק אָנגעהויבן גלויבן, אַז מיין אינטערעס קומט פון דעם, וואָס איך וויל אוודאי זיך אויך עפּעס אָנהויבן היילן, און זי איז געוואָרן באַרעדעוודיק.

— איך בין שוין אַ לענגערע צייט קראַנק. אין דער אמתן ווייס איך ניט וואָס עס איז מיט מיר. איך בין שוין געווען ביי פאַרשיידענע דאָקטוירים, זיי האָבן מיר אַלע מאָל געגעבן אַנדערע מעדיצינען, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. און איצט ווען איך נעם נאָר די מעדיצין, אַ גלאָז וואַסער מיט די קרייטעכצער ווערט מיר גלייך בעסער.

איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן און זיך צעלאַכט...

די פרוי איז געוואָרן ערנסטער, זיך אָנגעהויבן שווערן:

— ווי עס איז היינט שבת־קודש אויף דער וועלט ווי עס העלפט. איך האָב אַמאָל אויך ניט געגלויבט. איך האָב אַמאָל אויך געלאַכט דערפון... גאַנצע חכמות זיינען אַמאָל פון אַ פּראָסטן בשר ודם ישוער צו פאַרשטיין. אַז די שכנטע איז מיר אַמאָל געקומען רעדן דערפון, האָב איך זי אַרויסגעטריבן. נאָר אַז איך האָב געזען באַשיינפּערלעך מיט מיינע אויגן... מע האָט דאָ ניט צו טאָן מיט איינפאַכע מענטשן... עס איז דאָך ניט קיין דאָקטוירים... עס איז דאָך פון גאָט... אַז מיין שכנה האָט מיר דאָס ערשטע מאָל אָוועקגעפירט אַהין, האָב איך זיך דערשראָקן. וואָס טוט זיך דאָ? און וואו בין איך אַריינגעפאַלן? און איך זאָג אייך, ווען איר דערזעט אים דאָס ער־

שטעמאָל, וואָלט איר זיך אויך גאַנץ גוט איבערגעשראָקן. די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט פאַרשיידענע זאַכן. עטלעכע אויסגעטריקנטע גראָזן, אַן אויסגעבויגן פאַרזשאַווערט מעסער, פאַרשיידענע געטשקעס, צונויפגעשטעלט פון בלערליי זאַכן, וואָס וואַרפן אַן אַ שרעק. אויף אַן אַלטער טאַבורעטקע, באַצירט מיט אַ האָריקער פעל, איז געזעסן אַן אַלטער נעגער. אויפן האַלדז האָט ער געטראָגן פאַרשיידענע קמיעות. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט זיינע שאַרפע אויגן. מיין שכנה האָט מיך צוגעפירט נאָענט צו אים. ער האָט זיך איינגעגעסן אין מיינע אויגן.

— דו ביסט אַן אויסלענדערין?...

— יאָ, אַן אויסלענדערין. אַ איד...

—אַ איד?

— אַ אידישע?...

— וואָס ביסטו געקומען צו מיר?

— איך בין קראַנק. מיין באַקאַנטע האָט מיר געזאָגט, אַז דו קענסט היילן.

— איך קען ניט גלאַט אַזוי היילן...

— נו, ווי דען?

— מע דאַרף גלויבן.

— אין דיין גאָט ?

— ניין, ניט דאָס, דו קענסט גלויבן אין וועלכן גאָט דו ווילסט, נאָר דאַרפסט אויך גלויבן אין מיר, אין מיין רפואה...

— איך גלויב ניט קיין מענטשן, איך גלויב נאָר אין גאָט !

— וועט די רפואה ניט העלפן... דו מוזט זיך גוט פאַרטראַכטן... אַ מענטש קען אויך אַמאָל ברענגען אַ נס... ווען דו גלויבסט אין מיר גיב איך ווייטער איבער דיין גלויבן... טאָרסט מיר אין די געדאַנקען ניט נאַרן. ווען אַנדערש, וועל איך עס קענען איבערגעבן די „עספּיריטוס"... דו מוזט האָבן אמונה... ווען דו וועסט האָבן גלויבן, זאָלסטו קומען צו מיר...

די שכנה האָט זיך אַריינגעמישט:

— קוראַנדעראָ, זי איז געהאַרכזאַם, זי וועט גלויבן! זי איז זייער אַן ערלעכע פרוי, זי וועט ניט דערציילן... טו עפּעס פאַר איר...

דער קוראַנדעראָ האָט ווידער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע שאַרפע אויגן.

איך האָב פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן: ווער ווייסט גאָטס דרכים? אפשר איז ער, דער גוי, פון די פאַרבאָרגענע צדיקים?

ער האָט מיר ווידער א פרעג געטאָן:

— דו גלויבסט ?

— איך גלויב !

ער האָט אָנגעהויבן זאָגן פארשידענע שפּרוכן. קיין איין וואָרט האָב איך ניט פארשטאַנען. דערנאָך האָט ער גענומען קוקן אויף מיינע נעגל, אָנגעהויבן זיי רייבן מיט א ביינדל. איך האָב אָנגעהויבן פילן שטאַרקע ווייטאָקן. ער האָט ווידער מיר געשטעלט די פראַגע, צי איך האָב אמונה. און אז איך האָב אים פארזיכערט, אז איך גלויב אין אים, האָט ער אָנגעהויבן שמייכלען, ווישנדיק זיך בשעת מעשה מיט א רויטער פאַטשיילע דעם גלאַנציקן שטערן. דערנאָך האָט ער פון די ווענט אראָפּגענומען כלערליי אויסגעטריקנטע גראָזן און פון א הילצערנעם קעסטעלע האָט ער מיר געגעבן א ביסל צעריבענעם ביין...

— נעם דאָס מיט אהיים, קריסטיאַנאַ. יעדן אויפדערנאַכט זאָלסטו צוגרייטן אזא גלאָז מיט גראָזן און עס ארויסשטעלן פאר דער טיר. די „עס־פּירימוס" וועלן קומען פארזוכן. צומאָרגנס זאָלסטו עס אויסטרינקען... האָב גלויבן, און דו וועסט געזונט ווערן. יעדן טאָג זאָלסטו אזוי טאָן: נאָר פארגעס ניט, איידער דו גייסט עס טרינקען א שפּרוך צו זאָגן, אז דו גלויבסט באמונה שלימה...

— 3 —

דער פארנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן ארייננרייסן. אויפן הימל האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן רויטע פלעקן פון דער אונטערגייענדיקער זון. די שטעטלדיקע האָבן אָנגעהויבן צומאכן די געשעפטן. בלויז האַלבע טירן האָבן זיך נאָך ארויסגעוויזן, וואַרטנדיק אויף א פארשפּעטיקטן קונד. דער איד איז אויך געשטאַנען ביי דער האַלב־צוגעמאַכטער טיר און אויך אויסגעקוקט א פארשפּעטיקטן, וואָס איז ניט געקומען.

ער האָט אויף מיר א קוק געטאָן:

— איר וועט אפשר ארייננגיין אין שטוב ? איך מוז זיך נאָך זוימען אביסל.

איך האָב פארשטאַנען, אז דער איד פילט זיך א ביסל אומבאַקוועם אין מיין אָנוועזנהייט צו ציילן דעם טאָג פדיון, און איך בין אריין אין שטוב.

די פרוי האָט מיר געבעטן זיצן. זי האָט א קוק געטאָן אויפן הימל, ווענדנדיק זיך צו מיר:

— עס זיינען שוין דאָ שטערן, וואָס?

איך האָב אָנגעהויבן זוכן.

— עס זעט זיך שוין.

— מע קען שוין זאָגן „גאָט פון אברהם".

זי איז צוגעגאַנגען צום קראַן, באַנעצט די שפּיץ־פינגער און אָנגעהויבן זאָגן „גאָט פון אברהם". דערנאָך, אַז זי האָט אָפּגעזאָגט, האָט זי מיר א ברייטן „גוט וואָך" געזאָגט, ווינטשנדיק אי מיר אי זיך א גוטע מזלדיקע וואָך.

איך האָב אָנגעהויבן קוקן אויף דער מאָדנער פרוי, און זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פון פרעגן:

אַז איר זענט אזאַ גלויביקע, וואָס זשע היילט איר זיך ביי קוראַנדעראָס?

די פרוי האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר א פּאָר אויגן.

— איך צלם זיך דען?...

— איר דינט דאָך צו צוויי געטער, דאָס וואָס איר טוט איז דאָך געצנ־דינעריי... דער רופא איז דאָך ניט קיין דאָקטער... א אידישע טאָכטער טאָר ניט גלויבן אין די זאַבאָבאָנעס, אין די זנאַכערס...

די פרוי האָט געמאַכט א פאַרשולדיקט פּנים:

— מען איז דאָך אַזוי עלנט, מען איז דאָ אָפּגעריסן פון אידן. מען מוז דאָך אין עפּעס גלויבן... אַלץ איז דאָך ניט הפקר... גאָט פירט דאָך די וועלט.

איר גאַנצער ענטפער האָט מיך צעטומלט. איך האָב זי אָנגעהויבן צור־רעדן, זי זאָל ארויספאָרן קיין האַוואַנאַ.

איר מאַן איז אריינגעקומען. דעם ברייטן „גוט וואָך" געזאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט פון בית־המדרש אהיימגעקומען. ער האָט אָנגעצונדן א ליכטל און אָנגעהויבן זאָגן הבדלה.

די לופט האָט מיך אָנגעהויבן צו שטיקן. איך בין ארויס אין הויף, זיך אוועקגעשטעלט קוקן אין דער נאַכט אריין. פון ווייטנס האָט זיך געהערט ווי עס קוואַקען די זשאַבעס. די הינט פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך צעבילט אויף דער לבנה. די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מער פינצטערן. פון אידנס שטוב האָט זיך געהערט די בנעימותדיקע שטים, וואָס האָט גע־האַלטן אין אונטערברומען המבדיל בין קודש לחול...

אין דער זייט, הינטער דער טיר, איז ווידער געשטאַנען א גלאָז וואַסער מיט די גראָזן, וואָס דער רופא, דער קוראַנדעראָ האָט געהייסן טרינקען...

די גרויסע האָפענונג

— 1 —

די נאַכט האָט זיך פאַרנעדיק געקנאָטן, זיך געוויקלט אין די לייבער. אויך אין פּאַרק איז קיין טראָפּן לופט ניט געווען. די וואַרעמקייט האָט געשטיקט און שווייסיק זיך איינגעגעסן קיצלענדיק אונטער דער הויט. די מענטשן האָבן דעם שוויים ניט געקענט דערווישן, קאָמענטירנדיק ווי שטענדיק, אז אַזעלכע הייסע נעכט איז שוין לאַנג ניט געווען. אפילו די ביימער וואָס וויגן זיך פון צייט צו צייט זענען דאָס מאָל געשטאַנען, זיך א ריר ניט געטאָן, פונקט ווי סאָלדאַטן ווען זיי שטייען פאַר זייער עלטסטן.

פנחס מערמאָוויטשן איז געווען מער הייסער פון אַלעמען, ביי אים אין די רעיונות האָט זיך געבלעזלט א שווערער טאָג אַרבעט און האָט זיך געבונדן מיטן זון דעם דאָקטאָר...

די ווייב האָט אים פאַרשטאַנען, כאָטש זיי האָבן זיך ניט צוזאַמענגערעדט, האָבן זיך זייערע געדאַנקען געבונדן, ווייל דער הויפּט געדאַנק איז געווען זייער קינד יואל, זייער דר. כוליא מערמאָוויטש. דער זון דער דאָקטאָר האָט זיך געבונדן מיט אַלץ, איז געווען די גרויסע האָפענונג. וויפל מאָל זיי האָבן ניט באַדויערט וואָס גאָט האָט זיי מער ווי איין קינד ניט געגעבן, איז פאַר זיי דאָך געווען א גרויסע טרייסט דאָס, וואָס זיי האָבן דעם זון געמאַכט פאַר אַ דאָקטאָר. ניט קיין קלייניקייט אַ דאָקטאָר! ניט איינמאָל האָט זיך פנחס פאַרטראַכט אין דער גרויסער געשעעניש, ער געדענקט נאָך גאַנץ גוט דעם דאָקטאָר מיט די גרויסע וואָנצעס אין זיין שטעטל, אין דער אַלטער היים. מיט וואָס פאַר אַ רעספּעקט מען פלעגט אים אויפנעמען? יעדעס מאָל ווען מ'האָט אים געדאַרפט רופן, האָט מען דאָך אפילו די שטוב ספּעציעל א ריניק געטאָן... און איצט האָבן זיי שוין אַן אייגענעם דאָקטאָר.

צייטנווייז האָט אפילו דאָס וואָרט „אייגענעם“ געקלונגען פרעמד ביי די מערמאָוויטשעס אין הויז. עס האָט געשניטן אינעווייניק אונטערן האַרץ.

זיי האָבן גאַנץ אַנדערש געגלויבט און גאַנץ אַנדערש האָט זיך אויסגעלאָזן. קליינערהייט איז דאָך יואל געווען אַזאַ גוט קינד, זיך געטוליעט צו דער מו־טער און מיטן פאָטער זיך געשפּילט און גע'חלום'ט די גרויסע האָפענונג: אַ דאָקטאָר!... און איצט?... אָפּט מאָל דאַכט זיך אויס, אַז זיי זענען זיך פרעמדע, האָבן זיך בלויז איינגערעדט, אַז זייער קינד איז אַ דאָקטאָר.

די נאַכט האָט פּנחס מערמאַוויטש ממש ניט געקענט איינזיצן אין פּאַרק. ער האָט געוואָלט אַ זאָג טאָן עלקען, אַז מען זאָל צופאָרן צו די קינ־דער אַ קוק טאָן וואָס זיי מאַכן, נאָר געזאָגט האָט ער גאַנץ אַנדערש:

— עלקע, וואָס ווילן מיר זיצן, זעסט דאָך, אַז עס איז ניטאָ קיין טראָפּן לופט! לאָמיר זיך אביסל אַדורכפאָרן אין אַ טראַמוויי.

— וואו וועט מען פאָרן?

— אַזוי זיך אביסל, כאַפּן לופט!

— עס איז דען דאָ?

— מען וועט אַ קוק טאָן!...

— צו די קינדער?...

— מען וועט אַ קוק טאָן אין דרויסן...

ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען און געשעמט אַרויסצוזאָגן, אַז עס ציט זיי אַ קוק צו טאָן אויפן דאָקטאָרישן שילדל, דאָס נחת זייערס, דאָס איינ־ציקע וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פון אַזויפיל אויסגעהאָרעוועטע יאָרן.

גייענדיק צום טראַמוויי האָט פּנחס זיך אַ וויש געטאָן דעם שוויים און אַ זאָג געטאָן כמעט ווי צו זיך אַליין:

ווען ניט די היץ וואָלט איך איצט ניט געפאָרן! עס איז שוין שפּעטלעך!

דאָס לעצטע וואָרט האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט פון אונטערגע־דאַנק. די פרוי עלקע האָט עס אויפגעכאַפּט:

— מען וועט דען אַריינגיין?...

— ווער זאָגט דען?

— און אַז מען וועט אפילו אַריינגיין איז וואָס? מיר גייען דען צו פרעמדע? עס איז דאָך אונזערע קינדער! שטענדיק דאַכט זיך דיר אויס, אַז זיי קוקן קרום, אַז מיר קומען צו אָפט... זיי שעמען זיך ניט! עס איז די היינטיקע וועלט.

זיי זענען צוגעקומען צום הויז, אַ קוק געטאָן אויפן שילד, ס'האָט אַ לויכט געטאָן אין זייערע אויגן ווי באַזעצט מיט דימענטן: דר. כוליאַ מערמאַ־וויטש. די איבעריקע ווערטער וואָס זענען געשטאַנען אויפן שילדל האָבן שוין פאַר אים ניט געהאַט דעם זעלבן ר ייץ. ד ע ר פ אָ ט ע ר ה אָ ט

אונטער דער צונג געקנאָטן די ווערטער און ווידער זיי געוועלגערט פון מח צו דער צונג: פנחס מערמאַוויטש און דר. יואל מערמאַוויטש... א מער־מאַוויטש, א דאָקטער... אזוי איז עס, זיין דר. מערמאַוויטש.

די עלטערן האָבן ארויפגעקוקט, עס איז געווען שטאַרק ליכטיק, עס האָט זיך אפילו געהערט שטימען פון דער שטאַרק באַלויכטענער וואוינונג. זיי האָבן אודאי געסט, מסתמא זענען אירע עלטערן אויך דאָרט... זיי ליידן אפילו ניט די מחותנים זייערע. ווי זיי בלאָזן זיך עס מיט זייער געלט? וואָס האָבן זיי דען נאָך? זיי האָבן דאָך בלויז געלט געגעבן און מיר האָבן זיי געגעבן א דאָקטאָר...

ניט איינמאָל האָבן די מערמאַוויטשעס וועגן דעם צווישן זיך גע־שמועסט. ניט איינמאָל זענען זיי אהיים געקומען פון זייער אייגן קינד אנטוישטע, זיי האָבן זיך ניט איינמאָל געפילט ווי איבעריקע. דער פאַרדראָס איז נאָך געווען מער דערמיט, וואָס זייער שנורס עלטערן ווערן בעסער באַ־האַנדלט, אָפט מאָל פרעגט מען אפילו ביי זיי אן עצה, און מיט זיי וואָס האָבן געגעבן דעם דאָקטאָר, איז ניטאָ וואָס צו רעדן...

א ווייטיק זייער א שווערער האָט זיך פאַרקליבן אונטערן האַרץ, ניט געווען אפילו פאַר וועמען אויסצוגיסן דאָס האַרץ, וואָס איז דען דאָ וואָס צו רעדן אויף אייגענע קינדער?... זאָל כאָטש קיינער ניט וויסן זייער ווייטיק, זיי מיינען דאָך, די באַקאַנטע, אז מיר זענען די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. ניט איינער איז אונז מקנא מיט אונזער דאָקטאָר.

די עלטערן זענען געשטאַנען אין א פאַרלעגנהייט ביים שילדל. זיי האָבן ביידע איינער דעם אַנדערן אין די אויגן געקוקט, זיך געשלאָגן מיט דער דעה. די מוטער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, א טרייב טוענדיק די שלעכטע געדאַנקען:

— מען וועט אָנקלינגען! מען וועט זען וואָס די קינדער מאַכן!

פנחס האָט אָפגעזיפצט, ווי עס וואָלט אים א שווערער שטיין אראָפּ־געפאַלן:

— מען וועט זאָגן, אז מיר זענען פאַרבייגעפאָרן האָבן מיר געזען, אז עס איז ליכטיק, זענען מיר געקומען. מען האָט געמיינט, אז עס איז עפּעס געשען, חלילה?...

— מען דאַרף זיך ניט פאַרענטפערן! וואָס עפּעס פאַרענטפערן? קומען מיר דען ניט צו אונזערע קינדער?...

זיי האָבן אָנגעקלונגען, די דינסט האָט אויפגעעפנט, א שמייכל געטאָן, דאָך האָבן די מערמאַוויטש'עס דערפילט ווי א שפּילקע וואָלט זיי ערגעץ ביים

האַרץ אַ שטאָך געטאָן. דער שמייכל האָט זיך פאַר זיי אויסגעלייענט: ווי די „שנור" וועט זיך עס דערפרייען מיט די נייע געסט?...

זיי זענען אריינגעגאַנגען אינם עס צימער. אַ ריח פון פאַרשיידענע מאַכ־לים און געטראַנקען האָט זיי אַ שפּיז געטאָן אין די נאָז לעבער. זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיטן זונס, ער איז עפּעס פאַרויטלט געוואָרן אנטקעגנ־גייענדיק:

— וואָס איז געשען, פּאַפּאַ, מאַמאַ?

— וואָס דאַרף דען געשען, מיין זון? — האָט די מוטער אַ שמייכל גע־טאָן. דעם טאַטן האָט זיך אָנגעשמעקט זען דעם דאָקטאָר, זענען מיר געקומען.

— פּאַפּאַ!... קע פּאַסאַ? (וואָס איז געשען).

— וואָס דאַרף דען געשען? שוין ניט געווען ביי אייך עטלעכע טעג, געוואָלט זען וואָס דו מאַכסט. ניט געוואוסט, אַז דו האָסט היינט אַ פּיעס־טע! (אַ יום טוב).

— גאַנץ גוט! גאָר גוט! צום בעסטן!... נו זעצט זיך! עס איז ניט קיין פּיעסטע, עס איז אַזוי זיך צווישן חברים.

— מיר גייען באַלד אַוועק! — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן אין אַ העכערן טאָן, ווי איינער זאָגט: מעג עס אפילו זיין ביי אייגענע קינדער ווילן מיר ניט זיין קיין אומגעבעטענע געסט!... דאָס איז גיכער געזאָגט געוואָרן פאַר דער שנורה, וואָס האָט גענומען צושטעלן צוויי שטולן, ניט איבערדרייסנדיק דעם שמועס וואָס זי האָט געפירט מיט אַ חבר'טע.

דער שמועס וואָס איז געפירט געוואָרן אונטער דער שטימונג פון קאָ־ניאַק, איז געווען וועגן טענץ, אַקטיאָרן און וועגן גאָרניט... יואל'ס עלטערן האָבן אָפּטמאָל אפילו ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס זיי צולאַכן זיך אַלע ווײַלע. זיי האָבן געפּרוּווט מיטלאַכן, נאָר עס האָט זיך זיי ניט געקלעפּט. זיי האָבן עס בלויז געטאָן, ווייל אַזוי האָבן אויך געטאָן אירע עלטערן פון וועלכע זיי האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אָפּשטיין. דאָס אונטערלאַכן האָט געזאָלט הייסן: עס איז אונזערע קינדער, האָבן מיר אויך אַ רעכט צו לאַכן...

דעם פאָטער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן לאַנגווייליקן. די היץ האָט אים אָנגעהויבן ווי איינצושלעפערן, די מידקייט פון אַ שווערן טאָג ארבעט האָט אים אָנגעהויבן באַפאַלן, דאָס גלעזעלע וואָס ער האָט אויסגעטרונקען האָט אים שווייגענדיק איינגעהילט אין זייגע געדאַנקען, ער איז אין דעם מאָמענט געווען מיט זיך אַליין און אַ צי געטאָן די הענט פון מידקייט. דאָס

מויל האָט זיך אָן עפן געטאָן און אַ גרויסער גענעץ האָט איבערגעריסן דעם עס זאַל און אָפּגעקלונגען אין אויסגעשאָסענעם געלעכטער... דער זון האָט זיך פאַרוויטלט און אַ געשריי געטאָן:

— פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!

פאָטער און מוטער האָבן געזוכט די ערד, נאָר די ערד האָט זיך ניט געעפנט...

אַזוי דאַכט זיך, האָט מען זיי אינגאַנצן ניט געזען, און מיט איין מאָמענט האָבן זיך אַלע אויגן אָנגעשטעלט אויף אים, ווי ער וואָלט דעם גרעסטן פאַרברעכן באַגאַנגען. ער האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן, אַ ניט דערשאָכטענער, נאָך מער ווען עלקע אַליין האָט צו אים בייז אַ זאָג געטאָן אַ פאַרשעמטע:

— נו, קום שוין! קום! וואָס מיינסטע, דו ביגסט ביי דיר אין שטוב זיך? האָבן איר טרערן אָנגעהויבן שטיקן אינערלעך.

אַ קוק טוענדיק אויף דער מוטער האָט זי מסתמא אויסגעזען געניג קאָמיש, ווייל די פּנימער פון די יונגעלייטלעך מיט די יונגע פרויען האָבן זיך אָנגעהויבן איבערקוקן מיט אַן אונטערדריקטן שמייכל.

דער פאָטער האָט זיך געפּרואווט פאַרענטפערן, אַז עס האָט עפּעס ביי אים פון בראָנפן געדרימלט, ער ווייס אַליין ניט, נאָר עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער געפינט זיך אין בעט. די מחותנים האָבןביידע מיט איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— גייט טאַקע, רוט זיך אויס, איז זייט מיד! נעבעך מיד! — האָט די מחותניסטע צוגעגעבן.

זיי האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון די פּלעצער, די בושה האָט ניט אויפגעהערט צירקולירן אין דעם בלוט. די מוטער האָט מיט פאַרביסנקייט געטראַכט: זיי טרייבן אונז אַרויס פון אונזער אייגן קינד! וואָס האָבן זיי מער ווי געלט? נו יאָ! זיי האָבן מזל! געלט און מזל...

שטייענדיק אויף דער גאַס האָבן זיי ווידער אַ קוק געטאָן אויפן שילדל אויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס שילדל לאַכט זיי אין פּנים אַריין און איז זיי אָנגעהאַנגען אויף זייערע מידע פּלייצעס...

— 2 —

פּנחס מערמאַוויטש האָט געטראָגן דאָס פּעקל סחורה. גייענדיק פון איין קונד צום צווייטן האָט ער דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט. עס איז אים נאָך

קיינמאָל אזוי שווער געווען די ארבעט ווי איצט, די פים באַוועגן זיך אײַנגאַנצן ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעטיילט פון קערפּער, עס פעלן אים אפילו אוים ווערטער צום איבערצייגן די קונדן וועגן זיין סחורה. א טייל פון די באַקאַנטע קונדן האָבן אים שוין אפילו געפרעגט צו ער פילט זיך ניט גוט, עפּעס זעט ער אוים אזוי מיד, ניט אויסגעשלאָפן...

ער טראַכט טאַקע פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, אפילו זיין אייגן ווייב וואָס פארשטייט אים אזוי גוט, האָט אים נעכטן בײַנאַכט אויך ניט געקענט פאַרשטיין... אויך זי האָט אים געיאָדעט. טאַקע ניט געדאַרפט אַ גאַנצן טאָן אזוי הויך אויפן קול, די מידקייט האָט געפּלאַצט...

פּנחס איז אריין צו א קונד אין שטוב אַריין איינמאָנען אביסל געלט. די שטוביקע האָבן אים געהייסן אונטערוואַרטן, ווייל דער פאָטער איז נאָך ניט אַהיים געקומען. זיי האָבן אים געלאָזט זיצן אין זיינע געדאַנקען, עס איז אים אפילו אָנגענעם געווען דאָס וואַרטן. מחשבות האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלופטערן, איין געדאַנק נאָך דעם אַנדערן. ער איז שוין איבער צוויי צענדליק יאָר א פּעדלער, ניט געקענט צוקומען צו עפּעס, ווייל ער האָט געוואָלט מאַכן דעם זון פאַר אַ דאָקטאָר, איצט, אז דער זון איז שוין אַ דאָקטאָר בעסערט עס אויך ניט אוים זיין לאַגע... און אז דער זון איז געוואָרן א דאָקטאָר האָט ער ווידער געמוזט זאָרגן דערפאַר ער זאָל הייראַטן א רייך מיידל, כדי צו קענען דערגרייכן א קאַריערע. מען האָט דאָך געמוזט איינאָרדענען א דאָקטאָרס קאַבינעט, דאָס קאָסט דאָך זייער א סך געלט. און ווידער קומען מחשבות: די מחותנים! די זעלבע מענטשן ווי זיי, עס האָט זיי בלויז אָפּגעגילט דאָ אין קובאַ! זיי האָבן געמאַכט געלט! מען שאַצט זיי, אז זיי פאַרמאָגן עטלעכע הונדערט טויזנט דאָלער! ווען ער פאַרמאָגט א העלפט פון דעם, וואָלט שוין גאַנץ אַנדערש געווען! ער וואָלט שוין אפילו געמעגט גענעצן... אָט זיצט ער איצט און וואַרט, די אברים טוען וויי, ער וואָלט גאָר געדאַרפט גיין צו אַ דאָקטאָר!... אינערלעך גיט אים דאָס לעצטע וואָרט ממש א ביס... א דאָקטאָר? האָט ער דען ניט אַן אייגענעם דאָקטאָר?... ער וועט אַהיימגיין און אים לאָזן רופן. אזוי ארום וועט א סך זאַכן פאַרענטפערט ווערן, אפילו דאָס נעכטיקע... ער וועט אַהיימגיין טאַקע איצט אינמיטן דער אַרבעט! די קונים וועלן ניט אנטלויפן! ער פילט זיך טאַקע ניט גוט! די כוחות גייען אים אוים!

ער איז אַהיים געקומען, דאָס פּנים איז געווען שטאַרק אויסגעמאָרדעט, פול מיט יסורים, אז די ווייב האָט זיך איבערגעשראָקן.

— ווי דו זעסט אוים פּנחס!

— איך פיל זיך עפּעס ניט גוט! עס האָט מיר עפּעס פאַרשאַט!

— וואָס האָט דיר דען געקענט פאַרשאַטן? האָסט ניט געגעסן עפּעס עס זאָל דיר שאַטן. דו פאַלסט דאָך אײַנגאַנצן פון די פיס...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט, זי האָט א הויב געטאָן די דעקע און א זאָג געטאָן:

— אפשר א רוף טאָן א דאָקטאָר?

ער האָט זיך א צאַפּל געטאָן און בשעת מעשה א טראַכט געטאָן: פאַר־וואָס זאָגט זי ניט, אַז מען דאַרף רופן דעם זון? מיינט זי ניט דעם אייגענעם דאָקטאָר זייערן?... האָט ער ניט זיין אייגענעם דאָקטאָר?... ער האָט שטיל א רעדט געטאָן:

— וועלכן דאָקטאָר וועסטו רופן?

זי האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיך פאַרשעמט פון צעטומל־קייט, זי האָט דאָך אין דעם מאָמענט אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַז זיי האָבן שוין אַן אייגענעם דאָקטאָר. אמת זיי אַליין האַלטן נאָך ניט, אַז די יונגע דאָקטוירים טויגן צו עפּעס! זיי לייגן דאָך אפילו ניט צו דעם קאָפּ צו דער אַרבעט!... נאָר זייער זון! און צו אַן אייגענעם טאָטן!...

— כ'וועל א רוף טאָן יואַל'ן! — האָט די ווייב א זאָג געטאָן. זע נאָר ווי דו זעסט אויס? איך שרעק זיך דאָך! אדרבה, גיב א קוק אין שפּיגל!

זי האָט אים דערלאַנגט א שפּיגל, ער האָט א קוק געטאָן, די ווייסע האָר, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן זענען איצט געוועןאינגאַנצן אויסגעשפּרייט, די אויגן זענען געווען ווי קישעלעך, דאָס גאַנצע פּנים גע־קאַרבט און אויסגעגאָסן אין אַלטקייט, אפילו די ליפּן האָבן זיך ווי גע־טרייסלט. ער האָט א זאָג געטאָן אין פאַרלעגנהייט:

— עס איז די יאָרן!...

— די יאָרן? דו ביסט נאָך ניט אזוי אַלט! דו ביסט דאָך נאָך אפילו קיין פופציק יאָר ניט אַלט!... וואָס פאַר א נאַרישקייט פּלאַפּלסטו?... די מענער, אַז עס ווערט זיי נאָר עפּעס הויבן זיי זיך גלייך אָן צו פּיעשטשען!... מיט וויפל בין איך עס אינגער פון דיר?

— ביסט דען אינגער?...

— נו, אַז די זעלבע יאָרן, איז וואָס? די מחותניסטע אונזערע זעט אויס עלטער פון מיר, און זי איז נאָך א גאַנצע מאַדאַם!

פּנחס האָט א קרעכץ געטאָן, עפּעס ווי נאָדלען וואָלטן אַרומשפּאַצירט אין קערפּער. עס האָט אים אָנגעהויבן שרעקן און ווידער האָט א בליץ געטאָן אין מח: דער דאָקטאָר!

עלקע איז ארויסגעלאָפן פון שטוב און אַ רוף געטאָן אויפן טעלעפאָן. דער זון איז ארויסגעקומען ביים טרייבל, די מוטער האָט אים גלייך דער־קענט און אַ פרעג געטאָן:

— דאָס ביסטו, יואל?

— יאָ, מאמע!

— דער טאַטע פילט ניט גוט!

— דער טאַטע?

— יאָ!

— וואָס איז אים?

— עס שטעכט אים! ער איז אהיים געקומען פון דער ארבעט אינמיטן טאָג! ער איז זייער שוואַך!

— רוף אפשר אַ דאָקטאָר?

— אַ דאָקטאָר? וועלכן דאָקטאָר?

— וועלכער עס איז, איז גוט!...

— דו ביסט דאָך אַ דאָקטאָר! האָסט פאַרגעסן?...

— הם... איך האָב איצט קיין צייט ניט! מען האָט מיך גערופן צו אַ פאַציענט!

— אָבער דער טאַטע! דיין טאַטע!

— נו מאמאַ! פאַרשטיי! איך מוז דאָך גיין! איך וועל אפשר ביינאַכט זיך צוכאַפּן זען וואָס ער מאַכט!

— נו פאַרשטיי, מיין קינד! דער טאַטע...

געוואָלט האָט זי זאָגן דעם זון דעם דאָקטאָר, אז דער טאַטע וועט זיך פילן נאָך מער געערגערט ווען דער זון דער דאָקטער וועט ניט קומען. ער פילט זיך זייער ניט גוט דער טאַטע און עס וועט אויף אים מער נאָך ווירקן... זי האָט אים אויך געוואָלט זאָגן אז דער טאַטע פילט ניט גוט, אז ער איז זייער קראַנק, נאָר זי האָט איר קינד ניט געוואָלט אַזויפיל איבערשרעקן! זי האָט דאָך ניט גערעדט צו קיין פרעמדן דאָקטאָר!... נאָר געזאָגט האָט זי עפּעס אנדערש אין טעלעפאָנישן טרייבל:

— אפשר וועסטו מיר זאָגן אויפן טעלעפאָן וואָס איך זאָל קויפן אין אפטייק?

— רוף אַ דאָקטאָר, מאמאַ!

— אָבער...

— מאַמאַ! איך מוז שוין גיין! גרים אים!...

זי האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל, געבליבן שטיין אַ היפּש ביסל צייט

אין א פאַרלעגנהייט. זאָל זי איצט אהיימגיין? וואָס וועט זי זאָגן פנחס'ן? יאָ זי וועט אהיימגיין, פון שטיין אויף דער גאַס אזוי, וועט גאָרניט ארויס־קומען! פנחס מוז שוין דאָרט זיין אומגעדולדיק! זי האָט אָנגעהויבן גיין און געפילט בשעת מעשה ווי זי וואָלט זיך צוריקגעקערט פון א בית עולם. זי האָט געפרואווט בינדן די געדאַנקען, נאָר עס האָט עפּעס געטומלט אין קאָפּ. וואָס זאָגט מען פנחס'ן?... איך קען דאָך אים איצט אזוי נישט וויי טאָן? אין דעם מאָמענט האָט זי בלויז געטראַכט: ווי גוט וואָלט געווען ווען איר זון איז נישט קיין דאָקטאָר. זי האָט געשטיקט די טרערן, וואָס האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן. וואָלט פנחס נישט געלעגן קראַנק, וואָלט זי אליין זיך איצט געלייגט...

זי איז אריינגעקומען אין שטוב, כמעט זיך אריינגעשאַרט און נאָך אלץ געטראַכט וואָס זאָגט מען פנחס'ן? ווי אזוי מאַכט זי, ער זאָל נישט דערקענען איר איצטיקע איבערלעבענישן? וואָס זאָגט מען אים?... זי רירט אָן די טיר, עפּעס הערט זיך דאַכט זיך א שטימע, א באַקאַנטע שטימע, חלומט זי בלויז? עס איז דאָך יואל! יאָ זי וואָלט געשוואוירן, אז עס איז נישט קיין חלום! ער איז עס! זי ווישט א טרער וואָס לאָזט זיך נישט פאַרווישן, לייגט זיך אויס אויף די באַקן. דער זון לויפט אנטקעגן מיט א שמייכל:

— מאַמאַ! מאַמאַ! וואָס וויינסטו? עס וועט גאָרנישט זיין! ער איז בלויז שטאַרק אנגעשטרענגט, דער טאַטע! דער פּאַפּאַ וועט שנעל געזונט ווערן! ער דאַרף זיך בלויז אויסרוען!

די מוטער איז געשטאַנען און געשמייכלט דורך טרערן, זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט ארויסברענגען. דער טרערן קוואַל האָט זיך נאָך מער גע־עפנט, די פאַרשטיקטע טרערן פון דער גאַנצער צייט האָבן זיך ארויסגעריסן און געפּלאַצט ווי א דאַמבע. זי האָט א כאַפּ געטאָן דעם זון פּונקט ווי ער וואָלט נאָך געווען א קליין קינד און אים אָנגעהויבן טוליען צו זיך באַגיסנדיק אים מיט טרערן, ווערטער האָבן אָנגעהויבן זיך אויסמישן מיט טרערן, פּונקט ווי דער קראַנקער וואָלט נישט געווען דער פאָטער נאָר איר זון... זי האָט איבער אים אָנגעהויבן צערטלען:

— מיין קינד! מיין יואל'עלע! מיין קליין דאָקטאָרל!... דו ביסט דאָך אזא גוט קינד! דו האָסט דאָך נישט געקענט קומען... דו האָסט...

ער האָט איר גוטמוטיק ארויפגעלייגט א פינגער אויף די ליפּן, פון ער־געץ וואו האָט זיך אויך אָפּגעריסן א טרער. ער האָט גענומען גלעטן דער מוטער ווי זי וואָלט א קליין מיידעלע געווען. און א זאָג געטאָן מיט א לייכטן שמייכל:

— נו וויין ניט, מאַמאַ! איך האָב באמת ניט געוואוסט, אז דער טאַטע איז קראַנק! דו האָסט מיר געזאָגט, אז ער פילט ניט גוט, האָב איך געמיינט, אז עס איז ווידער ביי דיר אזוי א... איך האָב זיך גלייך געכאַפּט און דער־קענט אין דיין שטימע, אז דאָס מאָל איז עפּעס ערנסטעס! דער פּאָפּאַ דאַרף טאַקע זיין גוט קראַנק! דיין שטימע האָט דאָך אינגאַנצן געציטערט! איך האָב דאָך כמעט ניט פאַרשטאַנען אויפן מאָמענט!... זעסט דאָך, אז איך בין גלייך געקומען צופאָרן! נאָך פריער ווי דו בין איך אָנגעקומען!...

דער פאָטער האָט געקוקט דאָ אויף דער מוטער און דאָ אויפן זון און האָט עפּעס תופס געווען... ער האָט אנטקעגנגעשמייכלט און בשעת מעשה גע־טראַכט, אז עס איז אזוי גוט צו האָבן א זון אַ דאָקטאָר!... ער האָט נאָך קיין מעדיצין ניט גענומען, בלויז עפּעס א פּיל, וואָס דער זון האָט ארויסגענומען פון דאָקטאָרישן רענצל, און ער פילט שוין בעסער. ער האָט אפילו אָנגעהויבן פאַרטרייבן די בייזע מחשבות וואָס האָבן זיך געהאַט צעלייגט ביי אים אין די געדאַנקען וועגן זיין זון... עס איז אלץ ווערט געווען!... ווי ליב זיי האָבן זיך: די מוטער מיטן זון!

און ווידער האָט א מחשבה א ברום געטאָן: ווי גוט וואָלט געווען, ווען די מחותנים זעען עס? ער וואָלט אזוי געוואָלט זיי זאָלן איצט זיין ביי דעם דאָזיקן מאָמענט!... ער וואָלט אפילו גרייט געווען צו ליגן קראַנק נאָך א שטיקל צייט, אפילו א וואָך! און אפשר נאָך מער... אפילו די נעבטיקע געסט, די חברים פון זון זאָלן עס זען! זאָלן זיי דערפון דערציילן זייערע עלטערן! זאָלן זיי ניט נאָר דערציילן און לאַכן פון פנחס דעם פעדלער... וויפל וואָלט ער ניט געגעבן איצט אין דעם מאָמענט... עס האָט דאָך אלץ געלוינט פאר דעם איצטיקן מאָמענט! ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער שוין איצט ווידער געקענט נעמען דעם פּאַק און גיין פאַרקויפן!... די גאַנצע קראַנקהייט האָט אים דער זון שוין אוועקגענומען! די אַלע קראָפּלעס וואָס ער האָט פאַרשריבן דאַרף ער שוין אויף כפּרות! נאָר ער וועט זיי נעמען, ווייל עס האָט זיי פאַרשריבן זיין זון־דער דר. כוליאָ מערמאַוויטש! זאָל ער זען דער אַפּטייקער!...

דער קראַנקער איז איינגעשלאָפן געוואָרן מיט א צופרידענעם שמייכל, די מוטער איז ארויס פון איר נערוויאישן קריזיס. זי האָט זיך אביסל גע־שעמט. דער דר. מערמאַוויטש האָט עס פאַרשטאַנען און געפרואווט אויף א גוטן אופן אויסרעדן דער מוטער, אז ווען מען וויל זיין א גוטער דאָקטאָר מוז מען א סך אַרבעטן! זיי האָבן דאָך געשטרעבט ער זאָל ווערן א דאָקטאָר, נו איז ער עס! ער מוז אָבער זיין אַלעמענס דאָקטאָר! דאָקטאָרסטווע איז אַן אייביקע וויסנשאַפט! אייביקע פאָרשונג! אָט האָט מען אים איצט גערופן צו

א קראַנקן וואָס עס איז פאר אים וויכטיק געווען... ער גלויבט, אז זיין דיאַג־נאָז איז דער ריכטיקער, דערפאַר האָט ער איר געענטפערט, אז ער מוז זיין דאָרט...

ער האָט געוואוסט, אז ער זאָגט איר ניט דעם אמת, ער האָט אָבער פאַר־שטאַנען, אז זי וועט דרך ארץ האָבן.

זי האָט כמעט ניט פאַרשטאַנען פון דעם וואָס ער האָט גערעדט, זי האָט בלויז אויפגענומען דאָס, אז איר זון קלייבט זיך צו גיין העכער און העכער... ער וועט נאָך אמאָל זיין גאָר באַרימט... זאָל זי נאָר, גאָטעניו, דעם טאָג דער־לעבן!... צום זון האָט זי א זאָג געטאָן:

— אפשר דיר ארויפברענגען א קאַלטן טרונק? אפשר א שוואַרצע קאַפע מאַכן? נו זאָג מיין קינד! דו האָסט דיר איבערגעשראָקן מיין גרויסער דאָק־טאָר?

— ניין, מאַמאַ!... מיר זענען שוין צוגעוואוינט... א דאָקטאָר טאָר זיך ניט שרעקן! א דאָקטאָר דאַרף האָבן א רואיקן קאָפּ...

ער האָט זיך א הויב געטאָן פון פּלאַץ, די מוטער האָט אים מער ניט געזוכט אויפצוהאַלטן, זי האָט בלויז א פרעג געטאָן ווען ער וועט ווידער קומען? פאַרוואָס זאָל ער ניט קומען סתם אזוי אמאָל צו גאַסט? און זי האָט צוגעגעבן:

— א שנור איז אויך א טאָכטער!...

דער זון האָט אָנגעזאָגט דער מוטער, אז זי זאָל אַכטונג געבן אויפן טאַטן, ער דאַרף זיך אויסרוען און זיך ניט נעמען צום האַרצן יעדער קלייני־קייט. ער מעג זיך אָפּהיטן, און אויב ער וועט קענען וועט ער זיך צוכאַפּן ביינאַכט א קוק טאָן וואָס דער טאַטע מאַכט? זי זאָל טאַקע גלייך אראָפּגיין קויפן די מעדיצין. טאָמער קומט ער ניט, איז זאָל זי אים אָפּרופן זאָגן, ווי דער טאַטע פילט.

שוין שטייענדיק אויף דער שוועל האָט דער זון א זאָג געטאָן צו דער מוטער:

— ווען דער טאַטע וועט געזונט ווערן, איז כאַפּט זיך אראָפּ צו אונז! זייט ניט קיין געסט.

די מוטער איז געווען גערירט פון זונס גוטסקייט... ער איז דאָך שוין באַלד געווען אָפּגעפרעמדט פון זיי און אפשר ווייזט זיך בלויז אויס?... און ווידער האָט די מוטער א טראַכט געטאָן וועגן דער גרויסער האָפענונג, איר זון איז א דאָקטאָר, עס איז אַלץ כדאי געווען! די שטוב איז אָנגעפילט גע־וואָרן מיט פרייד וואָס דער זון דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזן און צעלייגט אין

אַלע ווינקעלעך, אפילו אויף דעם בעט וואו עס ליגט דער קראַנקער פּאַטער אין טיפן העלן ארבעטס טאָג. זי איז שוין לאנג ניט געווען אזוי גליקלעך!

זי איז אריינגעגאנגען אין קיך זיך צו שטעלן קאָכן און זיך דערמאָנט אין קראַנקן. זי האָט דאָך פון גרויס פרייד פארגעסן צו פרעגן דעם דאָקטאָר וואָס צו געבן עסן דעם קראַנקן? ער האָט דאָך יאָ געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן דעם, האָט זי אים איבערגעשלאָגן מיט אירע מוטערלעכע נאַרישקייטן. איז וואָס זאָל זי אים געבן ביינאַכט צו עסן וועטשערע? אפשר טאָר ער גאָר ניט עסן? נו, גוט! זי וועט ארונטערגיין און ווידער א רוף טאָן אויפן טעלעפאָן דעם זון... זי כאַפּט זיך גלייך צוריק!... ניט איצט! ער איז דאָך ערשט אוועק! שפּעטער ווען פּנחס וועט זיך איבערוועקן, וועט זי שוין אלצייגס איבערגעבן א גרוס ווי ער פילט זיך! זי איז געבליבן שטיין מיט פארלייגטע הענט, מיט א פראַגע צו זיך אליין:

— וואָס קאָכט מען?...

— 3 —

עס איז פאָרגעקומען א גרויסער מיטינג. דער גאַסט רעדנער, א חשובע פערזענלעכקייט פון ניו יאָרק, האָט גערעדט וועגן דער גרויסער האָפענונג פון אידישן פאָלק אויף ארץ ישראל, ער האָט געשילדערט די גרויסע דערגרייכונגען פון די אידן אין ארץ ישראל, זייערע קאַמפן פאר פרייהייט, פאר אומאָפּהענגיקייט, פאר וועלכע אַלע אידן פון דער וועלט דאַרפן ביישטייערן זייער חלק, און אז אויך די קובאנער אידן טאָרן ניט בלייבן גלייכגילטיק אין דעם שווערן קאַמף פארן דערגרייכן די אידישע היימלאַנד, און אז עס איז ניטאָ קיין זיכערקייט פאר קיין שום אידן אין דער וועלט, ווי גוט עס זאָל אים ניט זיין, אויב ארץ ישראל וועט ניט ווערן א זעלבסטשטענדיקע אידישע מלוכה מיט אלע פעלקער צוגלייך. דערפאַר דאַרפן אידן געבן וואָס מער געלט! עס איז פאר זיי און פאר זייערע קינדער.

אויך די מערמאָוויטש'עס זענען געזעסן צווישן גרויסן עולם און זיך גע־וואַרעמט אין די ווערטער פון רעדנער. א לאַנדסמאַן האָט זיך צוגעבויגן צו פּנחס'ן און אים אריינגערעדט אויפן אויער:

— מיר'ן זען וויפל אייער מחותן וועט געבן!

א צווייטער באַקאַנטער האָט עס אויפגעכאַפּט, אזוי אז עס איז ארויס־געקומען א גאַנצער שמועס פון די אונטערשטע בענקלעך:

— דער מחותן אייערער איז ניט קיין כאַפּער... ער כאַפּט זיך ניט צו

דער קעשענע!

— ער איז בלויז אַן אויסשטעלער!

— ער הערט זיך דען צו?

— ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער זיך שוין אַרויסגעשאַרט פון זאַל!...

— פנחס, וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איר האָט זיין געלט?

פון ערגעץ האָט ווער אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— אָרעמעלייט האָבן גוטע הערצער!...

פנחס האָט זיך אַפילו ניט געפילט געטראָפן פון דעם וואָס מען אַ טשעפּע געטאָן זיין מחותן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַלעס וואָס מען זאָגט איז אמת! ער איז בלויז קאַרג אויף יענעם, און ווערט מילד ווען ער דאַרף זיך מיט עפּעס צו באַרימען!...

דער מיטינג האָט זיך געענדיקט, די מערמאַוויטש'עס זענען אַרויסגעגאַנגען מיט די באַקאַנטע אָנהאַלטנדיק דעם געשפּרעך. לפנים וועגן האָט פנחס געפּרואווט פאַרטיידיקן דעם מחותן, אַז ער איז ניט פון די ערגסטע פאַרקערט: פון צייט צו צייט גיט ער נאָך אַ סך מער געלט ווי אַנדערע פון זיינס גלייכן. ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז דאָס שטעכן זיי אים אויס קנאה ווייל ער האָט זיין קינד חתונה געמאַכט פאַר אַ גבירישע טאָכטער, קענען זיי אים ניט פאַרגינען...

ביסלעכווייז איז די דיסקוסיע וועגן דעם קאַמפּיין צערונען געוואָרן און זיך איבערגעגאָסן אויף פּערזענלעכע ענינים. מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן פאַרשיידענע קראַנקהייטן. יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן וועגן עפּעס אַ קראַנקהייט וואָס טשעפּעט זיך צו אים. פנחס מערמאַוויטש האָט מכיש אויפגעלעבט אין דער דיסקוסיע. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן פון די גרויסע וואונדער וואָס עס באַווייזט זיין זון דער דאָקטאָר. אַט האָט ער געשיקט זיינס אַ קונד צום זון איז ער שטאַרק צופרידן! היינט קויפט ער ביי אים אַ סך מער סחורה.

אַ באַקאַנטער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, איר העלפט צו דעם זון אייערן?

— ער האָט גענוג פּאַציענטן!

— איר דערציילט אייערע קונדן, אַז איר האָט אַ זון אַ דאָקטאָר?

— וואָס איז זיך דען דאָ וואָס צו שעמען?

— ווען זיי וועלן טראָגן זייער געלט צו די דאָקטוירים, וועלן זיי אייך ניט האָבן מיט וואָס צו צאָלן!...

— מיינע קונים זענען ניט אַזעלכע קבצנים!...

עס איז אייגנטלעך געווען אַ וויץ קעגן אַ וויץ און אויך אַ פאָרם ווי אַזוי אַ שטעך צו טאָן.

איינער פון די באַקאַנטע האָט באַגלייט פּנחס'ן ביז צו דער טיר פון זיין וואוינונג און נאָך דעם ווי עלקע איז אַרויסגעגאַנגען, זענען ביידע געבליבן שטיין און געשמועסט. דער באַקאַנטער האָט זיך באַקלאָגט אויף אַ רייע קראַנקהייטן, פּונקט ווי פּנחס אַליין וואָלט אויך געווען אַ דאָקטאָר.

פּנחס האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. דער שטערן האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן קנייטשן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איינחזרן די ווערטער ער זאָל זיי ניט פאַרגעסן. אַ מחשבה איז אים אדורכגעלאָפן: ער וועט אַ פרעג טאָן דעם זון דורכן טעלעפאָן! ער וועט אים זאָגן וואָס פאַר אַ מעדיצין צו קויפן. אין דעם מאָמענט איז פּנחס געווען זייער גליקלעך מיטן זון דעם דאָקטאָר. נאָך מער ווען ער האָט געזען דאָס צופרידענע דאַנקבאַר פּנים פון זיין חבר, וואָס האָט בלויז אַ זאָג געטאָן:

— ווען וועט איר אים אָפּרופן?

— מאָרגן, אומבאַדינגט! קומט צו מיטאָג־שטונדע, וועל איך שוין האָבן אַלעס אין אָרדענונג! איר וועט זען, וואָס מיין זון איז!...

פּנחס האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אָנגעקלונגען צום זון און דערציילט פון דער קראַנקהייט פּונקט ווי ער אַליין וואָלט זי געהאַט. דער דאָקטאָר האָט געפרעגט:

— ווער איז קראַנק?

— אַ באַקאַנטער מיינער! אַ חבר מיינער שוין פון יאָרן! מיר זענען זייער גוט איינגעלעבט!

— וואו ליגט ער?

— ער ליגט ניט! ער גייט ארום!

— איז וואָס ווילסטו, פּאַפּאַ?

— זאָלסט מיר זאָגן וואָס פאַר אַ מעדיצין צו קויפן! מסתמא דאַרף מען דאָך אַ פלעשעלע קראָפּלעס אין פּילן!

— אַ גאַנצער דאָקטאָר ביסטו געוואָרן, פּאַפּאַ!...

דער פאָטער האָט צוריקגעענטפערט מיט אַ וויץ:

— „אַ שיקסע ביי אַ רב לערנט זיך אויך אויס פּסקנען שאלות!“

דער דאָקטאָר האָט אים ניט פאַרשטאַנען. ער האָט ווידער איבערגעפרעגט:

— איז וואָס ווילסטו, פּאַפּאַ?

— אַ מעדיצין!

— דורכן טעלעפאָן קען איך ניט פאַרשרייבן קיין מעדיצין! מען דאַרף זען דעם קראַנקן! אויב ער קען, איז זאָל ער קומען! גיב אים דעם אַדרעס!

— זאָל ער קומען? — האָט זיך אַזש דער פאָטער אַ צאַפּל געטאָן. אויף דעם האָט ער זיך אײַנגאַנצן ניט גערעכנט! ער האָט דאָך גלײַך געקענט בעטן דעם זון אַ טובה, ער זאָל אים צוליב טאָן און באַטראַכטן זײַנס אַ באַקאַנטן... ווי נאַטאַנזאָן וועט זיך פרייען? ער וועט טאַקע מיטגיין מיט אים! זאָל נאַטאַנזאָן אַליין זען וואָס זײַן זון דער דאָקטאָר איז!... ער האָט אים געהייסן קומען.

פּנחס האָט גלײַך אָנגעזאָגט עלקען די בשורה.

— הערסט, עלקע! דער דאָקטאָר אונזערער איז עפּעס אַזוי גוט געוואָרן! ער האָט זיך אינגאַנצן געביטן! איך האָב אים אָפּגערופן וועגן אונזער נאַטאַנזאָנען, ער זאָל אים עפּעס געבן אַ מעדיצין, האָט ער געהייסן צו אים צוקומען! — ווי געפעלט דיר אַזאַ מין זאַך? ער האָט דאָך קיינמאָל ניט געוואָלט ליידן מיר זאָלן צו אים קומען מיט אונזערס אַ באַקאַנטן...

עלקע איז אויך געבליבן צופרידן, דאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— וואָלסט אפשר ניט געדאַרפט טאָן אַזאַ מין זאַך? דערנאָך קען אים פאַרדריסן! האָסט אפשר ניט געדאַרפט זײַן צודרינגלעך!...

— וואָס איז עס אַזעלכעס? ער וועט זיך דאַרפן אָנאַרבעטן?... ער וועט אַ קוק טאָן, אַ טאַפּ טאָן און שוין!... אַזוי שווער איז עס? נישקשה, עס וועט אים ניט אָפּקומען פון די הענט. ווען ער וועט אים אָנשרייבן אַ רפואה שלימה עפּעס אַ רעצעפּט... מיר האָבן גענוג כוחות אָוועקגעלייגט אויף אונזער דאָקטאָר! ער האָט מיר ווייניק אָפּגעקאָסט?

די מוטער האָט אַ זיפץ געטאָן:

— זאָל ער אונז לעבן און געזונט זײַן, גאָטעניו!

פּנחס מערמאַוויטש מיט זײַן פריינט נאַטאַנזאָן זענען געזעסן אין וואַרט־צימער, כאָטש קיין אַנדערע קראַנקע זענען ניט געווען האָבן זיי דאָך געמוזט וואַרטן, דער זון דער דאָקטאָר האָט אַזוי אַרויסבאַפוילן, פּנחס'ן איז עס אַפילו געפעלן געוואָרן. זאָל זײַן פריינט זען, אַז זײַן זון איז ניט סתם אַ דאָקטאָר. די פריינט האָבן דערווייל געשמועסט צווישן זיך. דער פאָטער האָט ניט אויפגעהערט פאַרלויבן זײַן קינד, ער האָט אַפילו גערעדט פון שילדל וואָס הענגט ביים אַרײַנגאַנג... דער פאָטער האָט צום וויפלטן מאָל פאַר זײַן פריינט איבערדערציילט וואָס פאַר אַ גוטן קאָפּ זײַן זון האָט געהאַט צום לערנען? און אַז די פּראָפעסאָרן האָבן געזאָגט, אַז ער וועט אַמאָל אויס־

וואַקסן אַ גרויסער דאָקטאָר... אין דעם איז ער געראָטן אין זיין זיידן ע"ה! אַ גאַנצער קאָפּ מענטש געווען...

די קאָנסולטע מיר האָט זיך געעפנט. עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט מע־דיצין, יאָד און מערקוריאַ. דער דר. כוליאַ מערמאָוויטש האָט זיך באַוויזן און אָנגעהויבן שמייכלען צום פּאַטער, קוקנדיק בשעת מעשה אויף נאַטאַנ־זאָנען, וועלכער האָט זיך פון נערוויזישקייט געהאַלטן אין איין פּאַרקנעפּ־לען דעם אויסגעריבענעם ראָק.

— איז וואָס מאַכסטו פּאַפּאַ? אין די מאַמע? האָסט געדאַרפט מיט־קומען? אַליין וואָלט דיין פריינט ניט געטראָפן? און צום פרעמדן האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— קומט אַריין!

דער פּאַטער האָט זיך אויך אַ הויב געטאָן:

— פּאַפּ! זייַ דאָ! וואַרט! עס איז בעסער אַליין צו זיין מיטן קראַנקן! דאָן ווייסט מען בעסער! דאַרפסט ניט קיין מורא האָבן! איך וועל אים צו־ריק ברענגען!

דער פּאַטער איז געבליבן זיצן מיט אַ שטיקל פּאַרדראָס, דאָך איז אים געפעלן געוואָרן. זאָל טאַקע נאַטאַנזאָן זען, אַז זיין זון איז ניט סתם קיין דאָקטאָרל, כאָטש ער זעט אויס אַזוי יונג...

— נו מילא, וועל איך שוין צו וואַרטן! איך האָב געמיינט, אַז עס איז בעסער! ער האָט מיר געזאָגט, אַז כסדר טוט אים ווי...

ער האָט זיך געוואָלט פאַרנעמען אַנצואַווייזן וואָס דעם קראַנקן איז. דער דאָקטאָר האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ שמייכל:

— טאַטע! איך בין דער דאָקטאָר! איך וועל שוין וויסן! איך וועל אים אַליין אויסהערן און באַטראַכטן! עס וועט זיין אַלרייט, פּאַפּ!...

דער קראַנקער האָט אָנגעהויבן אויסדערציילן וועגן זיינע קראַנקהייטן, דער דאָקטאָר האָט אים געהאַלטן דעם פּולס, אים אפילו צוגעלייגט אַ טרובקע צום האַרץ און ווידער געפּרואווט. אַלע ווייַלע האָט ער אים געשטעלט אַ פראַגע, וואָס ער עסט און ווי ער שלאָפט און די אַרבעט? צו עס פאַלט אים שווער דאָס פּעדלערייַ? דערנאָך האָט דער דאָקטאָר אַרויסגענומען די פּעדער און אָנגעהויבן שרייבן רעדנדיק צום פּאַציענט:

— איר וועט מוזן מאַכן פאַרשיידענע אַנאַליזן! און אָט דאָס קוויטל איז פאַר מעדיצין! אַז איר וועט האָבן די אַנאַליזן וועט איר ווידער דאַרפן קו־מען!

דער דאָקטאָר האָט נאָך עפּעס גערעדט, זיך אַלע ווייַלע געהויבן פון

פלאַץ ווי עס וואָלט שוין געווען געענדיקט. ער האָט עפּעס ווי דערוואַרט פון נאַטאַנזאָנען. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי אַוועקצוגיין, האָט אים דער דאָקטאָר ווי פאַרהאַלטן און האָט זיך, אַז ער האָט עפּעס געהערט... עס האָט אים אַ קלינג געטאָן אין די אויערן:

— פאַר דער קאָנסולטע, פינף דאָלער!...

נאַטאַנזאָן האָט זיך ווי פאַרלאָרן, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. די צונג האָט זיך אָנגעהויבן דרייען...

— המ... פּנחס, האָט געזאָגט...

עס האָט זיך אים ווי אויסגעשריגן:

— פּנחס! פּנחס! מערמאַוויטש!

פּנחס איז אַריינגעלאָפן:

— וואָס איז געשען?

— איר האָט מיר ניט געזאָגט וועגן געלט פאַר דער קאָנסולטע!...

— קאָנסולטע? קאָנסולטע?

דער פאָטער האָט זיך אָנגעהויבן ווישן דאָס פּנים וואָס איז אינגאַנצן איבערגעגאָסן געוואָרן אין רויטקייט. ווען די ערד עפנט זיך אים איצט... אזא בושה? דאָס האָט ער געטראַכט בליץ שנעל. צום זון האָט ער דאָך אַ זאָג געטאָן:

— דו האָסט דאָך געהייסן קומען!...

— אומזיסט?...

— אָבער...

דער פאָטער האָט אַריינגעזעצט די האַנט טיף אין קעשענע און אַרויסגע-נומען פינף דאָלער און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. דער זון האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, עס האָט אים שוין פאַרדראָסן דער גאַנצער עסק. דער פאָטער פאַרשטייט אים ניט. ער האָט געפּרוּווט אויפקלערן צוריקלייגנדיק דאָס געלט צום פאָטערס קעשענע.

— אָבער פאַרשטיי מיר! עס איז פּרינציפּיעל! אַזוי דאַרף זיין!

דער פאָטער האָט אַ ברום געטאָן:

— עס איז דיין שווער'ס לערע!...

דער זון האָט נאָך געפּרוּווט אָנהאַלטן אַ שטיקל געשפּרעך, נאָר די ווערטער האָבן זיך ניט געקלעפּט. נאַטאַנזאָן איז אינגאַנצן געזעסן ווי אַ דערשלאָגענער, דאַכט זיך, אַז ער איז ערשט מער קראַנק געוואָרן. ער האָט אין דעם מאָמענט מיטגעפילט דעם צער פון דעם פאָטער. זיי זענען אַרויסגע-גאַנגען, דער זון האָט נאָכגעשריגן אַ גרוס פאַר דער מוטער, וואָס איז אויפגע-

כאַפּט געוואָרן פון צווישן א ווינט.ביידע פריינט זענען געגאַנגען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. ענדלעך האָט דער פאָטער איבערגעריסן די שווייגעניש:

— אזוי זענען זיי די היינטיקע קינדער!...

— נו יאָ, פארשטיי זיי!...

— עס איז אייגנטלעך ניטאָ וואָס צו פארשטיין!

— איך מיין צוריק געריעדט?

פּנחס מערמאַוויטש האָט א קוק געטאָן אויפן פריינט, ניט געקענט באַשליסן צו זאָל ער זיך פאר אים פאַרטרויען. ענדלעך האָט ער צו אים א זאָג געטאָן מיט א רחמנות פּנים.

— איך וויל אייער וואָרט, אז איר וועט קיינעם ניט דערציילן! אפילו ניט ביי אייך אין דער היים!... איך וועל מיין עלקען ניט דערציילן! זי וועט עס ניט איבערטראָגן! אזא מין בושה!... אָן אייגן קינד... איך בעט אייך, זאָגט מיר צו!...

דאָס לעצטע האָט ער געזאָגט מיט אזויפיל געבעט, אז עס האָבן זיך געפילט טרערן. נאטאַנזאָן האָט אפילו געפּרואווט אוועקמאַכן די גאַנצע זאַך מיט דער האַנט.

— איר וועט זיך גיין רעכענען מיט די היינטיקע יונגעלייטלעך!... סך הכל איז עס גאָרניט מיט גאָרניט... און איר מאַכט זיך אזא צימעס דערפון! נאָר גאָרניט, אָ סוד וועט עס בלייבן! פון מיין מויל וועט עס ניט ארויסקומען! איך פארשטיי אייך גאַנץ גוט!... וואָס וועלן טאַקע מענטשן זאָגן? מען וועט זיך אָנהויבן וויצלען אויף אייער חשבון! זאָגט עס טאַקע ניט אייער ווייב! זאָל עלקע ניט האָבן קיין האַרץ ווייטיק.

— איר פילט דעם ווייטיק? אָ קינד!... א דאָקטאָר! וויפל כוחות און געלט האָב איך ניט אוועקגעלייגט! איך בין דאָך גרוי געוואָרן פאר דער צייט! איך לעב דאָך צוליב אים, דעם דאָקטאָר! איך שיק אים אפילו קונדן. איז בייזערט ער נאָך זיך און טענה'ט, אז די קונדן קענען אליין טרעפן צו אים!... עס שטייט אים ניט אָן, אז דער טאַטע, דער פּעדלער, זאָל רעדן ביי זיינע קונדן וועגן זיין זון דעם דאָקטאָר!... נו רעכנט זיך דען א פאָטער מיט דעם קינד'ס נארישקייטן? מיין איך דען זיין שלעכטס?...

— איר זייט א צו הייסער פאָטער!...

— איין קינד!

ווען פּנחס איז אַהיימגעקומען האָט ער געפּרואווט מאַכן א פריילעך פּנים. עלקע האָט דאָך דערקענט, אז דער מאַן לעבט עפּעס איבער. זי האָט זיך א צאַפּל געטאָן:

— וואָס איז געשען? איז ער גוט קראַנק נאַטאַנזאָן?

— הם... ניין!... פאַרגעסן אַפילו צו פרעגן.

— ווי איז עס אַ מענטש אַזוי?...

— ער איז דאַכט זיך מער קראַנק געוואָרן...

— וואָס?...

ער האָט געפילט, אַז עס האָט זיך ביי אים עפּעס אַרויסגעכאַפּט. זי פאַרשט אים שוין אַזוי אויך מיט די אויגן. ער האָט זיך שוין אַפילו געמאַכט אַ פאַרוואורף, יענעם הייסט ער האַלטן אַ סוד און דאָ פּלאַפּלט ער שיער ניט אויס... ער האָט געפּרוווט פאַרריכטן:

— ווען גייט עס נאַטאַנזאָן צו אַ דאָקטאָר?

— האָט אים אונזער זון אויפגענומען גוט? ער האָט גאָרניט געזאָגט?

— וואָס האָט ער דען צו זאָגן?

— האָט נאַטאַנזאָן אים באַדאַנקט?

— איך געדענק ניט! מסתמא!...

— וואָס הייסט מסתמא?... וואו ביסטו דען געווען?

— איך בין מיט אים ניט אַריינגעגאַנגען!

— פאַרוואָס?

— אַזוי האָט דער „זון דיינער" געזאָגט!...

אין די לעצטע ווערטער האָט פּנחס ווי זיך אַרויסגעגעבן. זי האָט עפּעס אויפגעכאַפּט... שטענדיק, ווען עפּעס איז ניט צום האַרצן וועגן קינד, וואַרפט ער אַריין דאָס וואָרט: „דער זון דיינער"!... עפּעס איז איר אַדורכגעלאָפן אין די געדאַנקען. אַ מאַמע קען איר קינד.

— ער האָט דאָרט אודאי געבעטן געלט ביי אים!...

— פון וואַנען ווייסטו?...

עס איז אים אַראָפּ אַ שווערער שטיין, ער האָט געדאַרפט זיך אויסרעדן, ער וואָלט סיי ווי סיי ניט געקענט אַזוי לאַנג טראָגן דעם סוד, עס וואָלט אים נאָך מער געפייניקט, אויב זי האָט שוין אַליין געטראָפן, איז אַ סך בעסער...

די מוטער האָט עס אויפגענומען אַ סך קעלטער. זי האָט געהאַט ווייטיק דערפון, דאָך האָט זי געפּרוווט אָפּווישן דעם פּיינלעכן איינדרוק וואָס דער אינצידענט האָט איבערגעלאָזט אויפן פאָטער. זי האָט בלויז אַ זאָג געטאָן:

— נאַטאַנזאָן וועט עס נאָך מער צעשמירן! מענטשן וועלן שוין האָבן וואָס צו רעדן! אַריינצופאַלן אין אַזוי פיל מיילער?...

— ער וועט ניט רעדן! ער האָט דאָס וואָרט געגעבן! ער האָט געשוואוירן!

די מוטער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און פאַר זיך אַליין א טראַכט געטאָן: אויב אזוי איז גאָרניט געשען! ניט איינמאָל טרעפט צווישן עלטערן און קינדער... דאָס לעצטע איז געווען מער פאַר זיך אַליין אַ שטיקל טרייסט.

:: :: ::

שיינע עטלעכע וואָכן זענען פאַרבייגעגאַנגען ביז די מערמאַוויטש'עס זענען געגאַנגען צום זון. זיי האָבן זיך אַלץ געשלאָגן מיט דער דעה און געווארט אז דער זון זאָל קומען געוואר ווערן וואָס די עלטערן מאַכן. דער זון איז בלויז איינמאָל פאַרבייגעפאָרן און אַטרובע געטאָן מיט דער מאַשין און געפרעגט וואָס זיי מאַכן און פאַרוואָס זיי קומען ניט צו?

און ווידער האָט עס זיי ארויסגענומען פון פאַרגליווערטקייט. זיי האָבן שוין לאַנג געווארט אויף דעם גרויסן מאָמענט... די מוטער האָט א פרעג געטאָן:

— פאָרסט איצט אַ היים יואל?

— יאָ! אויב איר ווילט קענט איר מיטפאָרן!...

הערסט אַ מעשה, צו זיי ווילן? אַזאַ מין איבערלעבעניש...

זיי האָבן זיך אריינגעזעצט צו אים אין דער מאַשין, מען האָט גאָרניט גערעדט וועגן דעם ברוגז און צוליב וואָס עס איז ארויסגעקומען. דער זון האָט אפילו א פרעג געטאָן אויף נאַטאַנזאָנען, צו ער איז שוין געזונט? ער האָט עס געפרעגט אזוי נאַטירלעך, אזוי ווי עס וואָלט באמת גאָרניט פאָרגעקומען. דער פאָטער האָט זיך בלויז געוואונדערט אויף דעם וואָס דער זון שעמט זיך אפילו ניט צו פרעגן אויף נאַטאַנזאָנען... ער פאַרשטייט אפילו ניט ווי ווייט ער האָט די עלטערן געמאַכט ליידן.

דער פאָטער האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם. די מוטער האָט אַ פרעג געטאָן אויף דער שנור, ווי זי פילט?... אַנזאָגנדיק איר, אז מען דאַרף זי גוט אָפּהיטן... זי איז זייער אַ שוואַכע.

דער זון האָט זיך געמאַכט א וויץ מיט דער מוטער:

— וואָס וואָלסטו געוואָלט, א זון צו אַ טאָכטער?...

די מוטער האָט אָנגעהויבן שטאַרק שמייכלען:

— דאָס ערשטע איז אַלץ איינס! איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אַ באָבע!

זיי זענען צוגעקומען צום הויז, דער פאָטער האָט אַ קוק געטאָן אויפן שילדל און איז שטאַרק בלאַס געוואָרן. עס איז געווען אינגאַנצן געביטן. עס האָט דעם פאָטער אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן, ער האָט אויש אַ שטורך געטאָן עלקען מיט שרעק. זי האָט זיך איבערגעדרייט:

— וואָס איז פנחס! וואָס איז מיט דיר? וואָס האָסטו זיך אזוי פאַרקוקט? אויף דעם שילדל איז געווען אָפּגעקריצט עפּעס פון זיין לעבן. דער זון הייסט שוין מער ניט דר. מערמאָוויטש נאָר דאָקטאָר מערמא... דר מערמא... דר. מערמא! דר. מערמא!...

עס איז אים ניט גוט געוואָרן, עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. די מוטער האָט זיך דערשראָקן און א געשריי געטאָן צום זון:

— זען נאָר! דיין פאָטער איז ניט גוט געוואָרן! ער פאַלט דאָך איינ־גאַנצן! זע נאָר ווי קאַלט עס איז אים!

מוטער און זון האָבן אים פון מאַשין ארויסגענומען און אריינגעפירט אונטער די הענט.ביידע האָבן בשעת מעשה ניט פארשטאַנען וואָס עס איז אזוי פּלוצלינג געשען מיטן פאָטער. דער זון האָט אים אָנגעהויבן מונטערן ער האָט ווידער די אויגן געעפנט און געטראַכט פון דעם שטיקל לעבן וואָס איז אים אָפּגעשניטן געוואָרן. די געדאַנקען האָבן ווייטער געאַרבעט: די גרויסע האָפענונג איז פארלאָרן!... שוין, עס איז שוין ניט מער זיין זון! ער איז א „מערמאָוויטש" און זיין זון א „מערמא". וואָס פאַר א מיאוסער נאָמען?... מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט און אים געפּייניקט: ס'וועט קומען א קינד, אן אייניקל, עס וועט שוין הייסן „מערמא"... אויס מיט די מערמאָוויטש'עס... נאָך וועמען וועט מען עס א נאָמען געבן?

דאָס שילדל האָט זיך ווי א מעסער טיף איינגעשניטן ניט אין קערפּער נאָר טיף אין דער נשמה. די גרויסע האָפענונג האָט אָנגעהויבן אויסרינען. עס איז פאַר אים שוין געשטאַנען דר. מערמא.

עפּעס פין דעם האָט ער געמורמלט, נאָר זיי האָבן אים ניט פאַרשטאַנען...

דער טעות

כ'בין אריין אין גאָלד־געשעפט זיך קויפן א נייעם זייגערל.

אייגנטלעך האָב איך שוין לאַנג צוריק געהאַט באַשלאָסן, אַז איך מוז בייטן מיין אַלטן זייגערל אויף אַ נייעם. עס איז מיר שוין נמאס געוואָרן צו טראָגן אַ זייגערל, אויף וועלכן מען קען זיך ניט פאַרלאָזן. דאָס ווערק פון אַ זייגער איז זייער קאָמפּליצירט — פּונקט ווי אַ פרוי... אָן אַ שיעור רעד־לעך דרייען זיך, קירעווען און ווייזן אָן די צייט, דאָס וויכטיקסטע פאַר א מענטשן...

איך בין אריין אין גאָלד־געשעפט, זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן, די קונים זאָלן זיך אַביסל צעגיין, וועל איך בעסער קענען באַהאַנדלט ווערן. נאָך אַלע־מען אין קויפן א זייגערל אויך א שטיקל געשעעניש... ניט אַלע טאָג קויפט מען אַ נייעם.

דער אייגנטימער האָט ארומגעשוויצט ארום די קונדן; ניט אויפגעהערט ווייזן דאָס געווערק און די „רובים", וואָס האַלטן אויף ביים לעבן דאָס זיי־גערל. ער האָט בלויז געטראַכט, ווי אזוי און מיט וואָס צו נעמען דעם קונד.

כ'האָב געטראַכט: דער מאַן איז אַ פאַרנומענער מענטש... און האָט אַ חוץ אַ גאָלדן געשעפט — אויך אַ גאָלדן ווייבל...

צום טייוול! שטענדיק ווען א מאַן גייט זיך קויפן א נייעם זייגער, מוז ער אויך אַ טראַכט טאָן פון אַ פרוי... פונוואַנען נעמט זיך די קרובה'שאַפט? דער זייגער — קאָמפּליצירט... די פרוי...

אַ גאָלדענע פרוי — זאָגט מען... א קיילעכדיק פּנים; גרויסע מאַנדל־אויגן, די היפּטן באַוועגן זיך — דעם גאָלד־סוחרס פרוי...

און דער גאָלד־סוחר? ער איז פאַרנומען... ער איז דער איינציקער, וואָס האַלט די זייגערלעך, און טראַכט זעלטן פון אַ פרוי... אפילו פון זיין פרוי... וואָס לעבט זיך איר אייגן וועלטל... און עס טרעפט אמאָל, אַז אַ חוץ מיט די פריינט, גייט זי אויך אוים מיטן אייגענעם מאַן... דעמאָלסט שמייכ־

לעגן אַלע אינטער: מסתמא גייען די געשעפטן ניט אזוי גוט... ער האָט צייט...

און פאַר איר: פאַר איר איז דער מאַן ניט מער ווי אַ מאַנטל צוצודעקן אָדער פאַרשלייערן... עס איז שענער אַזוי... מענער האָבן שטענדיק ליב יענעמס ווייב...

דעם גאָלד־סוחרס טעכטערל איז אַריינגעקומען, צו מיר פריילעך צו־געשפרונגען:

— וואָס מאַכט איר? קאָמאָ לע וואַ? — אַך, ענטשולדיק... איך האָב געמאַכט אַ טעות... איך האָב געמיינט, עס איז דער מאַמעס אַ באַקאַנטער...

דאָס מיידעלע, אַ חנעוודיקס, אין אַכטן יאָר, האָט זיך שטאַרק גערויטלט פאַרן טעות... פאַרן צושפּרינגען אַזוי היימיש צום אומבאַקאַנטן... זי האָט זיך עס ניט געקענט שענקען...

די מוטער איז אָנגעקומען. דאָס קינד איז צו איר צוגעלאָפן:

— מאַמאַ, וואָס פאַר אַ טעות איך האָב געמאַכט!... איז ער ניט ענלעך? זאָג, מאַמיטאַ.

די מוטער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט די גרויסע מאַנדל־אויגן, און זיך אָנגעהויבן רויטלען:

— אינגאַנצן ענלעך!... יענער קומט מער ניט... ער איז שוין אין אמע־ריקע אָפּגעפאָרן...

וואַרטנדיק, אַז דער גאָלד־סוחר זאָל זיך אָפּפּאַרטיקן מיט אַלע קונדן, איך זאָל קענען קויפן אַ גאַראַנטירטן זייגערל, וואָס מען קויפט ניט אַלע טאָג, האָב איך דערווייל פאַרפירט אַ שמועס מיט דער פרוי.

זי איז געווען צו מיר אַזוי ליבלעך, אָנגענעם. און מיר האָבן ניט אויפ־געהערט רעדן פונם טעות, און וועגן דער ענלעכקייט פון איין מענטשן צום צווייטן...

:: — :: — :: — :: — ::— ::

אין אַ צייט אַרום האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן בלויז פון איין זאַך — עס זאָל ווידער נישט געשען אַ טעות מיט איינעם, וואָס איז ווי־דער ענלעך צו מיר...

אַ זייגער ווי אַ פרוי, איז אַ קאָמפּליצירטע ווערק, זייער דעליקאַט... גייט אויף רעדלעך... די הויפּטזאַך איז, וויסן די צייט...

„די ערשטע טעג"

— 1 —

דער גרויסער באקוועמער אפארטאמענט איז ארומגענומען מיט בוימער וואס ווינטלען זיך פון צייט צו צייט, רייסן זיך אדורך דורך די הילצערנע שטאכעטלעך פון די אָן שויבנדיקע טראפישע פענסטער, צום בעט, וואו דער אלטער יצחק פליישער ליגט א שטארק קראנקער און וויקלט זיך אין זיינע יסורים.

עס זענען דא מאמענטן ווען צום אלטן פאטער רייסט זיך דורך עפעס פון די שמועסן וואס די קינדער פירן אויף דער הינטערשטער טעראסע וואס גרעניצט זיך מיט זיין צימער, זיין בעט און דערגרייכט זיין אויער.

יעדעס מאל ווען עס קומט עמיץ אריין צו אים, גלאצט דער אלטער מיט די אויגן וואס נעמען דורך די אָן א שיער קארבן פון צוויי און זיבעציק יאר לעבן, דראפען זיך ווי צעבראכענע שטיגן אויף דעם שטארק אפגעריבענעם געזיכט, וואס שטופט ארויס די ביינער מיט די אדערן. דער ריח פון מע־דיצין און שווייסיק אויסגעלעגן לייב טוט א שלאג אין נאז.

— נו, וואס מאכסטו? ווי פילסטו?

ער פארשטייט, דער אלטער, אז עס איז גיכער א פראגע אין דער וועלט אריין, אויף יוצא זיין, ווי צו אים. זיי זעען דען ניט וואס ער מאכט? ווער רעדט מיט די דאקטוירים, ער צו זיי?... ער ענטפערט טאקע זייער זעלטן אויף דער דאזיקער פראגע! עס איז אים אויך שוין שווער, זייער שווער צו ענטפערן. די געדאנקען ארבעטן ביי אים, בינדן זיך און בינדן זיך נישט... ער פארשטייט זיי דאך, ער לייענט זייערע געדאנקען; נאר זיי קענען ניט לייענען זיינע געדאנקען. זיי פארשטייען ניט זיין איינגעשפארטקייט פון ניט ווילן איינעמען די פארשידענע מעדיצינען. עפעס האט דער אלטער פלוצלונג אנגעהויבן קעמפן מיט די דאקטוירים, מיט די קינדער. עס זעט

זיך אפילו אויפן געקאַרבטן פנים אַ שפּאָטיש סאַרקאַסטיש שמייכעלע, וואָס שניידט זיך אַדורך דורך דעם שפּיציקן גרייז־גראָען ציגן בערדל, פון די פאַרשלאָסענע ליפּן מיט דער איינגעפאַלענער גאָמבקע.

— טאַטע, וואָס איז מיט דיר? פאַר וואָס ווילסטו ניט נעמען די מעדיצין? וואָס איז געשען? אַזוי קען עס ניט זיין! דו מוזט זיך צוזען! דו ביסט שוואַך!

דאָס האָט געזאָגט דער זון, הערמאַן פליישער, וואָס האָט זיך קוים געקענט אָפּרייסן פון די גרויסע געשעפטן און זיצט היינט אין שטוב. דאָס האָט מען אים אויף שנעל ארויסגערופן, ווייל עס האלט שמאָל מיטן אַלטן און מען דאַרף זיך באַראַטן מיט די דאָקטוירים.

דער אַלטער פאַרשטייט גלייך אַז עס איז עפּעס דער מער, ווען ניט וואָלט הערמאַן ניט געוואָרפן די געשעפטן. עס שטייט דאָך געוויס איצט די מאשין אין דרויסן און וואַרט אויף אים. עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס הערמאַן איז איצט צוליב אים אָפּגעריסן געוואָרן פון די געשעפטן. ער ווייסט אויך אַז הערמאַן וואָלט איצט ניט געוואָלט ער זאָל שטאַרבן; דערפאַר וואָלט זיך אים איצט דווקא געוואָלט אַוועקגיין... עפּעס אַ פאַרבאָרגענער נקמה געפיל צו די קינדער האָט זיך געפּלאָנטערט אין די צעיאָבמערטע געדאַנקען.

ער זעט ניט דורך די אויגן, זיי זענען שטאַרק פאַרנעפּלט און איינגעהילט אין פינסטערניש. ער זעט דורך די געדאַנקען זייערע פנימער, עפּעס פון אים שווימט ארום ביי זיי. ער זעט דורך זייערע אויגן. דער זון איז אין כעס און שרייט צו אים, ער זאָל נעמען די מעדיצין... ער איז דאָך אויסן זיין טובה... זיי ווילן אים אויפהאַלטן צוליב עפּעס... ניט ווייל זיי האָבן אים אזוי שטאַרק ליב, ער האָט דאָך עס דאַכט זיך אפילו געהערט רעדן אויף דער טעראַסע. אמת, ניט דירעקט, איז עס דאָך געווען פאַרבונדן מיט אים, זיין קראַנקהייט... זיי האָבן גערעדט אַז עס קומען די ערשטע טעג פון מאָנאַט, עס הויבט זיך אָן דאָס לייזונג אין די געשעפטן. אין דער זעלבער וואָך פאַלט אריין „פאָטער׳ס טאָג“, מען קען לייזן געלט. דער אַלטער האָט בלויז געהערט עפּעס ווי אַ קליין קרעכצעלע, נאָר דער קרעכץ האָט זיך אריינגעגנבעט צו אים, דורך די שטאַכעטן, און אָנגעמאַכט א ווינט אין די געדאַנקען:

עס גייט צו די ערשטע טעג... — טראַכטן זיי איצט געוויס — און שעמען זיך איינער פאַר דעם אַנדערן דאָס ארויסצורעדן. דער אַלטער זאָל זיי־

אמאָל ניט אָפּטאָן אויף טערקיש? — טראַכט דער אַלטער. נו יאָ, זיי וועלן זיך מוזן זעצן שבעה! עס פּאַסט דאָך עפּעס ניט פאַר לייטן!... זיי וועלן אין די פרימאָרגנס קדיש זאָגן, כאָטש די ערשטע טעג... די געשעפטן וועלן דאַרפן שטייען פאַרמאַכט „אין די ערשטע טעג פון מאָנאַט“... שטענדיק רעדט מען דאָך אין שטוב וועגן די ערשטע טעג... זיי האָבן שוין אָנגעקליבן אַזויפיל געלט און וואָס מער געלט אַלץ מער רעדן זיי פון די ערשטע טעג און איצט נאָך אַ זאַך: „פּאָטערס טאָג“...

— 2 —

קאַרמען איז אַריינגעלאָפן אין שטוב.

— מאַמאַ, פּאַפּאַ, וואָס מאַכט ער, דער זיידע?

— ניט גוט! שלעכט! ווער ווייסט?...

— גיי אַריין צו אים!

— כ'האָב מורא! כ'וויל ניט!

פּאָטער און מוטער האָבן זיך איבערגעקוקט. די טאָכטער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב „אַ בחור“, ער וויל מיר זאָלן מאָרגן גיין צום טאַנץ־אָוונט. אויב איך וועל ניט גיין, וועט ער גיין אַליין, זאָגט ער. איך האָב אַזוי מורא...

— דאַרפסט ניט מורא האָבן! אויב עס איז באַשערט וועט ער צוריק־קומען. דו ביסט נאָך אַ יונג מיידל, פלאַטערסטו און ברענסט! מען טאָר זיי אַזויפיל ניט אַרויסווייזן די מענער. ווען ער וועט זען אַז דיר פאַרדריסט עס ניט; איז קען זיין אַז ער וועט אַליין ניט גיין. אויב דו וועסט קענען, וועסטו גיין! אויב ניט?...

— מאַמאַ, דו פאַרשטייסט ניט! ראָסיטאַ קוקט עס אויס, זי וועט מיט אים קאָקעטירן און וועט אים אַ נעם טאָן אין די הענט אַריין, — האָט זיך די טאָכטער געקאָכט און געררויטלט אין אירע זיבעצן פרילינגס...

קאַרמען האָט אויסגעשטעלט די גרויסע שוואַרצע אויגן אויף דער מוטער, וואַרפנדיק פון דער זייט אויך בליקן צום פאָטער, וואָס האָט מיט־איינמאָל דערזען אין דער טאָכטער דאָס פרויעשקייט וואָס האָט אַרויסגע־שיינט פון די רויט געפאַרבטע בעקלעך; און נאָך מער פון דעם שטאַרק גע־פּאַסטן בלוזקעלע וואָס האָט זיך שפּיציק געבוזעמט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— עס איז אַלץ נאַרישקייטן. זאָל נאָר דער טאַטע זיין געזונט!

זיי האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט און געפילט אַז ער מיינט עס ניט אין דער פאָרם ווי זיי מיינען עס. זיי ווייסן אַז ער שטייט איצט אויף שפּיל־קעס. ער וואַרט אויף די דאָקטוירים, זיי דאַרפן איצט קומען און מאַכן דעם אַלטן אַ בלוט־טראַנספוזיע. זיי האָבן שוין געזאָגט אַז עס איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט! עס איז גאָרנישט געבליבן צו מאַכן מיטן אַלטן. איצט נאָך ווייניקער ווי פריער! ער ווייזט מער ניט אַרויס קיין ווילן צום לעבן! פאַרקערט: ער וויל וואָס גיכער עס זאָל זיך ענדיקן! אַ מאָדנער אַלטער: פונקט ווי ער האָט זיך פריער געריסן צום לעבן און אפילו צוגעהאָלפן מיט זיין ענערגיע, אַזוי קעמפט ער איצט קעגן זיך אַליין... עס זענען דאָ אַזעלכע אַלטע לייט... זיי האָבן עפּעס פאַרדרוסן גייט זיי אַריין אַזעלכע משוגעתן. — זאָגן די דאָקטוירים. פונדעסטוועגן קען מען אים דאָך אפשר אויפהאַלטן טעג... און אויף די דאָזיקע „טעג" וואַרט איצט הערמאַן און זיין טעכטערל קאַרמיטאַ וואָס דאַרף מאָרגן גיין מיט איר „אינגל" אויפן טאַנץ־אָוונט. אויב דער אַלטער וועט לעבן וועט זי געוויס גיין, — האָט זי צוגעזאָגט איר לואיס'ן. זי האָט זיך דאָך שוין געמאַכט אַ נײַ קלייד. זי איז דאָך אפילו נייגעריק צו הערן וואָס לואיסיטאָ וועט זאָגן אויף דעם נייעם קלייד? ווי ראָסיטאַ וועט עס קוקן מיט קנאה? די אויגן וועלן איר אַרויסשפּרינגען.

קאַרמיטאַ האָט זיך שטאַרק דערפרייט ווען זי האָט דערזען אַריינקומען די דאָקטוירים.

זי האָט עטוואָס אַ קאָקעטיר געטאָן צו די דאָקטוירים, געבעטן מיט אַ שמייכעלע, זיי זאָלן געזונט מאַכן דעם זיידן. דער הויפּט דאָקטאָר האָט צוריקגעשמייכלט:

— עס איז ניט געווענדט אין אונז! מיר קענען שוין גאָרניט העלפן! עס איז געווענדט אין גאָט! בעט צו אים, אפשר וועט געשען אַ נס, אַ מילאַגראָ!...

קאַרמען האָט זיך פאַרטראַכט:

— צו גאָט בעטן? צו גאָט! — אָבער ווי אַזוי?...

אַ דאָקטאָר האָט געזען איר אינטערעס און אַ פרעג געטאָן:

— האָסט שטאַרק ליב דעם זיידן?

זי האָט זיך שיער אויסגעגעבן אין די געדאַנקען, דאָך זיך דערמאָנט אַז זי שטייט פאַר פרעמדע מענטשן, האָט זי בלויז אַ זאָג געטאָן:

— זייער! דער זיידע מיינער איז זייער אן אלטער שוין! א קלוגער... ער האט שוין א סך וועלט געזען, אין מלחמות געווען. מיט דער בלוט־טראנספוזיע וועט ער נאך אויסהאלטן טעג? א יא, ער וועט אויסהאלטן?...

— 3 —

דער טעלעפאן האט ניט אויפגעהערט קלינגען ביי די פליישער'ס. הערמאן האט געהאלטן אין איין געבן פארארדענונגען דורך דעם טעלעפאן צום הויפט געשעפט ווי צו די פיליאלן.

— העלא! אויגא! מען זאל גוט איבערקוקן און אויסמעסטן די סחו־רות. עס טרעפט א סך מאל אז עס פעלן יארדן! ניט פארלאזן זיך אויף די נומערן. אויב א פיעסע איז ניט ווי געהעריק „פאר'התמה'ט" זאל מען גלייך איבערקאנטראלירן. וואס דער טאטע מאכט? ניט בעסער! א דאנק! ווער ווייסט! די דאקטוירים? וואס האבן זיי צו זאגן? יא, איך וועל מסתמא קומען מארגן אין אפיס! יא, איך גלויב אזוי! נו געווים! איך פארשטיי, עס איז די ערשטע טעג! נו וואס קען מען מאכן! מען האט אים געגעבן א בלוט־טראנספוזיע, ער פילט זיך בעסער! מארגן וועלן זיי אים ווידער מאכן א בלוט־טראנספוזיע. אינגאנצן געזונט וועט ער שוין ניט! דער טאטע וויל מער ניט... ער לאזט זיך ניט. עפעס מורמלט ער: שרה ווארט שוין דארט אויף מיר... ער האט קיינמאל ניט גערעדט אזויפיל פון דער מאמען ווי איצט...

נאך דעם ווי הערמאן האט אפגערעדט מיטן הויפט־פארוואלטער אויפן טעלעפאן, האט ער ארונטערגענומען די ברילן און זיי אנגעהויבן איבער־ווישן ווי ער וואלט מיט דעם געוואלט אויך פארווישן די געסט וואס קומען יעדן טאג מבקר חולה זיין. ער האט א טראכט געטאן: מען האט דאך א סך פריינט.

דעם אלטנס צווייטער זון, וועמען מען האט שנעל ארויסגערופן פון פראווינץ, איז צוגעקומען צו הערמאנען א פארצווייפלטער, זיך אינגאנצן קיין ארט ניט געקענט געפונען. ער האט א רעדט געטאן צום ברודער:

— איז וואס זאגסטו, הערמאן? זאל איך דערווייל אוועקפארן? עס קומען שוין די ערשטע טעג פון מאנאט! מארגן איז דאך דער ערשטער, ער הויבט זיך אן און ווייזן געלט אין גאס און איך זיץ דא און ווארט!... קענסט מיר זאגן וואס איך זיץ דא? כ'מיין, וואס וועט ווערן? זאל איך אפשר דערווייל אוועקפארן און דו וועסט מיר ווידער ארויסרופן טעלעפאניש? עס

האָט דאָך קיין זין ניט דאָ צו זיצן. דאָס געשעפט איז אַליין! מיין דאָרא וועט זיך ניט קענען אַן עצה טאָן! עס האָבן זיך שוין געוויס אָנגעהויבן די צאָלונגען אין די צוקער־צענטראַלן. איז וואָס דענקסטו, הערמאַן? וואָס שווייגסטו?

— וואָס קען איך דען זאָגן? איך אַליין וויים דאָך ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין! קענסט דיר פאָרשטעלן ווי אַזוי די געשעפטן וועלן אויס־זען אָן מיר? אין האַוואַנאַ זענען דאָך די ערשטע טעג שטאַרקער! אַלץ שטייט דאָך דאָ אויף די ערשטע טעג! די אַנדערע טעג זענען טויטע...

— דו הערמאַן קענסט דאָך מאָרגן צופאָרן צו די ביזנעס, אָבער איך? אַזוי ווייט צו פאָרן, דערנאָך ווידער קומען. וואָס טוט מען?

— כ'זאָל אַזוי וויסן פון בייז, יאָסל! טו ווי דו פאַרשטייסט.

די דינסטן זענען אריינגעקומען און אָנגעהויבן גרייטן צום טיש. דער טעלעפאָן האָט זיך ווידער צעקלונגען:

— העלאָ, העלאָ!

— עס איז פאַר דיר, עווא, האָט הערמאַן אַ זאָג געטאָן צו דער פרוי. עס איז די מאָדיסטקע דיינע, אינמיטן דערין.

— וואָס זאָל זי וויסן?

— האַלאָ! אויגאָ! ניין, איך קען ניט גיין פאַסן!

— איר האָט דאָך געיאָגט! אַלעמען געהייסן אַוועקלייגן אין אַ זייט, און איצט? דערנאָך זאָלט איר קיין טענה ניט האָבן!

— אפשר מאָרגן!... איך וויים שוין אינגאַנצן ניט וואָס צו זאָגן!... דער אַלטער איז שטאַרק קראַנק. יאָ ער בעסערט זיך, אַ דאַנק!

מען האָט אָנגעהויבן עסן, נאָר קיין אַפּעטיט איז ניט געווען. אויסגע־וויזן האָט זיך אַלעמען אַז די קעכן האָט היינט אפילו ניט געקאָכט ווי עס דאַרף צו זיין. די ברידער האָבן ווידער געזוכט אָנצוהאַלטן זייער געשפּרעך. נאָר עס האָט זיך מער ניט געבונדן.

קאַרמען איז די ערשטע אַוועקגעלאָפן פון טיש און צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און אָנגעהויבן דרייען דאָס רעדל:

— ביסט שוין געקומען, מי קערער! יאָ, מאָרגן גייען מיר! עס איז אַלרייט! אָקעי! וואָס טוסטו היינט? ניין, דאַרפסט זיך ניט שעמען! קום צו! מיר וועלן אַביסל ארויסגיין שפּאַצירן... איך האָב מיט דיר אַזויפיל זאָגן צו רעדן! וועסט אַ טרובע טאָן מיט דער מאַשין, איך וועל שוין אויף דיר וואַרטן. עס קומען לעצטנס אַ סך געסט צו אונז, דו ווייסט דאָך, דער זיידע. כ'האָב ניט קיין חשק צו בלייבן אין שטוב אויף צו פאַרווײַלן דאָס

אַלטוואַרג... עס איז מיר שוין דערעסן געוואָרן, אַלע טאָג אזויפיל געסט... שוין מידט פון זיי. סי, ביז שפּעטער.

די באַלעבאָסטע האָט זיך געהאַלטן אין איין ארומקוקן צו די צימערן זענען אין אָרדענונג און דאָך געפונען צו מאַכן אַ באַמערקונג צו די דינסטן:

— פרישט אביסל אויף, די געסט קומען דאָך שוין באַלד. נו אַז עס איז דאָ אַ קראַנקער אין שטוב דאַרפן די צימערן זיין אזוי אָפּגעלאָזן? וואָס וועלן זיי זאָגן די געסט? וואָס זיי וועלן טראַכטן וועלן זיי דאָך גערעכט זיין.

— 4 —

דער אַלטער האָט דערפילט אז די כוחות גייען אים אויס. ערשט ניט לאַנג האָבן זיי אים ווידער געמוטשעט, געגאָסן אין אים בלוט. ער האָט דאָך אפילו קיין כח ניט געהאַט זיך צו ווערן. וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף אים? זיי ווילן אים דווקא שטעלן אויף די פיס. ניין, עס איז גענוג פאַר אים. די גאַנצע צייט האָט מען זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, ער איז געווען אַן איבעריקער אין די גרויסע צימערן, מען האָט דאָך כסידר געהאַלטן אין שיקן אים אין זיין צימער אריין, אָדער צו דער הינטערשטער טעראַסע. די צימערן וועלן פאַרשליומפּערט ווערן. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פאַר וואָס די צימערן ווערן אָנגעמושב'ט ווען ער קומט אין זיי אַריין. טאָמער פאַרהוסט ער זיך אַמאָל אין די צימערן, איז געווען עק וועלט, ער זאָל אַמאָל ניט אויסשפּייען. האָבן געסט געדאַרפט קומען, האָט מען אים ווידער געבעטן ער זאָל גיין אין זיין צימער אָדער אויף דער הינטערשטער טעראַסע. עס ווילט זיך אים אַמאָל אַ שמועס טאָן וועגן דער אַלטער היים... ער איז פלוצלונג פאַר זיי געוואָרן אַלטפרענקיש און רעדט נאַרישקייטן.

ער האָט אַ שטאַרק האַרץ, האָבן די דאָקטוירים געזאָגט. דער אַלטער האָט דאָס אויפגעכאַפּט. נו געוויס — טראַכט דער אַלטער — מען דאַרף האָבן אַ שטאַרק האַרץ אויסצוהאַלטן פון די קינדער. זיי זעען דאָך די גאַנצע צייט אזוי ווייניק דעם טאַטן... ער פילט דאָך די גאַנצע צייט אַ קעלט אין די גרויסע צימערן... עס איז דאָך אַלץ אזוי פרעמד... ער ליגט אין בעט און געדאַנקען הויבן זיך אָן אַדורכלופטערן. ער דערמאָנט זיך אין דער אַלטער היים, ברויט געבאַקן, זייער שווער געהאָרעוועט אויסצוהאָדע־ווען די קינדער, געלעבט אין אָרעמקייט, אין צוויי צימערלעך, נאָר עס איז אַלעם אזוי גוט געווען. הערשל האָט דאָך צוגעהאָלפן ווען ער איז אונטער־געוואָקסן, יאָסל האָט געמישט אַ ראָשטשענע. ער האָט אַמאָל הערשלען

שטאַרק געשלאָגן, געלאָזט היטן דאָס ברויט אין אויוון, האָט ער זיך פאַר־רעדט און דאָס ברויט איז פאַרברענט געוואָרן; איז דערנאָך קיין ברויט ניט געווען אין שטוב... אָבער דרך־ארץ פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען איז געווען, ספּעציעל פאַר אים פאַרן טאַטן איז געווען דרך־ארץ. ווער פון די קינדער וואָלט אים דאַן אַנטקעגנגערעדט?

און ווידער שווימט אַרויף אַ געדאַנק:

זיי זענען עלטער געוואָרן, זיך צעפאָרן אין די בעקערייען אין וואַרשע, געקומען אין שטעטל אַריין בלויז אויף די יום טובים. דערנאָך זענען זיי אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן קיין קובאַ. אַ מאָדנע לאַנד, קיינמאָל ניט געהערט דערפון. פריער איז געפאָרן הערשל, ווי זיי רופן אים איצט הערמאַן, דער־נאָך יאָסל. איצט זענען שוין ביידע גרויסע גבירים. הערמאַן זאָגט מען פאַרמאָגט שווערע הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן, איז אַן אָנגעזעענער סוחר, פירט שווערע געשעפטן. עס איז פאַר אים אַליין אַ וואונדער, וואו ער האָט עס זיך אַזוי אויסגעלערנט?... הערשל איז אַביסל גערעדט אין אים אַליין... רירט אים עמיץ אָן, וואָלט ער יענעם צעטראָטן... די שנור, ווער ווייסט איר? ער האָט דאָך מיט איר דאָ חתונה געהאַט... ווי זי פאַררייסט עס דעם קאָפּ? די ערשטע טעג ווען זיי האָבן אים אַראָפּגעבראַכט, האָט מען זיך מיט אים אָנגעהויבן אויסשטעלן. דער טאַטע דאַוונט אַלע טאָג, האָט מען געהאַלטן אין איין באַרימען זיך. עס איז אונזער טאַטע!... אַליין קוקט מען קיינמאָל ניט אין קיין סידורל, שבת שטייט מען אין די געשעפטן, מען אַרבעט נאָך מער ווי אַלע טעג, נאָר מען טוט רעדן אַז דער טאַטע היט אָפּ שבת. די ער־שטע צייט האָט מען טאַקע צוליב אים עפּעס פון שבת אָפּגעהיטן, מען האָט אַוועקגעשטעלט לייכטער. דאַן האָט מען נאָך געוואוינט אין שטאָט, ניט ווי היינט, די „פּיסטאָקראַטן“, דאַן האָט ער נאָך געקענט גיין דאַוונען אין שול אַריין. שוין שיינע עטלעכע יאָר ווי ער איז אינגאַנצן אָפּגעריסן געוואָרן. געפינט זיך איינער אַליין ווי אַ פויגל אין אַ שטייג... מען קאָרמעט אים, עס פעלט אים גאָרנישט, נאָר עס פעלט בלויז עפּעס... וואַרעמקייט. נאָך קיינ־מאָל האָט אים זיין ווייב שרה אַזויפיל ניט אויסגעפעלט ווי אין די לעצטע אַכט יאָר אין דעם פאַרוואָרפענעם העק צווישן גראָז אין ביימער...

איצט אין די לעצטע מינוטן האָט זיך די איינזאַמקייט נאָך מער דער־וועקט ביים אַלטן. ער קען עס מער ניט איבערטראָגן. יעדעס מאָל וואָס ער האָט אַראָפּגעשטעלט אַ כוס אויף דער גראַניט פאַל אין די באַקוועמע צימערן דאַכט זיך אים אַז ער שטעלט דעם פוס אויף דראָטן. אַלעווייַלע איז ווער אויסגעוואָקסן לעבן אים:

— טאטע וואו גייסטו?

— שווער, איר וועט נאך צעברעכן!

— זיידע, ווערסט נאך אומווארפן!

אפילו די דינסטן וואקסן אויס לעבן אים און ווארענען:

— אלטער, איר וועט נאך עפעס איבערקערן! וואס זוכט איר, זאגט און מיר וועלן דערלאנגען. אפשר זאגן דער גויעשקער דינסט אז ער זוכט דאס חומשל אדער דאס סידורל. עפעס דרייט זיך דארט יא א שטיקל ספרל, נו עס שאדט דאך ניט א קוק צו טאן. טאמער האט ער איינמאל עפעס א געטשקע, א מין פיגורקע צעבראכן איז געווארן א גאנצער חורבן. אלע האבן געקוואקעט, געשטשירעט מיט די ציינער.

— פון איטאליע!

— איטאליענישער מארמאר!...

— נו איז וואס? און אז עס איז פון איטאליע, איז וואס? עס איז פון דער גויעשקער איטאליע... נישט קיין קלייניקייט! ווען עס וואלט כאטש געווען פון ארץ ישראל?... א שטיין פון חרוב געווארענעם בית המקדש, פון מוטער רחלס קבר... דאס אייניקל קיילע, אדער ווי זיי רופן איר דארט קארמען, האט דאך אפילו אנגעהויבן וויינען און ארייגעווארפן א ווארט וואס איז אייגנטלעך ביי אלעמען געלעגן אויף די ליפן:

— וואס לאזט מען אים דעם אלטן ארומקריכן?

ער האט זיך געפילט ווי א פארשולדיקט קינד וואס האט עפעס אפגעטאן א מיאוסע זאך. זיי זענען דאך נאך מער אין כעס געווארן אויף אים ווען ער האט א צי געטאן פון קעשענע דאס אפגעריבענע טייסטערל מיט פארשידענע מטבעות און א פרעג גטאן:

— וויפל קאסט עס אזוי? איך קען באצאלן דעם שאדן...

— טאטע, גיי בעסער אין דיין צימער אריין! דו פארשטייסט ניט...

ער האט זיך פאר זיך אליין פארשעמט. די פיס האבן זיך אים אנגעהויבן ווי אונטערזעגן. עס האט עפעס גענומען אונטערשטיקן. ער האט נאך עפעס געוואלט זאגן און איז זיך בלויז פארגאנגען אין א שטארקן הוסט קוים איינהאלטנדיק דעם לייכעץ.

— 5 —

אין צימער פון אלטן איז שטיל געווארן, עפעס האט ער אויפגעהערט קרעכצן. די שנור איז אריינגעגאנגען, זיך אריבערגעבויגן איבערן אלטן

וואָס האָט די אויגן געהאַלטן צוגעמאַכט. ער האָט ווי דערפילט איר אָטעם. זי האָט דאָך אים ווי די געדאַנקען איבערגעריסן. ער האָט עפּעס אַזעלכעס א ברום געטאָן:

— שוין !

— וואָס שוין, שוועך?

— ס'איז שוין דער ערשטער!...

— וואָס שוין, שרעקט מיר ניט, שוועך!

— שוין, עס ענדיקט זיך שוין! איך פיל עס...

— שוועך, שוועך, זאָל איך זיי רופן? שוועך, איך האָב מורא! זאָל איך א רוף טאָן דעם דאָקטאָר?

דער אַלטער האָט זיך נאָך אַלץ געפילט מיט לשון, כאָטש עס איז אים שוין טיילווייז אָנגעקומען שווער. עס איז אים אפילו געפעלן געוואָרן דער שנורס צעשראָקנקייט. איצט איז ער עפּעס, עפּעס אויף וועמען מען שטעלט אוים די אויגן. ער זעט איצט דער שנור אין א נעפּל. איז איצט טאָג אָדער נאַכט? ער זעט איצט ניט דעם אונטערשייד, ער פילט בלויז אַז אויב הערשל איז נישטאָ, מסתמא איז טאָג. ער הערט דאָך ווי די דינסטן גייען ארום אין די צימערן, ער פילט אפילו די האַנט פון דער שנור. ער שטרענגט זיך אָן מיט די לעצטע כוחות, די אויגן ווילן קוקן און גלעזלען זיך, וואַרפן אָן א נאָך שטאַרקערן שרעק אויף דער שנור, וואָס האַלט שוין אין וויינען און שרייען אויף איר ביטער מזל, אַז מען האָט איר פּונקט איצט איבערגע־לאָזט אַליין... די שנור בלייבט שטיל. ער טוט עפּעס א מורמל:

— זאָג הערשלען אַז מען רופט מיר! דאָרט וויל מען ניט וואַרטן! מען וויל ניט וויסן פון קיין ערשטע טעג! נישטאָ קיין ערשטער! אַלע טעג זע־נען גלייך!... רוף יאָסלען! דעם ערשטן קדיש כאָטש ביים קבר...

די שנור האָט ארויסגעלאָזט א הילכיקן קוויטש. די דינסטן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן און זיך אָנגעהויבן צלמען. דעם אַלטנס פּנים האָט גע־שמייכלט מיט אזא מין דריבנעם שמייכל וואָס האָט אַלעמען אויפגעצי־טערט:

— איר וועט מיר ניט אָפּשרייען!...

די דינסטן האָבן זיך נאָך מער אָנגעהויבן צלמען:

— כעסוס! אווע מאַריאַ! — און געגומען אונטערהאַלטן דער באַ־לעבאָסטע, וואָס עס האָט זיך געדאַכט אַז זי גייט אויסגיין אין זייערע הענט און איז דאָך צו זיך געקומען און צוגעלאָפן צום טעלעפאָן אָנקלינגען צ־

הערמאַנען אין געשעפט אַריין.

די סעקרעטאַרשע אין געשעפט האָט אפילו געוואָלט א פרעג טאָן וואָס דער אַלטער מאַכט, ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, נאָר די פרוי האָט שנעל אָפּגעהאַקט:

— מיט הערמאַנען! שוין! טאַקע די מינוט! — האַלאָ! האַלאָ! הערמאַן?

— וואָס איז געשען?

— דאַכט זיך אַז שוין!

— שוין?

— נאָך ניט — און שוין!... איך ווייס ניט! עפּעס רעדט ער, אָבער ער אַליין זאָגט אַז שוין, עס איז שוין די ענדע!... מען וויל ניט וואַרטן דאָרט — זאָגט ער —, דאָרט זענען אַלע טאָג גלייך!... נישטאָ קיין ערשטער, קיין ערשטע טעג פון מאָנאַט! ער האָט געהייסן רופן דיר און כאַסען... דעם ערשטן קדיש...

— אַזוי? אַזוי זאָגט ער?...

— קומסט שוין? קום גלייך! איך האָב מורא...

— לויף אַ מינוט נאָכאַמאָל אַריין, טו אַ קוק, איך וועל וואַרטן בײַם טעלעפאָן.

זי איז אַריינגעלאָפן צום אַלטן, ווידער זיך איבערגעבויגן איבער אים, ער האָט נאָך אַלץ געאָטעמט. זי האָט אים עפּעס געפּרוּווט אַ פרעג טאָן, ער האָט געפילט אַז ער קען נאָך ענטפערן, נאָר עס איז ניט כדאי... ער וועט בעסער די לעצטע ווערטער אויסנוצן ווען די קינדער וועלן קומען... ער מוז זיי עפּעס זאָגן, זיי זאָלן האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן. יאָ, ער וועט זיך נאָך איינהאַלטן מיט די לעצטע כוחות... ער וועט מער ניט לאָזן אין זיך גיסן קיין בלוט... ער מוז נעמען דעם ערשטן טאָג פאַר זיך... זייט ער איז געקומען דאָ אין לאַנד הערט ער וועגן „די ערשטע טעג“... איצט איז זיין טאָג... ער מוז איצט אויסהאַלטן די יסורים... מען וועט צוואוואַרטן... מסתמא קומען זיי שוין.

די שנור איז צוגעלאָפן ווידער צום טעלעפאָן:

— ער זשיפּעט נאָך! ער רעדט שוין מער ניט! איך האָב צו אים גע־פּרוּווט אַ רעדט טאָן, האָט ער אינגאַנצן מער ניט געהערט. קום שוין!

— אַזוי, אַזוי, וואָס רעדסטו? נו גוט, איך וועל אָפּרופן יאַסלען, זאָל ער קומען צופאָרן! טאַקע גלייך! איך רוף גלייך אָפּ דעם דאָקטאָר! אפשר ווידער אַ בלוט־טראַנספוזיע? — אפשר...

— קום שוין, הערמאַן! זאָלסט ניט פאַרשפּעטיקן, הערמאַן!
— נו געוויס! אַ טאָג פון צרות, היינט! שוין איינמאָל אַ טאָג!...

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און זיך צוריקגעכאַפּט. עס איז איצט ניט די צייט צו רעדן דערפון. זי וועט צופיל אויספרעגן. עס איז היינט יענער טאָג!... שוין איינמאָל אַ טאָג! — טראַכט ער אַ מאָמענט פאַר זיך — דער ערשטער פון מאָנאַט! שוין איינמאָל גוט אָנגעהויבן דעם מאָנאַט! די פירמע גוטיערערז האָט באַנקראָטירט אָדער אָפּגעשטעלט די צאָלונגען! ער איז עס איצט געוואָר געוואָרן, געוואָלט נעמען שריט ווי אַזוי צו פאַרהיטן די פופצן טויזנט דאָלאַר וואָס עס קומט פון אים, אפשר ווען ער טוט זיך איצט אַ באַוועג. ער זאָל איצט קענען אַ לויף טאָן מיט זיינע אַדוואָקאַטן, וואָלט ער דער ערשטער געקענט מאַכן אַן עמבאַרגאָ אויפן געשעפט. אַנדערע זאָגן דאָך אַפּילו אַז גוטיערערז האָט נאָך ניט דערלייזדיקט אַלע פאָרמאַ־ליטעטן! אפשר וואָלט מען נאָך געקענט ראַטעווען! מען טאָר אַזאַ זאַך ניט פאַרשלאָפן, נאָר גיי צעריים זיך, אַז פונקט איצט, דער אַלטער... וואָס טוט מען? מען קען דאָך פון זינען אַרונטער!... דער קאָפּ וועט ניט אַריבער־טראָגן... ער מוז דאָך לויפן צום טאַטן... נו געוויס, דער פאָטער איז דאָך בילכער ווי אַלץ... עס איז דאָך די לעצטע מינוטן. ער וועט בלויז אַ קלונג טאָן צו די אַדוואָקאַטן, זאָלן זיי אַליין פּרואוון עפּעס טאָן. ער וועט זיי בלויז אָנווייזן זיי זאָלן האַנדלען פּאָרזיכטיק און זוכן צו ראַטעווען וואָס מען קען. מען דאַרף זען ווי עס האַלט...

אַהיימפאָרנדיק האָט ער געטראַכט:

מען טאָר היינט קיינעם ניט געבן קיין גרויסע קרעדיטן. די צייט איז איצט ניט פאַר דעם. נאָר מער פון אַלץ האָט ער געטראַכט פון פאָטער. עס האָט זיך אים אין דעם מאָמענט אַזוי שטאַרק געוואָלט זען נאָך אַ לעבעדיקן דעם טאַטן, אַז אַלע געשעפטן זענען מיט איינמאָל פאַרווישט געוואָרן. דעם טאַטנס ווערטער האָבן אים כסדר געקלונגען אין די אויערן און ניט צו רו געלאָזט:

— „דאָרט איז נישטאָ קיין ערשטער"!... אַלע טעג זענען גלייך!... טאַקע אַ קלוגער מענטש דער טאַטע! אַן אַלטער אָבער דאָך קלוג!... פאָרט דער אַלטער דור! ווער קען זיך גאָר גלייכן צו זיי!...

ער האָט זיך אין דעם מאָמענט געפילט אַזוי קליין און נישטיק קעגן גרויסן טאַטן. ער האָט זיך אין דעם מאָמענט עפּעס דערמאָנט. דער טאַטע פלעגט דערציילן אַז דער זיידע האָט געהאַט אַ גלייכווערטל: אַז עס דאַרפן קומען צרות, קומען זיי אַפּילו אין דעם קייזערס קאַרעטע... טאַקע קלוגע

ווערטער! איצט פארשטייט ער נאך בעסער זייער מיין. ער וועט עס טאקע איצט דערמאנען דעם פאטער, זאגן אים אז ער איז גערעכט. ער וועט אים די הענט קושן. וויפל וואלט ער איצט ניט געגעבן, איצט טאקע, שוין צו קענען זיין לעבן פאטער, מיט אים א רעדט טאן. עס שטיקן דאך אים ממש די ווערטער אין די ליפן, אין די אויגן...

— דער פאטראן האט שטארק ליב דעם פאטער?

דאס האט דער שאפער א רעדט געטאן צום באלעבאס, זעענדיק אז עס רינען אים טרערן פון די אויגן. עס האט הערמאנען ווי אויפגעוועקט פון א זיסן שלאף, ער האט זיך אביסל פארשעמט פארן שאפער און דאך אפגעענט־פערט:

— שנעלער! כ'בעט דיר, שנעלער! איך מוז זען דעם טאטן! יא, איך האב שטארק ליב דעם טאטן. ווער האט עס פיינט א טאטן?

— מיט גאטס הילף, פאטראן! איך לויף שוין ביי די הונדערט, סע־ניאר פליישער!...

דער שאפער האט געזוכט אויפצוהאלטן א געשפרעך מיטן באלעבאס, נאר הערמאן האט כמעט ווי ניט געענטפערט. ער האט איצט געוואלט זיין מיט זיינע אייגענע געדאנקען וואס האבן אים עפעס אזוי מאדנע ארייננגע־טריבן אין א בענקשאפט צו דער אלטער היים. צייטנווייז האט זיך אים אפילו אויסגעוויזן, אז ער שטייט איצט אין בעקעריי און העלפט ארויס דעם פאטער וואס ברומט עפעס א ניגן צווישן דער שווארצער בארד, וואס איז טיילמאל פארוויסט און פארמעליקט. ער זעט אפילו איצט דעם טאטנס מוסקולן וואס הויבן א גאנץ ברעט מיט אויסגעקנאטענע ברייטלעך. ער וויל עס נאכטאן, שמייכלט דער טאטע און זאגט:

— אז מען האט שוין וואנצעס מעג מען אזוי א כאפ טאן א ברעט און א שטעל טאן אין דער הויך.

די מאשין האט אזש א קריץ געטאן צופארנדיק צו דער ווילע. הערמאן האט אנגעשטעלט דאס אויער, אפשר וועט ער עפעס דערהערן? נאר אין שטוב איז אלץ שטיל געוועזן. ער האט פרייער אפגעאטעמט און פאר זיך א טראכט געטאן: ער לעבט נאך, גאט צו דאנקען!

א שווערער שטיין איז אים אראפגעפאלן פון הארצן.

— 6 —

— טאטע! טאטע! — האט הערמאן גענומען זיך טוליען צום פא־טער. — וואס מאכסטו? ווי פילסטו? שוין בעסער?

ער האָט ארומגענומען דעם אַלטן ווי אַ קליין קינד, אים אָנגעהויבן גלעטן איבערן פאַרגעלטן פאַרמעט פּנים, די פּייבטע ליפּן און נאָך מער די נאַסע אויגן האָבן זיך געצערטלט צום אַלטנס, געקושט דעם שטערן און גע־פּליסטערט:

— טאַטע! איך האָב דיר אזוי געוואָלט זען...

דער פּאַטער האָט אין די שווערע יסורימדיקע מאָמענטן דערפילט אַ ווארעמקייט, אַ שטראָם הייסע בלוט האָט זיך ווי אַ באַוועג געטאָן אין קער־פּער. עס איז אים עפּעס אָנגענעם, דאַכט זיך אז ער לעבט ווידער! ער וואָלט איצט געוואָלט אַ נעם טאָן דעם זונס האַנט, ער רירט זי אָן מיט די שפּיץ פינגער און פילט עפּעס אַ מאָדנעם פאַרגעניגן, ער פּרואווט אפילו אָן עפן טאָן די אויגן וואָס רייסן זיך דורך א נעפּל צו זען דעם זון, די ליפּן באַוועגן זיך ווי ער וואָלט זיך ערשט געלערנט רעדן. ער האָט צו זאָגן, דעם זון זיי־נעם, אַ סך זאַכן... ער וועט שוין ניט זאָגן... עפּעס אַנדערש בליצט אויף ביי דעם אַלטן: ער וואָלט געוואָלט איצט רעדן וועגן דעם, אז עס ווילט זיך אים נאָך אַביסל לעבן, נאָר דער זון זאָל ביי אים זיצן... ער איז מער ניט איינזאַם. די ליפּן האָבן עפּעס ארויסגעמורמלט:

— יאָסל! וואו איז ער?

— ער קומט טאַטע! דו וועסט זען טאַטע, דו וועסט נאָך געזונט זיין! איך שטיין דאָך לעבן דיר. געדענקסט טאַטע ווי איך האָב געפּרואווט אויפ־הויבן דאָס ברעט מיט די טייגלעך און ניט געקענט עס מאַכן אזוי גוט ווי דו? מיר וועלן עפּענען אַ בעקעריי! וועסט באַקן טאַטע?

דער פּאַטער האָט זיך אָנגעשטרענגט אַ דינעם שמייכל צו טאָן, די ליפּן האָבן זיך ווי אויפגעשלאָסן, אַ טרער האָט זיך באַוויזן אויף די פאַרנעפּלטע אויגן און זיי געוואַשן. עפּעס האָט אָנגעהויבן ווי ליכטיק ווערן. ער איז צו אָפּגעשוואַכט. ער טראַכט בלויז אין דעם ווילן צו קענען אַראָפּשטעלן אַ פוס, נאָר דאָס גליק וואָלט שוין געווען צופיל. ער האָט בלויז אַ באַוועג גע־טאָן מיט דער האַנט וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין זונס גלאַט־ראַזירטן פּנים:

— מיין קליין הערשעלע!

געטראַכט האָט ווידער דער אַלטער: ווי גוט איז צו זיין אַ פּאַטער!...

די שטוביקע האָבן זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן ווי אזוי דער אַלטער בעסערט זיך. נאָך מער האָבן זיך געוואונדערט די דאָקטוירים וואָס האָבן שוין געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. אַ מאָדנער אַלטיטשקער: ער שפּילט זיך עפּעס מיט זיי ארום. זיי זעען דאָך ביי אים איצט אַ דראַנג ווידער אָנ־צוהויבן לעבן. וואָס איז געשען? מאָדנע מענטשן די אויסלענדער? ניט

צום פֿאַרשטיין!... און דער זון הערמאַן? ער ברענגט זיך דאָך איצט אַוועק פֿאַרן טאַטן! ער טרעט ניט אָפּ פֿון בעט! ער איז דאָך לעבן אים אַ גאַנצע נאַכט געזעסן.

דאָס זעלבע האָט זיך אויך געוואונדערט די פֿרוי, די דינסטן. די פֿרוי איז עטלאַכע מאָל אַריינגעקומען צו אים, געפּרוּווט אים אַוועקנעמען פֿון אַלטן פֿאָטער.

— דו זעסט דאָך אַז ער בעסערט זיך! גיי לייג דיר אין בעט! וועסט פֿאַלן פֿון די פֿיס! דו ביסט דאָך שוין אַזוי מידע! וועסט דאָך פֿאַלן פֿון די פֿיס! וועסט דאָך צוזאַמענברעכן! וועסט דאָך אַליין קראַנק ווערן! עס קען דאָך אַזוי ניט זיין!...

הערמאַן האָט ניט געפֿילט קיין מידקייט. עס איז אים געווען זייער גוט צו זיצן לעבן טאַטן. יעדעס מאָל וואָס דער פֿאָטער האָט עפּעס אַ וואָרט צו אים אַרויסגערעדט איז ער געווען גליקלעך. ער האָט אָנגעהויבן דרימלען האַלטנדיק דעם פֿאָטערס האַנט ביז דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן.

יאָסל איז אַריינגעקומען און זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פֿון דער געשעעניש. מען האָט אים אַרויסגערופֿן טעלעפֿאָניש, ער איז זיך אָנגעלאָפֿן אַזאַ ווייטע שטרעקע, געטראַכט אַז שוין... פֿאַרשפּעטיקט... צו וואָס האָט מען אים אַרויסגערופֿן? זיי ווייסן דאָך אַז עס איז די ערשטע טעג. הערמאַן האָט דאָך גאָרניט קיין איינזעעניש מיט אים. ער פּרוּווט רעדן מיט הערמאַנען וועגן דעם און דערקענט דאָך אין הערמאַנס פּנים, אַז עס איז בעסער ניט אָנצוהויבן רעדן. ער פֿאַרשטייט דאָך אינגאַנצן ניט איצט הערמאַנען... ניט צו דערקענען... עס איז צו אים דערגאַנגען אַז הערמאַן האַלט אין „אָפּברענען" מיט פּופֿצן טויזנט דאָלער, ער וויל וועגן דעם כאַטש מיט אים פֿאַרפֿירן אַ שמועס, לייגט אים הערמאַן אַרויף אַ פֿינגער אויף די ליפּן און ווייזט אים ער זאָל וועגן דעם ניט רעדן. ווי ער זיצט עס ביים אַלטן! וואָס טוט זיך דאָ? וואָס הויבט מען אָן צו טאָן?

דער אַלטער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אַ שעפּטשע געטאָן מיט די ליפּן:

— יאָסעלע? וואו ביסטו?

הערמאַן האָט אים ממש אַריבערגעבויגן איבערן אַלטן.

— דאָ איז ער דאָך, טאַטע!

— געדענקסט די בעקעריי, יאָסל?

יאָסל האָט אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס און אַ טראַכט געטאָן: דער־

אַלטער איז דאָך מער ניט ביים זינען... בלויז הערמאַן האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און געענטפערט פאַר יאָסלען:

— כ'וועל אים אויך אריינגעמען פאַר אַ שותּף! ער האָט שוין אַמאָל גערעדט וועגן דעם מיט מיר... עס ציט אים.

יאָסל איז געשטאַנען ווי אַ אומבאַהאָלפענער.

— 7 —

דאָס וואָס דער אַלטער איז צוריק אויפגעשטאַנען „תחית המתים" און בּיסלעכווייז אָנגעהויבן ארומשלייכן אין די גרויסע צימערן, האָט שוין באַלד געמאַכט פאַרגעסן אַז ער איז שטאַרק קראַנק געווען. צו דער אַלטער קראַנקהייט זיינער און אונטערקרעכצן איז מען דאָך שוין געווען צוגעוואוינט פון די לעצטע פאַר יאָר. דאָס איז דאָך געווען גאַנץ נאַטירלעך פאַר זיין עלטער וואָס איז אין די לעצטע יאָרן נאָך מער אויף אים ארויפגעקומען.

יאָסל איז שוין ווידער געווען פאַרנומען אין זיין פּראָווינץ שטאָט מיט די ערשטע טעג פון מאָנאַט, ער האָט אפילו ניט קיין צייט צו טראַכטן פון דעם אַלטן און אויב עס קומט אים ווען עס איז ארויף אין די געדאַנקען עפּעס וועגן דעם אַלטן און די איבערקערעניש וואָס ער האָט מיט קרוב צוויי מאָנאַטן צוריק געטראָפן ביי זיין ברודער הערמאַן אין שטוב, פּרואווט ער עס צוריק אָפּטרייבן. ער פאַרשטייט ניט וואָס עס איז געשען מיט זיין ברודער: פונוואַנען האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַזאַ גרויסע ליבע צום קאָפּריזנעם טאַטן? זאָל מען אים אַ ליאַדע טאָג ווידער ניט אַ רוף טאָן? מען האָט דאָך אים שוין לאַנג צו רו געלאָזט, זאָל ער אפשר אָנפרעגן? ניין מען דאַרף ניט! אויב עפּעס, וועלן זיי לאָזן וויסן!... עס איז בעסער אַז מען פרעגט ניט! באַ זיי איז אַזאַ ווייטע רייזע אַ שפּילעכל.

הערמאַן איז לעצטנס פאַרנומען מיט די אַדוואָקאַטן. עס האַלט באַ אַן אויסגלייכונג מיט דער פירמע גוטיעררעז. זיי ווילן שוין צאָלן פופציק פּראָצענט.

דער פאָטער זוכט צייטנווייז מיט אים צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן זייער בעקערייַ אין דער אַלטער היים, צעלייגט זיך מיטן טייסטערל אויסצייילנדיק דאָס קליינגעלט, לייגט ער עס אוים אין קופּקעלעך און האַלט אין איין פרעגן דעם זון וויפל עס קאָסט אַ נייער וואָלענער טלית?

הערמאַן ענטפערט דעם פאָטער מיט געדולד:

— טאַטע, באַהאַלט דאָס געלט! — ווען איך וועל פאָרן אין ניו יאָרק

וועל איך דיר ברענגען אַ נייעם טלית. דו ווייסט דאָך אַז דאָ איז נישטאָ קיין טליתים.

— איז ווען פּאַרסטו?

— סעפּטעמבער.

— ווען איז דאָס, ראש־חודש ניסן?...

די מוטער איז אריינגעקומען אַן אויפגערעגטע, פּונקט ווי אַ שלאַנג וואָלט איר אַ ביס געטאָן. זי איז צוגעגאַנגען צום מאַן, אפילו זיך ניט אומ־קוקנדיק אויף דעם אַלטן, האָט זי ממש אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ שטימע וואָס האָט עפּעס נישט גוטעס אָנגעזאָגט:

— קאַרמען!...

— קאַרמען? וואָס קאַרמען?

— אַז מען איז אזוי פּאַרנומען מיטן אַלטן זעט מען אפילו ניט די אייג־גענע קינדער. כ'מיין טאַקע מיר אַליין אויך!...

— אָבער רעדט שוין, וואָס קאַרמען? איז זי קראַנק?

— כ'ווייס ניט ווי אָנצוהויבן? אפשר וועלן מיר ערגעץ זיך אוועק־זעצן?... אפשר וועט דער טאַטע גיין אין זיין צימער?

דער אַלטער האָט אריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— פאַר אַ טאַטן זענען נישטאָ קיין סודות, נאָר אויב איר ווילט דווקא?

— ניין טאַטע, בלייב! — און צו דער פרוי האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— נו רעדט שוין, וואָס פאַר אַ סודות? וואָס פאַר אַ מיסטעריע?

— זי האָט באַנאַכט אין איר צימער געוויינט.

— געוויינט? וואָס איז עס פאַר אַ וויינען? וואָס שווייגסטו עוואַ?

איך בין אריין אין איר צימער, האָט זי דעם קאָפּ אין קישן פאַר־שטופּט:

— איך בין אזוי אומגליקלעך!

— וואָס איז געשען? רעדט קאַרמען! שרעק מיר ניט איבער!

— גאָרניט מאַמע!

— וואָזשע וויינסטו? נו זאָג! איך בין דאָך אַ מאַמע!

— גאָרניט מאַמע... וועסט ניט פאַרשטיין...

— וואָס הייסט גאָרניט? פאַר אַ מאַמען סודות גאָר?... זאָלסט שוין זאָגן, דו הערסט.

— איך וועל זיך דערהרגענען, מאַמאַ! איך וויל מער ניט לעבן! איך קען מער ניט לעבן!...

— נו זאָג שוין, טאַקע די מינוט! וואָס באַר אַ רייד? איך רוף שוין דעם טאַטן!

— ניין מאַמע, דעם טאַטן ניט!... ווי אומגליקלעך איך בין! איך שעם זיך דאָך! ער האָט דאָך מיר איבערגעביטן, מאַמאַ!... זי האָט אים אויסגעכאַפּט, ראָסיטאַ... זי האָט אים צוגענומען און לאַכט נאָך פון מיר... איך וועל עס ניט איבערטראָגן!

הערמאַן האָט פרייער אַ ביסל אָפּגעאָטעמט:

— ביז דו האָסט דערציילט די געשיכטע האָסטו מיר היפּש איבערגעשראָקן!... באַ אייך פרויען... עס וועט איר איבערגיין עוואַ... זיי ניט אַזוי צעשראָקן!

— איך האָב מורא! זי איז דאָך פאַרצווייפלט... אַ יונג קינד... זי קען דאָך עפּעס אָפּטאָן אַ נאַרישקייט... ווען דו וואָלסט איר אָנגעקוקט?...

דער אַלטיטשקער האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— מען פאַרהויבט איר דאָס קליידל און מען גיט איר אַ פּאָר פּאַסקעס, וועט איר אַרויס דער שגעון... ווער האָט עס אַמאָל געוואוסט פון אַזעלכע נאַרישקייטן:... אַז...

די שנור איז געוואָרן אין כעס און אַ געשריי געטאָן צום אַלטן:

— אפשר וועט איר גיין אין אייער צימער? נאָך איר האָט מיר איצט געפעלט?... אייך דאַרף איך נאָך צו מיינע צרות איצט!...

הערמאַן איז געשטאַנען לעבן דער איטאַליענישער סטאַטוע, דלובענדיק פאַרטראַכט מיט די נעגל אין דער האַלב־נאַקעטער אויסגעקריצטער פיגור וואָס ווייזט ווי אַ מיידל שטייט מיט אַ פאַריסן קליידל אין וואַלד קלויבנדיק יאַגדעס. עפּעס האָט אין הערמאַנען אַ ציטער געטאָן. עוואַ האָט איצט צו שטאַרק דעם אַלטן אָפּגעקלאַפּט די פליגל... ער ווייסט ניט ווי אַזוי עס איז געשען: די סטאַטוע האָט זיך אַ גליטש געטאָן פון זיינע הענט און איז זיך צעשפּרונגען אין שטיקלעך אויף דער גלאַנציקער גראַניט פּאָל.

די פרוי האָט אַ שטאַרקן קוויטש געטאָן. אויך קאַרמען איז אַריינגעלאָפן מיט די פאַרוויינטע אויגן און אָנגעהויבן ברעכן די הענט:

— פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! וואָס האָסטו געטאָן?

די צעבראָכענע שטיקער מאַרמאָר האָבן זיך געוואַלגערט, זענען געווען

די שטומע עדות פון דעם וואס עס קומט איצט פאר בא די פליישער'ס אין ווילִיע.

דער אַלטער האט דריי מאל א שפיי געטאן ווי ער וואלט די בייזע שדים מיט דעם געוואלט פארטרייבן, אפגעזאגט דאס וואס איז אים געלעגן אויף דער צונג, האט ער זיך א לאז געטאן אן אונטערגעשאסענער גיין צו זיין צימער.

— מיין טאטע זאל זיין אפגעשייד — האט שטענדיק געזאגט, אז עס דארפן קומען צרות, פארן זיי אפילו אין דער קייזערלעכער קארעטע...

הערמאן האט זיך א לאז געטאן צום פאטער, אים אונטער ארעם גענו־מען און א קוק געטאן מיט כעס צו די איבעריקע...

דער אַלטער איז שוין מער פון זיין צימער ניט ארויסגעגאנגען...

א לעבענדע וועבט זיך

— 1 —

נאָך דעם ווי שמואל האָט געענדיקט לייענען דעם אומעטיקן בריוו פון זיין פרוי, פון וועלכער ער איז שוין צעשיידט העכער זעקס יאָר, האָט ער אים ווידער אָנגעהויבן לייענען פון אָנפאַנג, קאָמענטירנדיק אין די רעיונות דאָס אָנגעשריבענע:

„וואָס וועט זיין דער תכלית? ווי לאַנג נאָך וועלן מיר דאַרפן זיין צעשיידט? וויפל איז דער שיעור צו זיין אָן א מאַן? און דו אַליין ביזט דאָך אויך אַ יונגער מענטש. ווען וועסטו מיר שוין אַריבערנעמען צו זיך? ווען איך וויים, אז עס וועט אזוי לאַנג אונז אויסקומען צו זיין צעשיידט, וואָלט איך דיר אינגאַנצן ניט געלאָזט אַוועקפאָרן”.

אייגנטלעך איז שוין פאַר אים ניט געווען קיין נייעס אַזאַ בריוו. ער איז שוין געווען צו זיי צוגעוואוינט. יעדע וואָך קריגט ער אַ בריוו פון זיין יונגער פרוי און שטענדיק שטעלט זי אים די זעלבע פראַגן. נאָר דאָך איז היינט דער בריוו אַנדערש ווי אַלעמאָל. ספּעציעל די לעצטע ווערטער מאַכן אים אַנדערש דענקען ווי שטענדיק.

„איך ווינטש דיר אַ כתיבה וחתימה טובה! גאָט זאָל העלפן, אז פון היינט איבעראַיאָר זאָלן מיר שוין ווידער זיין פאַרייניקט”.

שמואל האָט א טראַכט געטאָן:

— גאָט? פּעסעלע רעדט מיט גאָט? פון ווען אָן? וואָס איז געשען? זי איז דאָך שטענדיק געווען פריי פון אָט די אַלע ענינים. און אפשר הויבט זי שוין אָן ווערן ווייבעריש? און אפשר איז עס גלאַט אזוי זיך אַן אויס-דרוק?

נאָך דעם ווי ער האָט צום צווייטן מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ביי אים אָנגעהויבן ארויסשווימען א געדאַנקעלע נאָך אַ געדאַנקעלע. פאַר-

שידענע נאַרישקייטן, טאַשמעדיקע עפּיזאָדן האָבן זיך ביי אים אָנגעהויבן פּעדעמען, און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— היינט איז יום כפּור! איצט שטייען שוין די אידן אין דער אַלטער היים איינגעהילט אין די טליתים און פּאָכען מיט זייערע צאַפּלדיקע הערצער און זאָגן כל נדרי.

דער פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן מערער צו טונקעלען, שטערן האָבן זיך אָן אַ צאָל אָנגעהויבן טונקעלען און באָדן אין הימל געוועב. שמואל האָט צוגעמאַכט דאָס קליין גענעצדיקע קלייטל און איז אריין אין שטוב.

אַן אומעטיקע הוילקייט האָט אים אָנגעהויבן באַפאַלן. ער האָט זיך אַליין אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן, אפשר האָט ער וואַרעמקייט? ניין! וואָס־זשע צאַפּלט זיך ביי אים ווי אויסצוגיין? עפּעס קלעפּט זיך ביי אים צווישן גומען און צונג. ווען ער וואָלט כאָטש לעבן זיך געהאַט זיין פּעסעלען, מיט וועמען זיך צו טיילן מיט זיינע איצטיקע וואונדן? וואָלט ער לעבן זיך געהאַט אַן אַנדער אידן, מיט וועמען איצט זיך דורכצושמועסן; דער גאַנצער הלל וואָלט דאַכט זיך פאַרשוואונדן.

ער האָט געפּרוואוט אַליין צו פאַרטרייבן זיינע שווערע מחשבות, וועל־כע האָבן זיך ווי בליי געלייגט אין זיין פאַרוויטאַקט האַרץ.

— וואָס איז מיט מיר היינט געשען? — האָט שמואל ניט געקענט אויפהערן צו טראַכטן.

אין די גאַנצע זעקס יאָר, וואָס ער געפינט זיך אין שטעטל, האָט ער דאָס ניט איבערגעלעבט, וואָס ער לעבט היינט איבער אין די פּאָר שעה. איז עס פון בריוו? ניין! ס'איז עפּעס אַנדערש! עפּעס נאָגט, צאַנקט, ברינט, אַ מיסטיציזם האָט זיך איבערגעוואָלט אריינגעגנבעט אין אים, עפּעס אַזוינס ווי אַ נשמהדיקע צעריסנקייט האָט זיך היינט אריינגעכאַפּט צו אים — האָט שמואל ניט אויפגעהערט צו טראַכטן. ער האָט דאָס געפּרוואוט אַליין מיט קאַלטקייט אַנאַליזירן און ניט געקענט. די איינזאַמקייט האָט ביי אים אָנ־געהויבן אַלץ מער צו דלובען. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עפּעס אַזוינס ווי שפּיציקע נעגל וואָלטן אים געהאַלטן אין איין קראַצן און רייסן שטיקער פליש פון זיין פאַרגליווערטן קערפּער. ער האָט זיך געפּרוואוט באַרואיקן און ניט געקענט. עפּעס אַזוינס ווי גלאָקן פון טיפע ווייטקייטן, פון מרחקים האָבן זיך צעוויגט ביי אים אין די שוואַרצאַפּלען און זיך אָפּ־געשטעלט, אויסגעקלונגען ביי אים אין די אויערן:

— היינט איז יום כפּור!

און ווייטער שלעפּן זיך ביי אים נאָך ווערטער:

— דאָרטן שטייען אידן געבויגענע, איינגעהילט אין טליתים און צאַפּלען זיך...

— כל נדרי...

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און אַ נעם געטאָן דאָס שפּיגעלע און לאַנג געקוקט. אָט דאַכט זיך אים, אַז ער זעט זיי, די אידן, מיט די צע־אַקערטע פאַרזאָרגטע פּנימער, ווי זיי קוקן אַרויס פון זייערע אייגענע שוואַרצאַפּלען, און אַ ווייטאָקליכער, צאַרטער, שטילער ניגון פון דורות פאַרגייט זיך אין דער מרה־שחורהדיקער, פאַרוואָרלאָזטער נאַכט:

— כל נדרי...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס שפּיגעלע, איבערגעדרייט עס אויף דער לינקער זייט, געפּרואווט פאַרגעסן. דער ניגון האָט אים אָבער אַלץ מער פאַרפאָלגט. ער האָט ווידער זיך אין זיינע געדאַנקען געפּרואווט באַרויקן:

— נו, וואָס, אַז היינט איז יום כפּור? כ׳בין דאָך נאָך אין דער היים געווען פריי פון דעם, וואָזשע דלובעט עס דאָ מיר ווי אַ וואָרעם?

ער האָט ניט געפילט, ווי ער אליין הויבט שוין אָן אונטערצוברומען, שעפּטשען די ווערטער: „דאָרט, אין דער אַלטער היים, שטייען איצט די אידן איינגעהילט אין די טליתים, צאַפּלען, ברענען און זאָגן כל נדרי“.

בילד נאָך בילד שווימט פאַר זיינע רעיונות פאַרביי דאָס לעבן פון דער אַלטער היים, אין פאַרגלייך מיט דאָ אין קובאַ. און חלל הויבט אָן בלוטן זיין איינזאַמקייט, דער איינציקער איד פאַרוואָרפן אין דער ווייטער קובאַ־נער פּראָווינץ. זעקס יאָר נאָגעניש, בענקעניש, און היינט איז יום כפּור, און דאָרטן זיצן די אידן...

ער האָט זיך געפּרואווט לייגן און ניט געקענט איינשלאָפן. עס האָט אים ווי געהויבן פון בעט.

ער האָט זיך דערמאָנט אין אַלטן גראַמאַפאָן, וואָס ער האָט אָפּגע־קויפט פאַר קליין געלט, נאָך דעם ערשטן יאָר קומען אין פאַרוואָרפענעם שטעטל. ער איז צוריק אַראָפּ פון בעט, אָפּגעווישט דעם פאַרשטויבטן גראַמאַפאָן, אַרומגעווישט די עטלעכע אידישע פּליטן. די חזנישע האָט ער אָנגעהויבן אויסשפּילן צו עטלעכע מאָל, אַליין אונטערברומענדיק, בלייִ־בנדיק ביסלעכווייז פאַרזונקען אין קאַלטער פאַרגליווערטקייט.

שעהן האָבן זיך גערוקט. שמואל האָט אפילו ניט געוואוסט, אַז ס׳איז שוין האַלבע נאַכט, און אינגאַנצן פאַרגעסן אין יענער זייט וואַנט, וואָס איז בלויז געווען אָפּגעטיילט פון אים דורך אַ שפּאַניש ווענטל.

דאָרט, פון יענער זייט, זענען די שכנים ניט מיד געוואָרן צו קוקן דורך

די שפּאַרונקעס פון דורכזיכטיקן וועגטל אויפן געהיימניספולן אויסלענדער, וואָס פירט זיך היינט אויף אזוי מאָדנע... זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין סודן וועגן דעם „פּאַלאַקאַ", באַדויערן און ניט געוואגט אים צו שטערן.

וואָס מער חזנישע ימים נוראימדיקע שטיק שמואל האָט אויפן גראַמאַ־פאָן אויסגעשפּילט, אַלץ מער אין התלהבות און עקסטאַז איז ער אריין. ער האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט און איז צו דעם פּאַרשטויבטן טשעמאָדאַן צו־געגאַנגען, דעם פאַרלעגענעם, צעקנייטשטן טלית אַפּגעזוכט און אים אָנ־געטאָן. ער האָט אַליין געפּרואווט פון זיך אַ שמייכל טאָן. דער שמייכל איז אים געבליבן הענגען אַן אָפענער, אַ פאַרשעמטער, אַן אומבאַהאָלפענער. ער האָט זיך נעגטער צוגעזעצט צום אַלטפרענקישן גראַמאַפאָן און ווידער אָנגעהויבן שפּילן. ביסלעכווייז איז ער מער אַריין אין דער ימים נוראימ־דיקער שטימונג און זיך אָנגעהויבן צושאָקלען.

די קובאַנער פון יענער זייט וועגטל האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך גלאָצן מיט די אויגן, צלמען — דער „פּאַלאַקאַ" איז פון זינען גערירט געוואָרן!
זיי האָבן זיך מיט שרעק אָפּגערוקט פון וועגטל.
— מען דאַרף מיט אים אַ פּרואוו טאָן רעדן.
— מען דאַרף ניט!
— ער וועט זיך נאָך דערהרגענען!
— ער וועט עס ניט טאָן! אזוי ווייט האַלט עס ניט!
— ער איז אַן אומגליקלעכער!
— מסתמא האָט אים די ווייב פאַרביטן!
— וואָס וועט ער מאָרגן טאָן? וועט ער נאָך מאָרגן דאָס געשעפט עפענען?
— מ'וועט דאַרפן זיינע „פּאַיסאַנאָס" אין האַוואַנאַ צו וויסן טאָן.

—— 2 ——

אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש איז פאָרגעקומען אין קליינעם, שטילן, פאַרשלאָפענעם שטעטל. אַ געשעעניש, וואָס האָט אויפגערודערט אַלע געמיטער. אַלע דיסקוסיעס, פּאָליטישע געשעענישן זענען אוועקגע־שטעלט געוואָרן אין אַ זייט. אין גאַס, אין די הייזער, אין די קאַפעען האָט מען ניט אויפגעהערט צו רעדן דערפון:

— דער „פּאַלאַקאַ" האָט היינט ניט געעפנט דאָס געשעפט! ער האָט זיך בכלל נאָך ניט געוויזן היינט אין גאַס! דער לעצטער, וואָס האָט אים

געזען, איז געווען דער פּאַסט טרעגער.

די סענסאַציע איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען עס האָט זיך בליץ שנעל אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דאָס, וואָס די שכנים האָבן אַלץ געזען ביינאַכט דורך די שפּאַרונקעס פון ווענטל.

וואָס מער די נייגעריקייט ביי די שטעטלדיקע איז געוואַקסן, אַלץ מער האָט מען זיך געהאַלטן אין איין קאַכן.

אַן עלטערער ברוין הויטיקער קובאַנער, מיט אַ פּנים ווי אַן אָפּגעריבענע מאַפּע, האָט אויף זיין שטייגער געפּרואווט געבן זיין מיינונג, צו וועלכער די איבעריקע האָבן זיך מיט נייגעריקייט צוגעהערט.

דער אַלטער איז אַמאָל געווען אַ מאַטראָז פון אַ פּראַכט שיף. געהייסן האָט עס, דער אַלטער איז אַמאָל די וועלט אויסגעפאָרן, האָט די מענטשן פון אַלע פעלקער קענען געלערנט. דער אַלטער מאַטראָז, מיטן פאַרבליבע־נעם צעבלאָזענעם ווינט געזיכט, האָט אַ קיי געטאָן שטאַרקער דאָס בלעטל טאַבאַק אין מויל און האַסטיק אַ פּלוך געטאָן אויף דער ערד דעם אויסגעזוי־גענעם טאַבאַק.

— דער אויסלענדער טרויערט! אַן אייגענער איז אים מסתמא גע־שטאָרבן!

פון צווישן האָט זיך די אַלטע שוואַרצע טאַמאַסאַ אַ רוק געטאָן נענטער צום אַלטן, אַ גלאָץ טוענדיק פרום מיט די אויגעלעך:

— דאַרף מען דאָך אים גיין מנחם אבל זיין. ס'פּאַסט דאָך ניט. ער איז דאָך אַ פרעמדער — האָט די אַלטע אַ בלאָז געטאָן מיט די ברייטע ליפּן ווי אַ ווינט־מיל, טראַכטנדיק דערביי וועגן כּיבוד וואָס דער אויסלענדער וועט שטעלן, אפשר אַביסל וויין, שוואַרצע קאַפע און אפשר אויך אַ שטיקל געפּראַזשעטע רינד־פלייש.

די אַלטע האָט פון בלויז דענקען אַ סמאַקע געטאָן מיט די ברייטע רויטע ליפּן, קוקנדיק דערביי אויף די ארומיקע, צו אירע ווערטער האָבן גע־מאַכט אַן איינדרוק.

פון ערגעץ האָט אַ קינדעריש קעלעכל אַ קוויטש געטאָן:

— די אַלטע טאַמאַסאַ זוכט שוין וואו אריינצוכאַפּן אַ פרעס...

די ארומיקע האָבן זיך צעלאַכט. די אַלטע האָט זיך אַביסל פאַר־שעמט פאַר דעם וואָס די אַרומיקע האָבן דערטאַפּט אירע געדאַנקען.

דער אַלטער מאַטראָז האָט אָפּגעפּסקנט:

— מען דאַרף ניט גיין! די אויסלענדער האָבן פיינט מענטשן, ווען זיי זענען אין טרויער.

איינער פון שמואלס שכנים איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס רעדל מענטשן כּואָן דער שוך פּוצער איז אים דעם וועג פאַרלאָפן:

— האָסט אים געזען, אַנטאָניאָ?

די איבעריקע האָבן אים אויך אָנגעהויבן באַוואַרפן מיט פראַגן:

— וואָס טוט ער?

— כ'גלויב, אַז ער איז טאַקע פון זינען אַרונטער!

— אפשר דאַרף מען אים אין טיר אָנקלאַפן?

— און אפשר וועט עס אים אַליין איבערגיין!

— ער איז דאָך דאָ אַ פרעמדער!

שמואלס שכן האָט ווידער שוין צום ווי פלטן מאָל איבערדערציילט, וואָס ער האָט געזען.

די אַלטע טאָמאַסאַ האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען:

— גאָט זאָל מיר מוחל זיין! נאָר ס'איז ניט גלאַטיק. ס'האָט אים ווער כּשוף אָנגעטאָן. אַ „ברוכא" האָט אוודאי זיין קערפּער פאַרכאַפּט און געוועלטיקט איבער אים — גלייכצייטיק האָט זי אָנגעהויבן איבערגעבן אַ מעשה, וואָס דער אַלטער זיידע אירער האָט איר דערציילט, אַז ווען ער איז אַמאָל געווען אַ שקלאַף ביי אַ שלעכטן שפּאַניער, וועלכער פלעגט זיי אַלעמען שלאָגן און פּייניקן, האָט אים גאָט געשטראָפט און זיין איינציקע טאָכטער האָט זיך צו די כּשוף מאַכער איבערגעגעבן. און וויפל געלט דער פאָטער האָט זיך ניט געלאָזט קאָסטן אויף דאָקטוירים, האָט אַלץ ניט געהאָלפן. ערשט דאַן איז דער זיידע צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— לאָז דיין טאָכטער מיט אונז, שוואַרצע פאַרברענגען און זי וועט געזונט ווערן, און...

— וואָס פלוידערט זי דאָרט די אַלטע? צום ווי פלטן מאָל דערציילט זי שוין די אויסגעטראַכטע מעשה פון איר זיידן? — האָט דער שוך פּוצער אַ ברום געטאָן.

— מען דאַרף וואַרטן ביז מאָרגן.

— נו, יע, מען דאַרף וואַרטן ביז מאָרגן — האָט אַ צווייטער אָפּגעפּסקנט, אָנהויבנדיק זיך אָפּרוקן.

— נו, יע, מאָרגנע מענטשן זענען די אויסלענדער.

— משוגעים!

— ניט אומזיסט פאַרקויפן זיי ביליק. זיי ווייסן קיינמאָל ניט, וויפל עס קאָסט זיי, אָט די „פּאַלאַקאָס"!

— פון די מלחמות זענען זיי צערודערט.

— און פרויען נוצן זיי אויך ניט — האָט אַ יונגער שנעק אריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

דער מאַטראַז האָט טרוקן, מיט זיכערקייט, ארויסגעזאָגט:

— מען קען לעבן אָן פרויען!

— אין דער מאַמען אריין!

— נו, יע!

— ביז שפּעטער!

— ביז מאָרגן!

אַ דריבנער רעגנדל האָט אָנגעהויבן נעצן. די ארומיקע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין.

— 3 —

דעם גאַנצן טאָג פון יום כפור האָט זיך שמואל ניט געפילט גוט. עפּעס האָט אים געפּייניקט. ער האָט אפילו געפונען אַ פאַרטיידיקונג פאַר זיין פאַסטן. ס'איז נישטאָ קיין אַפּעטיט! ער האָט זיך געפּרואווט פאַרטראַכטן אין עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אים אָוועקנעמען פון די רעיונות פון דער אַלטער היים, און ניט געקענט. אַ מין טרויעריקייט האָט אים געהאַלטן ווי צוגעשמידט. בילד נאָך בילד האָט ביי אים אָנגעהויבן ארויסשווימען אין אויבערפלאַך פון זכרון, אַזעלכע זאַכן פון דער אַלטער היים, וואָס וואָלטן אין אַן אנדער צייט קיין שום פּלאַץ ביי אים ניט געפונען. אָט דערמאָנט ער זיך די קינדער יאָרן, ווי די מאַמע שטייט ערב יום כפור און בענטשט ליכט, און דערנאָך גייט זי צו צו אים און נעמט אים ארום, רוימט אים איין אַ סוד אין אויער: „זאָלסט ביי מיר לעבן אייביק". און ווייטער דערמאָנט ער זיך אין די מעשיות, וואָס זיין פאָטער פלעגט אַמאָל דערציילן וועגן גויים און משומדים, וואָס קומען ספּעציעל הערן כל נדרי און ברעכן צוזאַמען בשעת מעשה. עפּעס האָט דער כל נדרי אין זיך אַ קראַפט, וואָס ציט צו... ער דערמאָנט זיך, ווי גערן און פאַרכטיק ער פלעגט אויסהערן דעם טאַטנס באַגייסטערטע געשיכטעס פון די פריצים און געלערנטע, וואָס פלעגן קומען הערן כל נדרי.

ביי שמואלן גיבן די רעיונות אַ סמאַלע: בין איך דען ניט דער העלד פון איינער פון יענע דערציילטע מעשיות?... ער וויל זיך פּרוּוון ארויסשיילן און קען ניט. ער פילט זיך אי פאַרשעמט, אי הילפלאָז, און אין מוח

באַמבלט זיך: „דאָרט שטייען אידן, איינגעבויגענע, איינגעהילט אין די טליתים און זינגען כל נדרי"...

:: :: :: :: ::

גלייך צומאָרגנס, נאָך יום כפור, האָט שמואל זיך אויפגעכאַפּט פון קאַשמאַר. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, און בשעת מעשה געטראַכט וועגן די קובאַנער: וואָס וועלן זיי דענקען פון אים? פאַרשטייען זיי, אָדער וועלן זיי מיינען, אַז ער איז אַביסל קראַנק געווען? ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און פרייער אָפּגעאָטעמט זעענדיק זיין בלאַס געזיכט.

ער איז ווי שטענדיק, אָן שום ענדערונג, אין געשעפט אַריין, אויפגעעפנט ביידע טירן און צעהאַנגען פאַרשידענע העמדער, הויזן און אַנדערע זאַכן.

די איינוואוינער האָבן אָנגעהויבן קוקן, גלאָצן מיט די אויגן. די אַלטע באַבעס האָבן זיך אָנגעהויבן צלמען. איבערן שטעטל איז ווי אַ טעלעגראַף אָן פאָדעם איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל:

— דער „פּאָלאַקאָ" האָט שוין געעפנט דאָס געשעפט!

די איינוואוינער האָבן זיך געקלוגט, געלערנט טרעפן:

— מען קען היינט ביי אים נאָך ביליקער אויסנאַרן די סחורה!

— נו, ווי דען, ער איז דאָך משוגע!

— איר זעט ניט ווי קראַנק ער איז?

— ער ווייסט דען, אַז ער האָט דאָס געשעפט געעפנט?

— ס'איז טאַקע רעכט, אַז ניט!

— מען קען היינט כאַפּן אַ מציאה!

— ער וועט דאָס גאַנצע געשעפטל פּטרן!

— מען וואָלט געדאַרפט זיינס אַ „פּאַיסאַנאָ" צו וויסן טאָן!

די שטעטלדיקע האָבן זיך ביסלעכווייז אַ לאָז געטאָן צו שמואלן אין געשעפט אַריין. טייל זענען געקומען כאַפּן מציאות, טייל אויס נייגעריקייט.

שמואל האָט אויפגעכאַפּט זייערע בליקן. ער האָט זיך דערזען נאַקעט. אַ שוידער איז אים אַדורך איבערן לייב.

ער האָט דערפילט, אַז עפּעס וועבט זיך...

הימל און ערד

— 1 —

אַז די עטלעכע אויטאָמאָבילן זענען צוריקגעפאָרן פון הייליקן אָרט, וואו זיי האָבן באַגלייט בערלען צו זיין אייביקער רו, האָט זיך אָנגעהויבן אויפבינדן דער שמועס.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, ווערט דער מענטש „פילאָזאָפיש" און הויבט אָן ארומנעמען דער וועלט פון אַלע זייטן. דער שאָטן פון טויט האָט מלאך־המות׳דיק אַנטקעגנגעטאַנצט, זיך גערייצט מיט די לעבעדיקע וואָס האָבן זיך געהויבן אין אויטאָמאָביל אויפן שלעכט ברוקירטן וועג.

די מענער האָבן געצויגן איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן, געזוכט מימן רויך אַוועקצוטרייבן די אומעטיקע געדאַנקען. די צוויי פרויען, שכנות פון פאַרשטאָרבענעם, האָבן אַלע ווײַלע געשלוכצט און געווישט די פאַרוויינטע אויגן.

איינער האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— וואָס איז דאָ וואָס צו וויינען? דער מענטש לעבט ניט אייביק! און וואָס די ערד נעמט צו, איז פאַרפאַלן!...

— אָבער אַזאַ טויט?...

— אַ מענטש זאָל זיך אַליין נעמען דאָס לעבן?

די שכנה האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרגאַנגען אין אַ שלוכצן און אָנגעהויבן צום וויפלטן מאָל איבערגעבן די סצענע, ווי אַזוי זי האָט דעם טויטן געזען הענגען אין באַד־צימער מיט אַן ארויסגעשטעקטער צונג.

— פאַרוואָס טאַקע האָט ער זיך געדאַרפט אויפהענגען? אַ מאָדנער מענטש געווען! אַ רענדל אַ וואָרט... מער ווי אַ „ניין" און אַ „יאָ" האָסטו פון אים ניט געקענט הערן. שטענדיק אַזוי פאַרשלאָסן אין זיך, אָפּגעזונדערט, געאַרבעט בלויז אַזויפיל וויפל ער האָט געדאַרפט אויף זיך צו דער־

נערן. און ער פלעגט בלויז אויפגעהייטערט ווערן, ווען ער איז געגאַנגען צום גביר, מר. לענטשנער, אין שטוב אריין, אָדער ווען ער האָט זיך מיט זיי באַגעגנט אין גאַס, האָט ער שטענדיק געהאַט וואָס צו רעדן אָדער מיט דעם גבירס פרוי, אָדער מיטן טעכטערל, וואָס האָט צו אים זיך אַזוי שטאַרק געקלעפּט, אַז עס איז אַזש געוואָרן פאַרדעכטיק.

פון דעם טרויער, זענען די מענטשן אין אויטאָמאָביל אַריבער אין אַ פרייליכן טאָן, פראָוואָנדיק פון זיך אליין אָפּטרייבן די טרויעריקע שטימונג.

איינער פון די רייזנדע האָט געוואָלט באַווייזן, אַז ער האָט ניט קיין מורא צו רעדן פון קיין טויטע, אפילו פון די, וואָס די ערד האָט נאָך ניט אָפּ־געקילט, האָט ער אָנגעהויבן זיך וויצלען:

— אפשר איז דער שלימזל געווען פאַרליבט אין לענטשנער'ס טאָכטער, און דערפאַר האָט ער זיך אויפגעהאַנגען? ער האָט דאָך אַזוי געקלעפּט צו זיי! ער פלעגט זיך ממש צאַפּלען, ווען נאָר ער האָט דערזען דאָס מיידל...

אַ צווייטער האָט אונטערגעהאָלפן:

— און זי? אַז זי האָט אים נאָר דערזען, האָט זי געמוזט צו אים צוגיין. די אַלע יונגע בחורימלעך האָבן אים ניט געקענט באַזיגן... טאָפּלט יאָרן ווי זי איז ער דאָך אַלט געווען!

די פרוי, וואָס האָט געווישט די טרערן, האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך:

— ווער ווייסט? גיי פאַרשטיי אַזאַ מענטשן! אַזוי האָט ער געקענט אַרומגיין גאַנצע וואָכן שמוציק, אָפּגעלאָזן; און אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך פאַרנומען צו די לענטשנער'ס, האָט ער זיך אָפּגעראַזירט, אָנגעטאָן אַן אַנ־צוג, און אפילו אָנגעהויבן אונטערזינגען... זיי זענען דאָך אפילו קיין לאַנדס־לייט ניט געווען...

— מסתמא אַ שיפס־ברודער.

— אויך ניט!

— עפּעס זאָגט מען, אַז ער האָט עמיצן פון זיי געראַטעוועט דאָס לעבן. פון דאַן אָן נעמט זיך זייער פריינטשאַפט — האָט די שכנה געפּרואווט אויפ־קלערן. — איר האָט דען ניט געזען, ווי אַזוי לענטשנער'ס פרוי האָט זיך גע־ריסן צום קבר, בעטנדיק מחילה?... און שרהלע? זי האָט דאָך ממש געצי־טערט ווי אַ בלאַט... עס איז דאָך ממש געווען אַ רחמנות אויף איר צו קוקן... זי האָט אים אַזוי ליב געהאַט...

די פרוי האָט אַרויסגעשפּיגן פון פענסטער.

— פוי... פו... נאַריר גאָר אַזאַ ליבע!... און ווער, כ'בעט אייך, וועט

שוין וועלן חתונה האָבן מיט אַזאַ מיידל?... אַן אייגענע מאַמע זאָל גאָר דערלאָזן צו אַזאַ זאַך?... און מיסטער לענטשנער אַליין? מיט זיין גאַנץ געלט וואָלט ער זיך אויך געמעגט אויפהענגען... ער איז אויך אַזאַ מעגעגע, וואָס איז ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים... אַזאַ משוגעת גאָר? אַ ניינצן יעריק רייך קינד פאַרפירט אַ ליבע מיט אַזאַ שלימזל... כ׳זאָל ניט האָבן געזינדיקט מיט די רייד — ער איז דאָך שוין געווען אַ איד אַ פערציקער...

אַלע זענען געווען זיכער, אַז בערל איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, צוליב זיין ליבע מיט דער רייכער לענטשנער׳ס טאָכטער. די זעלבע מיינונג האָט זיך געלאָזט הערן אין דער גאַנצער אידישער געגנט. בלויז די לענטשנער׳ס האָבן גאָרניט געוואוסט דערפון, לענטשנער אַליין האָט געוואוסט פון איין זאַך, אַז ער דאַרף מאַכן אַ סך געלט און זיך לאָזן פירן וואוהין די פרוי וויל, און אויפנעמען דעם, וואָס די פרוי פאַרשטייט. זי האָט מער צייט פאַר אַזעלכע זאַכן. און די טאָכטער זיינע האָט אויך ליב צו רעדן מיטן אָרעמען, שטילן בערלען, וועלכער פלאָטערט ארום איר פון קליינערהייט אָן, ברענגענדיק איר כסדר מתנות. ער איז דאָך אַזאַ עלנטער... וויל גאָרנישט נעמען! ווען ער וואָלט געהאַט געלט, וואָלט ער דאָך געקענט זיין פון די בעסטע פריינט. ער איז דאָך אַזאַ איבערגעגעבענער! ווען נאָר דאָס קינד ווערט קראַנק, טרעט ער ניט אָפּ פון בעט. וואַכט איבער דעם כסדר. עס איז ווייט צו זוכן אַזאַ פריינט אין די דאָזיקע לענדער, וואו איינער צום צווייטן איז אַ פרעמדער! בערל האָט דאָ קיינעם נישט, וויל זיך נישט חברן מיט קיינעם, אויסער מיט אונז, איז זאָל ער קומען געזונטערהייט, ווען ער וויל נאָר!

דערפאַר האָט אויך בערלס טראַגישער טויט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף לענטשנער׳ן אַליין. עס האָט אים אויף עטלעכע וואָכן אויך אָפּגעריסן פון די ביזנעס. אין יעדן ווינקעלע האָט זיך געפילט די אָפּוועזנהייט פון שטילן בערלען. דאָס טעכטערל, שרהלע, האָט מיט די שיינע שוואַרצע אויגן, ניט אויפגעהערט קוקן אויף דער גאַס דורך די אייזערנע גראַטעס. יעדעס מאָל האָט מען איר געמוזט גענוג בעטן, אַז זי זאָל צוגיין עפּעס עסן. די מוטער האָט ניט אויפגעהערט אויף איר צו קוקן. זי האָט געקוקט אויף דער טאָכטער און אַריבערגעשפּאַנט די יאָרן פון איר טעכטערלס געבורט... זי האָט אים געזען... דאָס זעט קיינער ניט... דאָס ווייסט קיינער ניט... עס איז ביי איר אין האַרצן אונטער צוואַנציק שלעסער...

שרהלע האָט עס בלויז אין בלוט... עס ציט איר בלויז צו אים... זי בענקט נאָך אים... און ווי קען עס דען אנדערש זיין?...

דער טויטער האָט ארומגעשפּאַצירט אין אַלע צימערן. מען האָט עס גע־פילט אינם אומעט, אינם טרויער...

— 2 —

אז בערל איז אַנגעקומען אין הימל אריין, האָט ער דערזען, אז עס איז אַנדערש! עס איז נישט אזוי ווי מען דענקט אין דער אַלטער וועלט, אז עס איז דאָ איין גאָט... נישטאָ אזעלכעס! עס איז דאָ בלויז געטלעכקייט! אַלץ אָטעמט דאָ מיט געטלעכקייט! עס איז אַ מלוכהדיקע געטלעכקייט, וואָס אַרבעט זייער שנעל און האָט אַן אויג אויף אַלץ... אָט האָט זיך דאָרט נאָך נים אָפּגעקילט זיין בערגעלע; און דאָ שטייט ער שוין פאַרן משפּט צווישן אזוי פיל מלאכים... און אַלץ פון געטלעכקייט האָט אַן אויג צו זען און אַן אויער צו הערן... און דער עיקרשט, עס איז דאָ אַ האַרץ און געפילן...

אויב די געטלעכקייט וועט באַווייזן, וועט ער זיך דאָ איינאָרדענען...
מען האָט בערלען גערופן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון.

אין זאַל פון משפּט איז געשטאַנען אַ ברייטער טיש מיט רויט־צונטער פּליוש באַדעקט, אויף הויכע פּאָטעלן איז געזעסן די געטלעכקייט, וואָס באַשטייט נים פון קיין איינס, נאָר פון אַ סך איינסן, וואָס ציילט ווער ווייסט וויפל. די פאַל און ווענט זענען געווען פאַרצויגן מיט איין גרויסן שפּיגל. נישטאָ קיין ליידיקייט אין די ווענט. וואו בערל האָט נאָר אַ קוק געטאָן, האָט ער געזען דורך די שפּיגלען זיין וועלטל פון וואַנען ער איז געקומען. אָט זעט ער לענטשנער׳ן, זיין פרוי און שרהלען... ער זעט זייערע טרויעריקע פּנים׳ער... ער זעט די גאַנצע ווייטקייט פון דער גרויסער נאָענטקייט... ער זעט זיך אַליין אַן אויפגעהאַנגענעם אין באַד־צימער...

— אוי, ווי מיאוס דאָס איז!...

געטלעכקייט נומער איינס האָט אויף אַ באַסאָווער שטים אַ ברום גע־טאָן. ס׳האָט אויסגעוויזן ווי אַ ברייטער גרויסער פּאַרהאַנג וואָלט זיך אויפ־געהויבן. אַלעמענס אויגן זענען געוואָרפּן געווען בלויז צו בערלען. בערל האָט געזוכט אויסצומיידן זייערע בליקן. נאָר גיי קוק ערגעץ אַנדערש, ווען דער אַנדערש איז נאָך ערגער — ס׳איז דער שפּיגל, וואָס ווייזט זיין וועלטל, פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן...

נומער צוויי פון דער געטלעכקייט האָט בערלען זיך געהייסן זעצן

אַנטקעגן. ער האָט געפּאָלגט. די אויגן האָבן פון זיך אַליין געטרערט, געפאַלן אויף דער שפּיגל־פּאַל און אַראָפּגעטריפט אויף יענער וועלט...

נומער דריי פון דער געטלעכקייט, אַ מלאך, מיט הויכע ברעמען און לאַנגע הענט, האָט אויפגעהויבן אַ שווערן בוך, וואו אַלץ איז געווען פאַרשריבן, יעדע קלייניקייט איז געווען פאַרשריבן, יעדע קלייניקייט איז געווען מיט טויזנטער און מיליאָנען באַמערקונגען. צווישן אַלץ האָט זיך איצט בלויז אַרויסגעזען בערלס נאָמען. בערל האָט עס געזען ניט פון בוך, נאָר דורך די שפּיגלען. און מאָדנע: דאָ זעט זיך אפילו ניט קיין שפּיגל־כתב... נאָר אַזוי ווי מען לייענט און אַזוי ווי מען שרייבט.. בערל פאַרשעמט זיך אפילו אויף אַ מאָמענט פון זיינע נאַרישע געדאַנקען איבער אַזעלכע קלייניקייטן, פּונקט איצט ווען ער שטייט פאַרן משפּט... דאָס האָט זיך, ווייזט אויס, ניט געביטן! אומעטום איז איין וועלט... אין די געפּערלעכסטע מאָמענטן כאַפּט זיך אַריין אַ נאַריש געדאַנקעלע...

די געטלעכקייט האָט פאָרגעלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט:

— אַ מענטש, וועמען די געטלעכקייט האָט געגעבן לעבן, האָט עס צוריקגעוואָרפן אַ נישט דערלעבטסט! און נאָך וואָס: פאַר יענער וועלט איז ער געשטאָרבן אין איינזאַמער, אָן אַ ווייב און אָן אַ קינד... און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט דאָרט אַ קינד וואָס גייט אונטער אַ פרעמדן נאָמען... דער מענטש, וואָס שטייט פאַר אונז, האָט געטראָגן אַ מאַסקע... ער האָט מיט זיך געטראָגן דעם פאַרברעכן פון מענטשלעכער יצירה...

בערל האָט אפילו ניט אויסגעהערט דעם גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט. ער האָט אַלץ אַליין געזען דורך די שפּיגלען, וואָס פירן אים צו זיין פריערדיקער וועלט, פון וועלכער ער איז אַוועק. אים איז געווען אַלץ איינס, די וועלט צו יענע וועלט! מילא, ס'איז שוין באַשערט אויך דאָ פאַרמשפּט צו ווערן. פּרוּווט ער צומאַכן די אויגן, טאַקע גאָרניט צו זען. נאָר די אויערן קען ער נישט פאַרשטאָפּן, הערט ער ווי די געטלעכקייט הויבט אָן צו צעגלידערן די פאַרשידענע באַמערקונגען אַרום „משפּט בערל“. ער הערט אויך דאָס געשליפענע צינגל פון דעם, וואָס זאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט פאַרטיידיקט אַזוי ערלעך אַ באַשולדיקטן, ווי ער טוט עס איצט מיט בערלען, וועלכער איז ניט נאָר ניט שולדיק; נאָר עס קומט אים אַ שטול אין גן־עדן.

דאָ עפנט שוין דער באַשולדיקטער אויף די אויגן און הויבט אָן קוקן מיט וואונדער אויף דער פאַרטיידיקער, וואָס איז אַזוי באַקאַנט מיט זיין אָפּגעלעבטן לעבן, נאָך מער פון אים אַליין.

צווישן אונז זיצט אַ ניט געלעבט־לעבן, עס זיצט די אייביקייט און

ווארט אויף אונזער גערעכטן משפט! איבעריקנס, ער ווארט אויף דעם אויך נישט! ער ווארט בלויז, מען זאל אים דא פארשטיין. דארט האט מען אים ניט געקענט פארשטיין! אבער דא, אין די הימלען פון געטלעכקייט איז דא גערעכטיקייט...

נומער פינף פון דער געטלעכקייט האט א ביסל אין צארן א ברום געטאן, און געלאזט הערן די שטים פון באשולדיקונג:

— דער געמשפטער זאל רעדן, וועלן זיך שוין די טויערן פון גיהנום אליין פאר אים עפענען!

ווען דער באשולדיקער פון דער געטלעכקייט האט עס געזאגט, האט ער גענומען אונטערשמייכלען מיט די אויגעלעך, וועלכע האבן געשפיזט מיט גזלנים־גלאנץ.

— נאך מער — האט ער צוגעגעבן ציניש — איך בין מיט אים געווען ביים ערשטן זנות־אקט...

נומער איינס פון דער געטלעכקייט, משמעות דער הויפט־ריכטער, האט א קוק געטאן צום אנגעקלאגטן בערלען און זיך געווענדעט צו אים:

— דו, דערצייל אלץ פאר דער געטלעכקייט! דעם אמת דערצייל, מענטש! און מיר וועלן גערעכט זיין צו דיר, ווי צו אלע באשעפענישן!

בערל האט אנגעהויבן קוקן דורך די שפיגלען צו זיין געוועזענער וועלט, און כאדנע: די צונג האט זיך אליין אויפגעבונדן:

— געקומען בין איך אין קובא מיט צוואנציק יאר צוריק. אנטלאפן פון א קליין שטעטעלע, נאך דעם ווי פאגראמשטשיקעס האבן אומגעבראכט מיין טאטע־מאמע; זיי זיצן אודאי און ווארטן דא אויף מיר... אז איך בין אנגע־קומען אין דעם נייעם לאנד, בין איך קוים אלט געווען ניינצן יאר. האב איך גענומען זוכן באשעפטיקונג, און ניט געקענט באקומען. זייער לשון האב איך ניט פארשטאנען. געוואוינט האב איך אין א צימער מיט אכט קוואר־טיראנטן. עס איז געווען דושנע, ענג און אומבאקוועם. די אנדערע אימי־גראנטן האבן געהאט מער מזל פון מיר, און אנגעהויבן ארבעטן ביי מויערן, ביי גרויזעווען שיפן, און א טייל פעדלען. בלויז איך האב ניט געהאט וואס צו טאן. בין איך לענגער פארבליבן אויף מיין אייזערנער בעטל. צווישן די אכט בעטל־קוואטיראנטן האט אויך געוואוינט א מיידל, וועלכע אלע האבן גערופן די „גרינע", מחמת זי האט אפילו ניט געפרואווט זוכן קיין אר־בעט, און געלעבט פון די פינף דאלער, וואס אירס א שוועסטער האט איר געשיקט פון אמעריקע. אויך זי איז געשלאפן לענגער. די בעטלעך אונ־זערע האבן זיך געגרענעצט דורך א פארהאנגען שטיקל ליילעך אויף יוצא

צו זיין. ווען איינער פון אונז האָט אויסגעצויגן די האַנט, האָט זי זיך גע־מוזט אָנרירן אין דעם צווייטנס. מיר זענען ניט געווען די איינציקע. אַ סך פון די אימיגראַנטן האָבן דאָן אַזוי געוואוינט... און ווייל אונזער גורל איז געווען דער זעלבער, האָבן מיר זיך אַלע פרימאָרגן אויסגערעדט איינער פאַרן צווייטן דאָס האַרץ... מיר זענען געוואָרן פריינט. יעדן פרימאָרגן, ווען די זון האָט אָנגעהויבן אַריינשיינען אינם דושנעם צימער, האָב איך געזען אירע ליכטיקע ווייסע הענט, איר פריש אויסגעשלאָפֿן געזיכט. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן איבערקוקן, ביסלעכווייז זענען מיר נאָך מער היימישער געוואָרן, און זיך געזעצט איינער ביים צווייטן אויפן אייזערנעם בעטל. יע־דעם מאָל, ווען איך בין זיך געגאַנגען מאַכן עפּעס עסן, איז זי מיר פאַרלאָפֿן דעם וועג, און מיר אַרויסגעהאָלפֿן. זי איז געווען צאַרט. זי איז געווען מיין דערפרישונג צו דער עלנטקייט אינם נייעם לאַנד. איינמאָל — כ'ווייס ניט ווי אַזוי עס איז געשען — איך האָב זיך געפונען אין אירע אָרעמס... מיר האָבן אונזער איינזאַמקייט, עלנטקייט און בענקעניש צוזאַמענגעגאָסן... און פּונקט דאַן, ווען איך בין איר געגאַנגען אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז איך האָב באַקומען פון אַ פעטער אין אַמעריקע אַ סומע געלט אויף אָנהויבן פעדלען אין דעם נייעם לאַנד; האָט זי מיר אָנגעזאָגט די קאַלטע בשורה:

— איך בין פאַרגאַנגען אין טראָגן פון דיר, און גיי חתונה האָבן פאַר דעם רייך געוואָרענעם מר. לענטשנער...

— און אונזער ליבע?

— וואָס קען מען העלפן?

— און דאָס קינד?

— דאָס וועט זיין אונזער סוד!...

זי האָט זיך צעוויינט. פון די רויטע בעקלעך אירע האָבן זיך די טרערן גערינוועט, מיר באַדעקט... די אויגן האָבן געפינקלט:

— שווער מיר, אַז וועסט מיר ניט אַרויסגעבן!... שווער מיר צו, אַז דו וועסט מיר לאָזן לעבן גליקלעך!...

איך האָב צוגעשוואוירן. די צייט האָט פאַרהיילט... אפילו געוויזן, אַז איך האָב ניט ליב געהאַט... עס איז בלויז געשען דאָס, וואָס עס האָט גע־דאַרפט געשען אונטער אַזעלכע אומשטענדן... עס איז געשען דער צו־פאַל!... דער צופאַל, וואָס האָט מיר דערנאָך געהאַלטן געבונדן דאָס גאַנצע לעבן!...

אין צוויי טעג אַרום האָט זי חתונה געהאַט. איך בין געווען אַנ־טוישט, האָב איך זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט, אויפגעשטאַנען פאַר־

טאָג, זיך געשלעפּט פון גאַס צו גאַס, פון שטוב צו שטוב, מיט אַן אויסגעהאַנגענער קראָם אויף מיר. געלייזט און פאַרדינט געלט ביז... ביז איך האָב דערזען דאָס קינד... מיין קינד! אַזוי שנעל ווי איך האָב דערזען דאָס שיינע מיידעלע, האָט מיר אָנגעהויבן ציען צו איר... אַלץ אין מיר איז געווען פאַרנומען מיט דעם, וואָס איז מיין בלוט און פלייש... די נעכט האָב איך ניט געקענט שלאָפן... די ערשטע פּאָר נעכט האָב איך עס געפּרוווט אויסלייגן אויף די הייס־טראָפּישע קובאַנער נעכט, וואָס גיבן ווייניק שלאָף; דערנאָך האָב איך דערפילט, אַז ס'איז עפּעס אַנדערש... יעדן טאָג, וואו איך בין נאָר געגאַנגען, האָב איך אויסגעחשבונט אויף דער צופעליקער באַגעגעניש מיט דער מוטער און קינד, אָדער אויף דער ניאַנקע מיטן קינד... די יאָרן זענען געגאַנגען — גאַנצע אייביקייטן... אַלץ אין מיר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַנזיניקער ליבע צום קינד, צו מיין קינד!... יעדעס מאָל, ווען איך האָב עס געזען, האָב איך געקויפט שפּילצייגן, נאַשערייען. איך האָב ביסלעכווייז אַפילו אָנגעהויבן אַריינקומען צו די לענטשנער'ס אין שטוב אַריין... פאַר אים, פאַר לענטשנערן האָט עס געהייסן: ער איז משוגע פאַר קינדער, דער איינזאַמער בחור... און מאָדנע: אויך דאָס מיידעלע האָט געקלעפּט אַרום מיר!... זי איז גיכער געגאַנגען צו מיר אויף די הענט, ווי צו דער אייגענער מוטער; שוין אָפּגערעדט פון „פאָטער“, פון לענטשנער'ן הייסט עס. אַזוי איז געגאַנגען יאָר־איין יאָר־אויס. יעדעס יאָר האָט געמאַכט אַ צייכן אויף מיין צעבלוטיקטער נשמה... איך האָב דאָך אַזוי געליטן!... איך האָב פיינט באַקומען צו אַרבעטן. דער געלט־געיעג וואָס איז אָנגעגאַנגען, האָט מיר אינגאַנצן ניט אינטערעסירט. מיין אינטערעס איז געווען מיין קינד, וואָס גייט אונטער אַ צווייטן נאָמען און ווערט געלאַשטשעט פון אַן אַנדערן... אַז דאָס קינד האָט דערגרייכט די יאָרן פון אַ כלה־מיידל, האָב איך ליב געהאַט אָפּצושטיין מיט איר און רעדן שעה'ענווייז. אויך זי האָט זיך געצאַפּלט אין מיין אָנוועזנהייט... דאָך האָב איך זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז איך וועל זי ווען עס איז פאַרלירן... דער, צו וועמען זי וועט אַ פרוי ווערן, וועט אפשר ניט וועלן ליידן; פונקט ווי לענטשנער אַליין הויבט אויך אָן אונטערברומען! און ווידער האָב איך אָנגעהויבן מערקן, אַז מען הויבט שוין אָן אונטעררעדן... אויף מיר מיט דער מיידל... באַפעלקן דעם נאָמען פון מיין קינד!... זי וועט ניט קענען הייראַטן, אויב איך וועל זיך פּלאָנטערן אין וועג...

:: :: ::

די געטלעכקייט האָט מיט רחמים זיך פאַרטראַכט: שולדיק, אָדער אומשולדיק? זי האָט דעם פּסק־דין ניט געקאָנט אַרויסגעבן... די געטלעכקייט

האָט ניט געקענט באַשליסן, צי בערל דאַרף אויפגענומען ווערן אין גן־עדן, אָדער דאַרף אַראָפּגעלאָזט ווערן אין גיהנום אַריין! אַ מענטש מיט אַזאַ האַרץ, וואָס האָט אַזוי פּיל ליידן אַדורכגעמאַכט...

די געטלעכקייט האָט זיך געאייניקט. זי האָט צוריקגעשיקט זיין נשמה, איבערלעבן אַ ניי לעבן...

זיין שרהלע האָט מיט מזל געבוירן אַ בן־זכר. אַלע האָבן זיך געפרייט... דער „זיידע", לענטשנער, זיין פרוי... און... איידער בערל איז ווידער אויף דער וועלט געקומען, האָט ער באַקומען אַ שנעל אין דער אויבערשטער ליפּ, און ער האָט אַלעם פאַרגעסן... אַלעס!...

מחותנים

— 1 —

דער פֿאָטער האָט ניט געקענט איינזיצן אויפֿן ווייכן געזעס. קייקע־לעך שווייס האָבן זיך פּיבערדיק אויסגעלייגט אויפֿן פּנים. די צונג האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די געדאַנקען. עס איז פֿאַר אים געווען דאַכט זיך אזוי איינפֿאַך דאָס רעדן מיטן זון, אָבער איצט בינדן זיך ניט זייער שטאַרק די געדאַנקען מיט דעם וואָס ער דאַרף זאָגן; ספּעציעל נאָך ווען ער דער־מאָנט זיך אַז פֿון זיין איצטיקן שמועס מיטן זון איז אָפּהענגיק דער גורל פֿון זיין קינד. נאָך מער האָט עס אים אריינגעטריבן אין אַ שטאַרקערן נערוועזיטעט, ווען ער דערמאָנט זיך אין דער פֿאַרזיכערונג וואָס ער האָט געגעבן זיין פֿרוי, אַז ער וועט פּועל'ן ביים זון, ער וועט אים איבערצייגן! עס איז בעסער אַז ער זאָל מיט אים רעדן ווי אַ מאַן צו אַ מאַן...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זון און ניט געזען דעם צוואַנציק יעריקן בחור וואָס קלייבט זיך חתונה האָבן און מיט וועמען ער דאַרף איבעררעדן ווי אַ מאַן מיט אַ מאַן, נאָר ער האָט געזען אין אים דאָס קינד, שיער ניט פֿון וויגל... דאָך האָט דער פֿאָטער אויפֿגעפּלאָנטערט די צונג:

— סאָלאָמאָן, וואָס האָסטו דערזען אין דער מיידל דיינער? זי איז גאָרניט אזוי שיין! עס זענען דאָ שענערע ווי זי!... די מאַמע וועט עס ניט אויסהאַלטן! ניט געדאַרפֿט זיך פֿאַרליבן אין אַזאַ אָרעם מיידל! דו ביסט נאָך יונג און קענסט בכלל נאָך וואַרטן! וואָס פֿעלט דיר דען ביי אונז? טו אונז צוליב, זעסט דען ניט ווי אזוי זיי ווילן דיר אַריינכאַפּן אין זייערע הענט!... עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז דאָס מיידל זאָל אין דיר אפילו ניט זיין פֿאַרליבט! דאָס האָבן זיי איר איינגערעדט, זי זאָל דיר אין אירע הענט

אַריינכאַפּן! מיר וועלן ניט דערלאָזן!

סאַלאָמאָן האָט זיך גענומען אָפּרוקן פון פּלאַץ. עס איז אים ניט געווען אָנגענעם ווידער אַמאָל צו הערן די זעלבע ווערטער וואָס די מוטער האָט אים שוין אַזויפיל מאָל געזאָגט. און איצט קומט דער פאָטער מיטן זעלבן. ער האָט טרוקן אַ זאָג געטאָן:

— טאַטע, עס וועט ניט העלפן! איר וועט מיר ניט אָפּרעדן! מיר האָבן זיך ליב! דאָס מיידל געפעלט מיר! איך דאַרף ניט קיין געלט!

— אָבער פאַרשטיי מיר, נעם ניט אַזוי ערנסט. הער זיך צו, איך בין עלטער פון דיר און האָב שוין דערפאַרונג... דו ביסט אַ רייך קינד, אַ שיי־נער און עס וועלן דיר ניט אויספעלן קיין פרויען!... די שענסטע פרויען קענסטו באַקומען! וואָס האָסטו דערזען אין איר? אַ פיגור? עס זענען דאָ שענערע פיגורן פון אירער! די טאַליע? אַלע פרויען שמינקען זיך אָן זעען זיי אויס שיין... מיר וועלן דיר געבן געלט זאָלסט אַ לעב טאָן מיט פרויען, וועסט מיר דערנאָך דאַנקבאַר זיין...

דער זון האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער. דאָס פנים האָט אָנגעהויבן אַביסל צו פלאַמען, אַ יוגנטלעכע בושה׳קייט האָט זיך אָנגעהויבן אויס־לייגן. ער האָט עפּעס געוואָלט אַ זאָג טאָן, נאָר די ווערטער האָבן זיך ניט אויסגעלייגט. — אָבער טאַטע!...

דער פאָטער האָט ניט נאָכגעלאָזן. ער האָט זיך צוגעבויגן צום זון און זיך אפילו ארומגעקוקט ווי ער וואָלט געגאַנגען אַנטפּלעקן אַ גרויסן סוד און אָנגעהויבן רעדן זייער שטיל.

— די מאַמע דאַרף עס ניט וויסן! איידער איך האָב חתונה געהאַט מיט דער מאַמען האָב איך געהאַט אַנדערע... געלעבט אַ גוטן טאָג! דו האָסט דאָך נאָך גאָרניט געלעבט! וואָס ווייסטו פון די זאַכן? האָסט דערזען דאָס מיידל מיינסטו שוין אַז זי איז די שענסטע, די בעסטע... מעגסט מיר גלויבן, עס זענען דאָ אַנדערע שאָקלען זיי איר אויס פון אַרבל. אָט מיר אַליין נעמט זי איינגאַנצן ניט... פאַרליבטע זענען נאַראָנים, מעגסט מיר גלויבן עס איז ניטאָ אויף וועמען צו קוקן!... אויב דו ווילסט וועל איך מיט דיר כאַפּן אַ שפּאַציר... וועסטו זען פרויען. איך נעם זיך אונטער עס צו באַ־ווייזן! וועסט מער ניט וועלן וויסן פון איר! איך אַליין...

דער זון האָט מער ניט געוואָלט הערן, עפּעס האָט ער דערפילט ווי עס וואָלט אים ווער אַ ביס געטאָן. ער האָט מער ניט געקענט אויפהויבן די אויגן צום פאָטער: ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז ארויס־געלאָפן.

דער פֿאָטער איז געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ער אַליין וואָלט שוין אפילו שלום געמאַכט מיט דער סיטואַציע. נאָך אַלעמען איז דאָך עס אַ שיין מיידל, בלויז די אָרעמקייט איז אַ שטער. זענען זיי אַליין דען איצט ניט רייך געוואָרן? וואָס זענען זיי געווען פריער? זייער רייכקייט איז דאָך אַ צופאַל! בלויז זי איז איינגע'עקשנ'ט און טוט אים אין טויט אַריין, אַז זי וועט ניט דערלאָזן צום שידוך. זי איז נערוויייאיש, עסט זיך און עסט אים! און אַז זי שפּאַרט זיך איין... זי וואַרפט אויף אים די שולד אין יעדער זאַך. דער איצטיקער דורכפאַל אין דעם שמועס מיטן זון וועט נאָך פאַרערגערן די לאַגע. ער שטעלט זיך שוין אין פאָרויס פאַר וואָס זיין פרוי וועט זאָגן...

ער האָט אַ זיפץ געטאָן צו זיך אַליין און בשעת מעשה אַ טראַכט געטאָן אין דעם, אַז ער וואָלט שוין געקענט לעבן גליקלעך, איצט אַז עס איז קיין עין הרע שוין דאָ מיט וואָס צו לעבן, עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ פאַרמעגן, מען האָט געשפּאָרט און געהיטן יעדן סענט און דערגרייכט צו אַ פּאָזיציע, איז קומען פאַמיליע צרות... אייגנטלעך איז עס פאַר אים אַליין ניט קיין גרויסער אומגליק דאָס וואָס דער זון האָט זיך איינגעליבט אין אַן אָרעם מיידל, בלויז די פרוי קען ניט ארויסקריכן פון איר גרויסן חלום פון נעמען אַ רייך טעכטערל פאַר אַ שנור. און אפשר וואָלט שוין די פרוי אויך שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, נאָר יעדעס מאָל ווען זי גיט זיך אַ דערמאָן אין די אָרעמע מחותנים גייט איר אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב... מיט וועמען זי וועט זיך דאַרפן ארומשלעפּן... ניין, זיי ווילן מער ניט וויסן פון דער אָרעמקייט!...

נאָך דעם ווי דער פֿאָטער האָט געהאַט דעם שמועס מיטן זון איז פאָרגעקומען אַן איבעררייד צווישן מאַן און ווייב. דער פרוי האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער מאַן האָט ניט גענוג גערעדט... און ווי יעדעס מאָל האָט זי אים אויפגעוואָרפן אַז ער טויג צו גאָרניט... אַ טאַטע זאָל זיך ניט קענען פאַרשטענדיקן מיטן זון?... וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? זי האָט אַליין געפּרואווט אָנווענדן שטאַרקע מיטלען. זי האָט גערעדט מיטן זון און אָנגעוויזן אַז ער אַליין פאַרמאָגט גאָרניט, אויסער רייכע עלטערן און אויב ער וועט חתונה האָבן מיט אַן אָרעם מיידל, איז פון וואָס וועלן זיי לעבן? מען דאַרף דאָך קענען אויסהאַלטן אַ פרוי? זיי זאָגן זיך אָפּ פון אַלץ, אויב ער וועט ניט פאָלגן.

דער זון איז ארויסגעקומען מיט ווערטער, וואָס פאַר די עלטערן האָט עס געהייסן, אַז עס האָט אים ווער אויסגעלערנט אזוי צו זאָגן.

— איך וועל גיין אַרבעטן און לאָלאַ וועט אויך אַרבעטן, אויב מען וועט דאַרפן!...

די מוטער האָט זיך דערשראָקן פאַר די ווערטער פון איר איינציק קינד. אין דעם מאָמענט האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז זי גייט פאַרלירן. אין איין סעקונדע וועט ער אַרויסלויפן און זי וועט אים מער ניט זען. די אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן, זי האָט אפילו אַ טרער פאַרלאָרן... אפשר וועלן טרערן העלפן. אין דעם איז איר אדורכגעלאָפן אַ געדאַנק:

— סאָלאָמאָן! האָסט דאָך געוואָלט מיר זאָלן דיר קויפן אַ מאַשין! מיר וועלן עס טאָן, אויב דו וועסט זיך באַפרייען פון איר! לאָז אַוועק דאָס מיידל און מיר וועלן דיר גלייך קויפן אַ מאַשין...

די טרערן פון דער מוטער און דער געדאַנק פון האָבן אַ אויטאָמאָביל האָבן דעם זון ווייך געמאַכט.

— נו גוט! זאָל זיין אַזוי!

מיטאיינמאָל האָט זיך די פאַמיליע דערפילט גליקלעך...

— 2 —

דער זון איז צוגעפאָרן צום הויז און אָנגעהויבן טרובען. די מוטער האָט אַ שאָר געטאָן די גאַרדינען. עפּעס אַ קעפּל פון אַ פרוי איז געזעסן ביים זייט פון איר זון און אַרויסגעקוקט. דער זון האָט שעלמיש געשמייכלט. ניט געקענט באַשליסן צו ער זאָל אַרויסגיין פון מאַשין מיט לאָלאַן, אָדער זאָל ער אַליין פריער אַרויסגיין?

לאָלאַ האָט אויפגעכאַפּט דעם געדאַנק און דוקא זיך אָנגענומען מיט מוט און אָן עפן געטאָן די טיר. אַ פרוי איז שטענדיק מער געוואַגטער. זי האָט אפילו ניט געגעבן קיין צייט צום טראַכטן. סאָלאָמאָן האָט עפּעס אויפגעכאַפּט ווערטער וואָס האָבן אים געגרילצט, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַ הויך רעדער וואָס טרובעט אים אַריין אין די אויערן גלייך פון צווישן די גאַרדינען. ער האָט געזען דעם פּאָטער אַריבערבויגן דעם קאָפּ איבער דער מוטערס, ער דערפילט זיין פאַרבאַרגענעם שמייכל וואָס האָט דערלעבט אַ שטיקל נקמה אין דער מוטער, וועמעס פּלענער עס האָבן זיך ניט איינגעגעבן... דער פאַרוואורף פון דער מוטער האָט זיך געלאָזט הערן:

— סאָלאָמאָן! סאָלאָמאָן אַזוי האַלסטו וואָרט?... האָסט דאָך צוגעזאָגט!

דער זון האָט זיך געוואָלט פּלייסן פאַר זיין מיידל און ער האָט

אפּגעענטפערט:

— איך האָב געהאַלטן וואָרט! איך האָב צוגעזאָגט מיין כלה, אַז אַזוי שנעל ווי איך וועל האָבן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, וועט זי זיין די ערשטע צום פאָרן!... מאַמאַ! עס קען אַנדערש ניט זיין!

לאַלא האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און זיך אָנגעהויבן צוריקציען צום אויטאָמאָביל. אויך סאַלאָמאָן האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט געגאַנגען אַוועקפאָרן. די עלטערן האָבן זיך אַ צאַפּל געטאָן און אַ רוף געטאָן, זיי זאָלן אַריינגיין אין שטוב.

דער פאָטער איז אַרויסגעלאָפן און פאַרשטעלט דעם וועג צו דער מאַשין און גענומען בעטן:

— קומט אַריין קינדער! עס וועט אַלץ גוט זיין! דו קענסט דאָך די מאַמע! דערקענסטו דען ניט אַז זי האָט זיך שוין געביטן? קומט אַריין וועלן מיר זיך אַדורכשמועסן!...

די מוטער האָט ווידער אַרויסגעשריגן פון אונטער די גאַרדינען:

— שמואל לאָז זיי לויפן! זעסט דען ניט ווי זי פּירט אים שוין ביים קאָפּ? לאָז זיי גיין צו אירע עלטערן! אויב ער פאַרשטייט אַזוי צו האַנדלען קעגן טאַטע מאַמע איז לאָז...

די מאַשין האָט שנעל זיך אַ צי געטאָן איבערלאָזנדיק אַ שטויב וואָס האָט אַזש אָנגעגעבן די גאַרדינען. דער פאָטער איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרלאָרענער. די מוטער האָט אים אָנגעהויבן זידלען:

— לעמעשקע! גולם! וואָס שטייסטו מיט פאַרלייגטע הענט!

— וואָס האָסטו אָפּגעטאָן, חנה? דו מיינסט אַז דאָס קינד איז געראָטן אין מיר, וואָס איך פאַרשווייג דיר אַלץ? אין דיר איז ער דאָך געראָטן! אינגאַנצן דיין כאַראַקטער! וועסט אים ניט דאָמינירן!... ער איז דיינער...

— וואָס האָסטו אַזוי געעפנט דאָס מויל? זע נאָר ווער עס רעדט? פון דיין זון ווילסטו דיר אָפּלערנען? ווי שיין דו רעדסט? ווען ניט איך וואָלסטו דאָך קיינמאָל קיין מענטש ניט געוואָרן? וואָלסטו כאָטש דאַנקבאַר געווען!...

דער מאַן האָט זיך איינגעקאָרטשעט, כאָטש ער איז שוין געוואוינט געווען מיט אירע זידלערייען, איז אָבער ביי אים פאַרבליבן אויך די געוואוינהייט דאָס זיך איינקאָרטשען און אויסמיידן אָפּצוענטפערן. יעדעס מאָל ווען ער האָט געפּרואווט אָפּענטפערן איז געקומען צו די גרעסטע סקאַנדאַלן. עס איז דאָן שווער צו פאַרטראָגן איר היסטעריקע.

דער מאַן ווייסט אפילו אַז אין גאַס, די אַלע וואָס קענען אים האַלטן

אַז ער איז אַ שמאַטע אַ מאַן, וואָס ליגט ביי דער פרוי אונטערן קנאַפּל. קען ער דען דערציילן אַז עס איז דאָ אַן „עפּעס“, אַ פאַרוואָס עס איז אַזוי? קען ער דען פון זיך אײַנגאַנצן מאַכן לייטישע געלעכטערס? בפרט נאָך אַז דער „עפּעס“ איז אַ נאַרישער ענין, אָבער האָט דאָך געמאַכט אַז זי זאָל איבער אים באַקומען די אויבערהערשאַפט. ווייניק מענער האָבן צו טאָן מיט פרעמדע פרויען? דאַרף זיך פונקט מאַכן אַז זי זאָל אים כאַפּן ביי דער האַנט... עס איז מער ניטאָ קיין צוריקוועג און קיין אַפּלייקענונג! גע־כאַפּט ביי דער האַנט! וואָס עס איז דאַן געקומען אונטער דער האַנט האָט זי אָנגעהויבן וואַרפן און דוקא געוואָלט מיר פאַרטרייבן פון הויז... נו האָב איך דאָך געמוזט פאַלן צו די פיס, בעטן זי זאָל מוחל זיין און פון דאַן אָן...

די פרוי האָט אים איבערגעשלאָגן די געדאַנקען:

— וואָס טראַכסטו דאָרט, גולם! שלימזל! וואָס זיצסטו ווי אַ אידיאָט!

ער האָט אַזש אויפגעציטערט:

— וואָס זאָל איך טאָן הנה'לע? כ'מיין, יאָ... ווי שפּעט איז?

— אידיאָט !

— אפשר הנה'לע, וועלן מיר זיך דאָך צוזאַמענרעדן!

— אָט האָסטו דיר! מען דאַרף זיך ערשט צוזאַמענרעדן? אָפּגעזעסן שוין אין דער האַלבער נאַכט און געוואַרט... ווי איז עס אַ פאָטער אַזאַ קאַלטע באַשעפעניש?

— הנה'לע, דו האָסט דאָך אים פאַרטריבן!... האָסט דאָך אים פאַר־שעמט פאַרן מיידל!

— לעמעשקע, זע נאָר ווי עס רעדט! אפשר וועסטו עפּעס טאָן?...

— אפשר טאַקע אַ רוף טאָן אויפן טעלעפאָן?

אין דעם בליק האָט ער באַמערקט אַז ער האָט געטראָפן אין פּינטל אַריין פון אירע געדאַנקען, אַז מען דאַרף אַ קלינג טאָן צו דער מיידל אין הויז אַריין. אפשר זיצט ער נאָך ביי זיי.

דער מאַן האָט זיך אַביסל געקווענקלט, געפּרוּווט אַרויסברענגען אַ געדאַנק, אַז עס איז שוין נאָך איינס אַזייגער ביינאַכט, איז אפשר נישט שיין צו קלינגען, בפרט נאָך ווען זיי ווייסן אַז דער שידוך שטייט אַגב ניט אָן...

די פרוי האָט געוואָרפן אַ ביטול בליק, וואָס וויל זאָגן:

— וואָס גייען זיי מיר אָן די קבצנים! וואָס האָב איך זיך מיט זיי צו רעכענען גאָר?

זי האָט אַ הויב געטאָן דאָס טרייבל און אָנגעקלונגען. עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט ביז עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרשלאָפענע שטימע:

— האַלאָ! ווער איז?

— זאָל סאַלאָמאָן צוגיין צום טעלעפאָן!

— דאָ וואוינט ניט קיין סאַלאָמאָן!

— וואָס מאַכט איר זיך נאַריש?

— כ׳מיין איר זייט משוגע געוואָרן!

נאָך דעם ווי די פאַרשלאָפענע שטים האָט דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ער אָפּגעהאַקט די פאַרבינדונג. די פרוי האָט זיך ניט געקענט בארואיקן און אָנגעהויבן רעדן צו זיך מער ווי צום מאַן, וואָס האָט איר ניט אויפגעהערט קוקן אין די אויגן. — אַ שטאַלצער קבצן! אָפּצוקלאַפּן מיר דעם טעלעפאָן! זיי האַלטן אים דאָרט... איך וועל זיך ניט לאָזן פון זיי פירן ביים קאָפּ! אויסוואורפן זענען זיי! זי האָט ווידער אָנגעהויבן קלינגען. דער טע־לעפאָן האָט געריסן. די פרוי האָט בשעת מעשה געברומט צו זיך אַליין! זיי וועלן ביי מיר היינט צעריסן ווערן!... פון יענער זייט האָט מען ווי־דער אויפגעהויבן דאָס טרייבל:

— האַלאָ! האַלאָ!

— סאַלאָמאָנען שיקט צו! איר דאַרפט ניט מורא האָבן! איך מיין עס וועלן אייך ניט העלפן די אַלע קונצן! מיטן האַלטן אים ביי אייך, וועט איר גאָרניט פועלן!... שיקט אים אַ היים, עס איז שוין שפּעט!

— מיר האַלטן דאָ קיינעם ניט! מיר זענען ניט געוואוינט ביינאַכט צו האַלטן פרעמדע מענער!... אפשר איר...

— איז ער געווען?

— ער קען מער ניט אריינקומען צו אונז! מיר דאַרפן אים ניט! אונ־זער טאָכטער האָט אים שוין אייך צוגעוואָרפן! זוכט אים ערגעץ אַנדערש!... עס איז דאָך אייער קינד! מיין טאָכטער וויל מער פון אים ניט וויסן! זאָל ער מער ניט וואַגן צו קומען! די מיר וועלן מיר אים ווייזן! די ביינער צוברעכן! ער איז קיין מאַן ניט! אַ שמאַטע פונקט ווי אייער מאַן וועמען איר האַלט אונטער אייער קנאַפּל!... איר האָט מער ניט וואָס צו קלינגען צו אונז!... פאַרדרייט זיך אייער קאָפּ! מיין טאָכטער וועט זיך מער ניט לאָזן פאַרדרייען דעם קאָפּ!

די פרוי איז געוואָרן ווייכער:

— איז ער געווען?

— ער איז געקומען, אָבער אונזער טאָכטער האָט מער מיט אים ניט

געוואָלט רעדן! ער האָט געוויינט! נאָר עס וועלן שוין קיין טרערן אויך ניט העלפן!...

— איר האָט עס גוט געמאַכט!... ניט געקענט עפּעס בעסערס דער־וואַרטן פון אייך!

פון יענער זייט איז געקומען אַ טרוקענער ענטפער:

— לאָזט שלאָפן! פאַרדרייט מער ניט קיין קאָפּ! איך דאַרף אַרבעטן! אויב איר האָט ניט וואָס צו טאָן, איז...

דער טעלעפאָן איז איבערגעריסן געוואָרן.

— 3 —

די מחותנים פון כלה'ס צד, די פרידלאַנדס, זענען געזעסן אין די ליכ־טיקע צימערן פון חתנ'ס צד, די אַדלערס. די רייכקייט פון די קאַרגע מענטשן איז זיי ניט געקומען. ווי זיי דינגען זיך? יעדעס מאָל וואַרפן זיי דעם גט פאַר די פיס און הערן ניט אויף צו צאַפּן בלוט. מען קען דאָך פון זינען אַרונטער? איבער יעדן קלייניקייט האַלט זיך דער שטריק אין איי־בעררייסן. דער גאַנצער צוזאַמענקום פון ביידע צדדים איז דאָך ממש אַ נס! אַן זידלערייען גייט עס ניט! ממש שונאים זיצן דאָ איינער קעגן צווייטן! די פרוי אַדלער, פון חתנ'ס צד, האַלט זיך פאַר אַ גאַנצע מאַדאַם, כאָטש נעם גילט איר אָפּ! דינגט זיך ווי אַ מאַרק אידענע!... ווי קאַרג מען איז! ניט אומזיסט האָבן זיי אַזויפיל געלט! ס'איז קישקע געלט... און וויל ניט אַנדערש ווי שפּילן די ראָל פון אַ מאַדאַם!

דאָס האָט געטראַכט משה פרידלאַנד. ער האָט נאָך מער געטראַכט: ווען ער וואָלט איצט געקענט עפּעס פון דעם זאָגן, וואָלט אים אַ סך לייכטער געוואָרן, נאָר צוליב דעם גליק פון קינד, וועט ער איצט זיך מוזן איינהאַלטן און פאַרבייסן. פאַרפאַלן! מען מוז עס איבערקומען!...

פרידלאַנד האָט אַ קוק געטאָן דער טאָכטער אין די אויגן. זי איז מלא חן, די אויגן שוואַרצע האָבן אַריבערגעקוקט צום טאַטן און זיך ווי געבעטן ער זאָל זיך האַלטן רואיק. יאָ, ער וועט עס טאָן.

— איז ווען מאַכן מיר די חתונה? אין אָקטאָבער אָדער נאָוועמבער, פרוי אַדלער?

— איר זייט שוין דען צוגעגרייט?

— וואָס דאַרף מען דאָ זיין גרייט? קיין סמאָקינג דאַרף איך זיך ניט

מאכן! — האט משה פרידלאנד געפּרואווט מאכן א וויץ, וואס זאל אין דער זעלבער צייט א שטאך טאן.

פרוי אדלער האט לאקאניש א שמייכל געטאן, אז דאס פּנים האט ביי איר באקומען אן אויסדרוק פון א כינעזער.

— פארוואס טאקע ניט? עס דארף זיין א חתונה מיט אלע פיטשעווקעס! א חתונה כ'זאל האבן וואס צו געדענקען! די גאנצע שטאט זאל האבן פון וואס צו רעדן! איר דארפט אריבערגיין אין רעסטאראן באשטעלן דאס בעסטע! מיט טעלערס וואכן צוריק זענען מיר געווען אויף א חתונה האט מען דאס עסן ניט געקענט נעמען אין מויל אריין! מען דארף גוט אכטונג געבן!...

— פאר וויפל פערזאן גלויבט איר?

— ניט ווייניקער ווי פיר הונדערט!

— איך האב ניט אזויפיל פריינט!

— אבער מיר האבן!

— אבער מיר קענען זיך אזא מין זאך ניט דערלויבן!... איך פארמאג ניט וואס אזא מין חתונה דארף אפּקאסטן!

— איר וועט זיך א עצה געבן!... אז מען וויל, קען מען! אז מען מאכט חתונה א טאכטער, איז דארף מען זיך אנשטרענגען!

— אזוי ווייט קען איך ניט! איר וועט מוזן ארויסהעלפן!...

— מיר זענען חתנ'ס צד! חתנ'ס צד האט גארניט צו טאן מיטן איינארדענען די חתונה!... וואס מיינט איר זיך, מיר האבן געהאדעוועט פאר אייערטוועגן! מיר זאלן עס אייך אוועקגעבן?

— אבער וואס זאל איך טאן? איך וויל דען ניט מאכן די חתונה? בלויז קיין פיר הונדערט געסט אייערע קען איך ניט אויספּאשען!...

— מיר וועלן גארניט געבן!... נייט זיך ניט קיין בייטל!

— אבער?... נו גוט איך וועל מאכן פאר צוויי הונדערט געסט!

— זייט איר משוגע געווארן! מיר האבן אזויפיל פריינט!

— איז גיט מען זיך אויך א קוועטש!...

דער מאן האט זיך געפּרואווט אריינמישן אז מען וואלט טאקע געדארפט קומען צו הילף... די פרוי האט אויף אים א קוק געטאן, א שנייד געטאן מיט די אויגן ווי מיט א מעסער, אויף וועלכן דער מאן האט זיך גלייך געפּרואווט צוריקכאפּן און ער האט געפּרואווט פארריכטן:

— כ'מיין, פרידלאנד, אז איר קענט זיך שאפן דאס געלט! איר וועט קריגן צו בארגן געלט ביי אייערע לאנדסלייט!...

— שוין געטראַכט דערפון! איך וועל סיי ווי סיי מוזן באָרגן! איך קען זיך דאָך ניט רואינירן...

ענדלעך נאָך פאַרשיידענע איבעררייד איז מען געקומען צו א שטיקל אויסגלייך. נאָך דעם ווי אַלעס האָט אויסגעקוקט ווי עס גייט פּלאַצן און נאָך דעם ווי די חתן כלה האָבן זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן וויינען אויף זייער אומגליק איז געקומען צו אַ געוויסער פאַרשטענדעניש, כאָטש די לאַגע איז געבליבן אַ שטאַרק אָנגעצויגענע, ניט ווי מחותנים וואָלטן געזעסן איינען קעגן אַנדערן, נאָר שונאים וואָס ווילן איינער די אַנדערע איינשלינגען...

שטייענדיק ביי דער טיר, ביים ארויסגאַנג, האָט פרידלאַנד אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן, אַ זאָג טוענדיק צו זיין פרוי אזוי הויך אַז די מחותנים זאָלן אויך הערן:

— ווער ווייסט צו איך וועל עס אויסהאַלטן! איך פיל זיך שוין שטאַרק קראַנק! זיי וועלן מיר פון דער וועלט טרייבן!...

פרוי אַדלער האָט געפּרואווט עפּעס נאָכזאָגן, נאָר די פרידלאַנדס האָבן שוין ניט געהערט. און ווידער האָט זי ווי אויסגעלאָזן איר כעס צום מאַן ווי ער וואָלט געווען דער שולדיקער:

— מזל דאַרף מען האָבן!... האָסט געזען ווי עס טשעפּעט זיך צו אונז? אַנדערע קינדער פאַרליבן זיך אין גבירישע קינדער, איז פּונקט מיר דאַרף טרעפן עס זאָל זיך צוטשעפּען אַזא מין קאַבצעניוק!... אַ שניידערל... שוין אַזויפיל יאָרן דאָ אין לאַנד און גאָרניט! אָט אַ שלימזל! אַז איך גיב זיך אַ דערמאָן ווער עס וועלן זיין מיינע מחותנים, איז גייט מיר אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב! איך וועל עס ניט אויסהאַלטן! אַלע באַקאַנטע לאַכן אודאי פון אונז!... דערלעבט אַ נקמה!

דער מאַן האָט געפּרואווט אַריינוואַרפן אַ וואָרט, אַז אייגנטלעך דאַרף זי זיך ניט נעמען צום האַרצן. זי דאַרף אַ טראַכט טאָן: ווער איז זי אַליין פון דער היים?... איז ער דען אַליין ניט קיין שניידער? דאָס וואָס עס האָט אים אָפּגעגילט איז דאָך אַ מזל זאַך!...

די פרוי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און אַדורכגענומען:

— זיי ווייסן עס דען ניט?... האָט ער דיר ניט עטלעכע מאָל עס דערמאָנט, זאָלסט דיר אַזויפיל ניט וואַרפן מיט אים? ער טראָגט דאָך שוין אַזוי אויך אויף דיר אַ כעס! לאָז עס אָפּ!...

— נו יאָ, זיי וועלן נאָך איינפלאַנצן אַ שנאה צו אונז ביי דער צוקונפטיקער שנור!...

— קלייניקייטן! אַזעלכע זאַכן ווערן פאַרגעסן!

— וואָס האָב איך מיט דיר צו רעדן, אַז דו זעסט ניט וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס זענען!

זי האָט זיך געלייגט אין בעט און ניט געקענט איינשלאָפן. זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ניט אויפגעהערט טראַכטן. דער מאַן האָט געכראָפּעט. דאָס האָט איר אַריינגעטריבן אין אַ באַזונדערן כעס. אַ געדאַנק איז איר פאַרבייגעלאָפן, אַז זי אַליין האָט אויך ניט געטראָפן... ניטאָ מיין מזל? ווען זי דאַרף איצט ווידער אויסקלייבן וואָלט זי אַזעלכן ניט אויסגעקליבן!... אפשר האַנדלט זי איצט אויך ניט גענוג שטרענג?... מיט זייער פּאָזיציע וואָלטן זיי געקענט טאָן אַ גוטן שידוך. כאָטש צו דער מיידל האָט זי ניט וואָס אויסצוזעצן, זייער אַ גוט קינד, אַ שטילע, אַ צוגעלאָזענע. וואָס איז זי טאַקע שולדיק וואָס איר פאָטער איז אַ קבצן?... נאָר מען טאָר זיך ניט אַרונטערלאָזן צו די קבצנים! זיי קענען איינעם אויפעסן מיט די ביינער...

— 4 —

די מחותנים זענען געזעסן אין רעסטאָראַן און געוואַרט. שוין צום פערטן מאָל ווי זיי זיצן אויף דעם זעלבן פּלאַץ פאַר די לעצטע דריי וואָכן. נאָך פאַרשיידענע דינגענישן איז מען געקומען צו אַן אויסגלייך אין דעם פּרייז. דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן האָט שוין אינצווישנצייט אויפגעכאַפּט איינציקע פאַמיליע סצענעס און געטראַכט פון זיין ביטערער פּרנסה... די פרידלאַנדס פון כלה׳ס צד, האָבן זיך ניט געקענט אַזוי שטאַרק דינגען ווי די פרוי אַדלער האָט עס געטאָן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי האָט בלויז מיט אַ קליינעם טייל געדאַרפט ביישטייערן צו דער חתונה. זי האָט געהאַלטן אין איין מאַכן די אָרעמע מחותנים:

— ניט אומזיסט האָט מען ניט קיין געלט! עס פּאַסט זיי ניט זיך צו דינגען! קבצנים האָבן ווייכע הערצער! אַנשטאָט דעם רעסטאָראַטאָר! ער וועט אַזוי אויך נאָך גענוג פאַרדינען!

דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן האָט געפּרואווט איינ׳טענה׳ן אַז מען רייסט ביי אים אָפּ פון ביידע זייטן. אי מען דינגט אָפּ און אי זיי האַלטן אין איין פאַרגרעסערן דעם מעניו. פון ביידע זייטן קען מען דאָך איינעם ניט שלאָגן!...

די מחותניסטע פון חתנ׳ס צד האָט אַלץ געפּרואווט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט און אַזוי קאַלטבלוטיק ווי מעגלעך אַנגעוויזן אַז די צווייטע רעס־

טאָראַן אונטערנעמער זענען גרייט צו מאַכן די חתונה פאַר אַ ביליקערן פּרייז און נאָך אַ שטאַרקערן מעניו.

דער רעסטאָראַטאָר האָט זיך געצאַפּלט. עס איז אים געווען אַ שאָד אַוועקצולאָזן די חתונה, נאָך מער האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזן די קאָנ־קורענטן זאָלן עס פון זיינע הענט אַרויסכאַפּן, האָט ער געמוזט זייער אַ סך אַרונטערלאָזן פון פּרייז. עס איז בלויז פאַרבליבן אַז פאַרן באַשטעטיקן און געבן „האַנט געלט" זאָל מען קומען אַ ספּעציעלן טאָג צו פאַרזוכן און זען ווי עס זעט אויס דער „פּראָבע מעניו".

זיצן איצט די מחותנים פון ביידע צדדים און וואַרטן אויף דער פּראָבע פון די מאכלים. דער רעסטאָראַטאָר זוכט זיך צו פליסן. יעדעס מאָל וואָס ער טוט אַ קוק צו דער פרוי אַדלער דערפילט ער אַן אינערלעכן ציטער און טראַכט פון דער ביטערער פרנסה... ווען ניט וואָלט ער איר אויף די אויגן ניט געלאָזט... עס פאַלט אים ממש פון די הענט, דווקא ווייל ער זוכט עס זאָל אַרויסקומען אַזוי, אַז זי זאָל ניט קענען געפינען קיין חסרון און ניט דאַרפן ווידער זיך מיט איר אַדורכוואָרטלען... עס קען זיך אַמאָל אַרויסכאַפּן אַ וואָרט... עס איז אַמאָל שווער זיך צו קאָנטראָלירן.

ענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן די „פּראָבע". מען האָט אַריינגעבראַכט די פרישע געפילטע פיש וואָס האָבן מיט זייער ריח אַדורכגענומען די לופט און געריסן דעם אַפּעטיט. פיר גרויסע שטיקער פיש זענען געלעגן אויס־געלייגט אויף באַזונדערע געבלומטע טעלער אַרומגעלייגט מיט אַ מערעלע. די מחותנים האָבן פריער געקוקט, ממש פאָטאָגראַפירט מיטן אויג, די פרוי אַדלער האָט געזוכט אַ חסרון און ניט געפונען אויפן קוק. זי האָט די ערשטע אַ שמעק געטאָן מיט דער נאָז, דער רעסטאָראַטאָר איז געשטאַנען עטוואָס אָפּגערוקט און געקוקט פונקט ווי אַ סטודענט וואָס שטייט פאַר די עקזאַ־מענעס און קוקט אויפן פּראָפעסאָר, ווי ער וואָלט פון אים געוואָלט אַראָפּ־לייענען די גוטע נאָטע.

די איבעריקע מחותנים האָבן גענומען עסן, קייען מיט די ליפּן, זוכן דעם טעם פון מבינות. די פרידלאַנדס האָבן גלייך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַז די פיש זענען צום טעם, נאָר די פרוי אַדלער האָט אַרויסגעזייעט צווישן די שמאָלע ליפּן איר פּסק דין, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט מער פעפער און ווייניקער צוקער.

פרידלאַנד איז אויפגעשפּרונגען:

— איר וועט אַוועק'הרג'ענען די פיש! מען וועט ניט קענען נעמען אין מויל! אַזוי זענען זיי פונקט צום טעם! בעסער דאַרף מען ניט!

— וואָס ווייסט איר? אַ נייער מבין!

— וואָזשע מיינט איר, מיר פאַרזוכן קיינמאָל ניט קיין פיש? איר האָט שוין געמעגט פאַרזוכן די פיש וואָס עס קאָכט מיין ווייב?

— אפשר דאָרט ביי אייך, האָט מען געגעסן אַזעלכע פיש! אבער האָט איר שוין פאַרלאָרן דעם טעם...

די פרוי פרידלאַנד האָט אָנגעהויבן אָנווייזן אַז זי קומט פון אַ שטוב פון מבינים אויף פיש און כאָטש די פיש קענען זיך ניט פאַרגלייכן צו „יור־ראָפּ", זענען זיי דאָך צום טעם.

ווען ניט דאָס וואָס די געבראָטענע גלאַנציקע עופות זענען שוין גע־שטאַנען אויסגעשטעלט אויפן טיש און גערייצט, וואָלט זיכער געקומען צו אַ גרויסן איבעררייד צווישן די מחותנים...

פרוי אַדלער האָט אָנגעהויבן אויסמעסטן מיט די אויגן די „טשי־קענס", צו זענען זיי אַמאָל ניט צו קליין אָדער אויסגעדאַרט? און צו די „צור־דאַטן" זענען אין אָרדענונג? און איידער זי האָט נאָך געקענט אויף ריכטיק געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן די עופות האָט זיך באַוויזן דער אויסגעבעטער סאַ־לאַט אויף שיינע געבלומטע פּולמיסקעס וואָס האָט גערייצט דאָס אויג מיטן גומען.

די מחותנים האָבן אָנגעהויבן קייען, זוכן דעם טעם צווישן צונג און ציין, די גאָמבעס האָבן זיך באַוועגט, ווי ביי ציגן וואָס זענען ניט זיכער מיטן מאכל וואָס זיי קייען צווישן די ציין, דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרגעסן און אָנגעהויבן עסן מיט גרויס אַפּעטיט, סמאַטשקענדיק די ביינדלעך. בלויז פרידלאַנד האָט זיך דערמאָנט אַז ער דאַרף עפּעס איבערלאָזן. זאָל זי זען די רייכע מחותניסטע אַז ער איז ניט אַזוי הונגעריק... עס איז ביי אים ניט קיין גרויסע מציאה אַ שטיקל טשיקן. ער איז טאַקע ניט קיין רייכער מאַן, נאָר עס פעלט דאַנקען גאָט פון גאָרניט אין שטוב... דאָס איז אויך געווען אַ מין שטאָך צו דער קאַרגשאַפט פון די רייכע מחותנים.

נאָך פאַרשיידענע דיסקוסיעס האָט דער מעניו אויסגעהאַלטן דעם עק־זאַמען, מיט אַ קליינער ענדערונג ביים קאָמפּאָט. דעם רעסטאָראַטאָרס שרעק איז אַזוי אַרום געווען אַן אומזיסטע. געשראָקן האָט ער זיך אין צווייען, עס זאָל איר, דער רייכער פרוי אַדלער, עפּעס ניט געפעלן ווערן און זי זאָל זיך אָנהויבן עפּעס זוכן. און ווידער האָט ער זיך געשראָקן, אַז די מחותנים זאָלן זיך אַמאָל ניט צעריסן און עס זאָל זיך ווידער ענדיקן מיט גאָרניט. די „פּראָבע קיך" האָט דאָך שוין אַריינגעטריבן אין צוואַנציק דאָלער.

וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דער חתונה, זענען די שטרייטן צווישן די מחותנים געוואָרן שטאַרקער. זיי האָבן אַפילו צווישן זיך אָנגעהויבן פירן ברוגזן. עס האָט זיך כסדר גערעדט אַז אַלץ איז איבער־געריסן געוואָרן. ווען ניט די קינדער, איז ווער ווייסט צו עס וואָלט צו עפּ־עס געקומען? אויך די קינדער זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער נערוועז־זיטעט. איבער יעדער קלייניקייט איז געקומען צו שטאַרקע איבעררייד. פון חתנ'ס צד האָט מען געוואָלט אָנהענגען אַלע אויסגאַבן אויף כלה'ס צד און כלה'ס צד האָט זיך ניט געלאָזט און געהאַלטן אין איין שרייען אַז אַלץ וועט פּלאַצן... ער דאַרף שוין נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער די הייזער. די שניידערייַ זיינע טראָגט ניט צו דעקן די גבירישע הוצאות וואָס זיי ווילן מאַכן אויף זיין חשבון. ווען ער וואָלט געהאַט וואו צו נעמען געלט, וואָלט ער עס געטאָן, אבי ניט האָבן מער צו טאָן מיט זיי! דאָס האַרץ קען דאָך פּלאַצן!

עס זענען פאַרביי עטלעכע טעג און מען האָט טאַקע ניט געהערט פון די פרידלאַנדס. זיי האָבן ניט אָפּגערופן. בלויז די טאָכטער איז געקומען און געזאָגט, אַז דער פאָטער איז קראַנק.

די מוטער פון חתן האָט געגעבן אַ לאַקאָנישן שמייכל:

— אַן ביטערע שטיקעלעך גייט עס ניט ביי אים! מיר האָבן אויסגעלייגט פאַר אים עטלעכע הונדערט דאָלער איז ווייזט ער זיך שוין ניט. קראַנק איז ער!...

זי האָט אַ קוק געטאָן צום מאַן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. ער האָט בלויז אַריינגעוואָרפן אַן אומזיכער וואָרט:

— מען דאַרף מבקר חולה זיין!

— און דאָס געלט?

— מען וועט אַ שמועס טאָן, אויב ער איז געזונט?

— אויב, שטויב! זאָל ער זיך פאַרדרייען זיין קאָפּ! מיך נאַרט מען ניט!...

— גערעדט, מיר שטייען פאַר אַ חתונה, מאַך ניט אָן קיין צרות!

— פאַרלאָז זיך אויף מיר! דו זאָלסט שווייגן דו הערסט?

די אַדלערס זענען אַריינגעקומען אין דער ענגער וואוינונג פון די פריד־לאַנדס. די פרוי אַדלער האָט זיך געהאַלטן אַזוי ווי זי וואָלט געטאָן די גרעסטע טובה צו קומען אין די פאַרשטיקטע צימערן וואָס געפינען זיך איי־איינעם מיט דער שניידעריי. זי האָט אַפילו ניט געקוקט צום קראַנקן וואָס האָט זיך געפּרואווט אויפהויבן פון בעט אויפצונעמען די געסט. זי האָט

אָפּגעמאָסטן די שטיקער שטאָפן וואָס זענען געלעגן אויסגעלייגט אויף די פּאָליצעס און געטראַכט בשעת מעשה אַז עס האַלט נאָך ניט אזוי שלעכט... לפנים ווען האָט זי אַ פרעג געטאָן אַ פראַגע אויף יוצא צו זיין, ניט דירעקט צום קראַנקן, אַז פאַר דער חתונה מאַכט מען זיך נאַריש און מען רעדט זיך איין קראַנקהייטן.

פרידלאַנד האָט געפּרואווט איבערגעבן ווי אזוי ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אַוועקגעפאַלן ביי דער אַרבעט און אַז ער ליגט שוין אזוי עטלעכע טעג. איצט פילט ער אַביסל בעסער בלויז דאָס ער איז אַביסל אָפּגעשוואַכט... אָבער...

פרוי אַדלער האָט אים רעכט ניט געלאָזט ענדיקן. זי האָט געמאַכט מיטן הענטל, וואָס אין זיינע אויגן האָט עס אויסגעזעען ווי זי שטייט מיט אַ זעגל און זעגט. וואָס מיינט ער זיך? זיי וועלן אַלץ פאַר אים טאָן אין דאָס געלט? די פאָר הונדערט דאָלער וואָס זיי האָבן אויסגעלייגט?

פרידלאַנד איז אָנגעצונדן געוואָרן און דאָך געפּרואווט זיך אָפּקילן און שטאַרק רויט ווערנדיק אַ זאָג לעטאָן:

— איך אַנטלויף ניט! ביי דער ערשטער געלעגנהייט! איך האָב נאָך ביי קיינעם ניט צוגענומען! אַלע קענען מיר פאַר אַן אָרנטלעכן מאַן! בלויז ביי מיינע מחותנים!... איך האָב איצט ניט!

— ווען איר זאָלט וועלן!...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די שטאָפן:

— מיר וועלן זיך ניט זעצן ביי איין טיש ביז איר וועט ניט באַצאָלן! מיר דאַרפן פאַר קיינעם ניט אויסלייגן! דערנאָך וועט ניט זיין צו וועמען צו רעדן!

פרידלאַנד איז אויפגעקאָכט געוואָרן און אָנגעהויבן שרייען אַראָפּשפרינגענדיק אינגאַנצן פון בעט.

— נו, נאַט אייך, נעמט! גזלנים! איר האָט געברענגט אין וואָס איינצופּאַקן? איך קען עס שוין מער ניט אויסהאַלטן, אפשר ווילט איר אַ מעסער? נו שעכט מיר! איז ביי אייך גאָר ניטאָ קיין רחמנות?

ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן די שטאָפן פון די פּאָליצעס, פרעגנדיק:

— וויפל זאָל איך אייך איינפּאַקן? עס איז ניט מיינס! נאָר נעמט! ביי העלן מיר האַרמן!... זיי וועלן מיר פאַרשטיין!... זיי זענען סוחרים!

איר זייט... ניין! גייט פון דאַנען! איך וועל מער ניט זיצן מיט אייך ביי איין טיש! גענוג! גענוג! איבערגענוג!

ער האָט אַ רוף געטאָן די טאָכטער און צו איר אַ געשריי געטאָן:

— וואָס ווילסטו אַ טויטן טאַטן אָדער אַ חתונה? ביידע זאַכן קענען ניט זיין! דו הערסט!

דער זון איז צוגעלאָפן און אָנגעהויבן ווישן די טרערן פון דער כלה.

— נו וויין ניט! איך וועל פאַרקויפן די מאַשין און וועל זיי באַצאָלן! זיי זענען איינגע׳עקשנ׳ט! די מאַמע איז אַזוי...

ער איז צוגעלאָפן צו דער מוטער און אָנגעהויבן שרייען אַז ער וועט פאַרקויפן די מאַשין! ער דאַרף ניט! ער וועט גיין אַרבעטן און וועט פון דעם אָפּצאָלן.

די מוטער האָט אָנגעהויבן שמייכלען נאַריש. די ברעמען האָבן זיך געהויבן און האָט אָנגעהויבן זאָגן:

— נאַרישע מענטשן, ווי זיי קאָכן זיך עס אויף? אַ קעסל אַ גאַנצער...! מען זאָל ניט קענען אויסרעדן אַ וואָרט? מיר זענען דאָך ניט קיין פרעמדע? וואָס ווילן מיר דען? מיר האָבן שווער געאַרבעט אויף אונזער געלט, ווילן מיר עס אָפּהיטן! פאַר וועמען אַרבעטן מיר דען? פאַר וועמען שלאָגן מיר זיך? עס איז דאָך אַלץ פאַר די קינדער!... מער ווי דעם זון האָבן מיר ניט!

זי האָט אַ נעם געטאָן ביידע קינדער אין אירע הענט!

— זאָרגט זיך ניט! לאָזט אַלץ איבער צו די טאַטע מאַמע! מיר וועלן שוין אַדורכקומען!... מאַלע וואָס מהותנים רעדן זיך אַמאָל איבער?...

פרידלאַנד האָט אַ זאָג געטאָן אַן אויפגעהייטערטער:

— איר קענט מיר ניט! צו איין סענט וועל איך באַצאָלן. נאָך פריער ווי איר דערוואַרט! נאָר גנב׳ענען פאַר אייערטוועגן וועל איך ניט גיין! איך האָב נאָך ניט פאַרלאָרן די האָפענונג! אויב איך וועל זיך מיט אייך ניט אויסגלייכן אין געלט, איז אין יחוס זענען מיר מער ווי אויסגעגליכט.

דאָס לעצטע האָט פרידלאַנד דווקא געוואָלט אָפּזאָגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּנעמען פאַר דער גאַנצער צייט.

אַדלערן אַליין איז עס גראַד געפעלן דאָס אַריינזאָגן. ער האָט פאַר־שטאַנען אַז דאָס גייט אויפן חשבון פון זיין ווייב. ער האָט דערפאַר שוין אויך אַ זאָג געטאָן:

— לאָמיר פאַרגעסן אין אַלץ. מיר זענען מחותנים. איר פאַרשטייט ניט מיינער? זי האַלט פון דעם גלייכווערטל: בעסער פריער באַוואָרנט איי־דער שפּעטער באַווייִנט! און איך זאָג אייך: אַ שידוך איז ווי אַ לייטער, אַז מען שטעלט אים קרום, קריכט מען ארויף!... מזל טוב!

די רייכע מחותניסטע האָט אָנגעהויבן שמייכלען און געזוכט אַן אויס־וועג.

— אפשר וואָלט איר זיך מאָרגן צוגעכאַפּט צו אונז? מיר דאַרפן דאָך עפּעס זיך אַן עצה האַלטן וועגן די קינדער.

פרידלאַנד האָט אַ קרעכץ געטאָן. ער קען איר שוין גוט. עס איז בעסער וואָס ווייניקער מיט איר צו רעדן. ווער ווייסט וואָס עס קען איר נאָך איינפאַלן אינצווישנצייט. ער האָט בלויז אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט שוין געוואָלט עלטער זיין מיט צוויי וואָכן! איך פיל ניט גוט! אַזויפיל איבערלעבעניש... אויב איך וועל מיך פילן גוט וועלן מיר צוקומען.

די קינדער האָבן זיך געפילט גליקלעך...

די לאָטערײ

— 1 —

קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער שידוך איז ניט צושטאַנדגעקומען, נאָך דעם ווי דאָס יונגע פּאָרל איז אַרומגעגאַנגען אַזוי פאַרליבט און שוין אַלעמען געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי ווילן תּנאָים האָבן.

יעדעס מאָל, ווען מען האָט די עלטערן געפּרואווט אַ וואונטש טאָן וועגן דער שמחה, וואָס דערנענטערט זיך, האָט מען אָנשטאָט אַ דאַנק באַקומען אַן אָפּגעהאַקטן ענטפער, וואָס האָט געמיינט אין אַנדערע ווערטער: דער שידוך אינטערעסירט מיר ניט!... פרייט זיך נאָך ניט, עס וועט גאָרניט זיין!...

מענטשן האָבן געהויבן מיט די אַקסלען. די מער נייגעריקע האָט עס ניט געלאָזט רוען: פאַרוואָס ווילן זיי ניט דעם שידוך? עס איז דאַכט זיך די גלייכסטע פּאָר, ביידע יונג און אַזוי ענלעך איינער צום צווייטן... אַ בלינדער קען דאָך באַמערקן ווי ליב זיי האָבן זיך... און ווידער וועגן שטאַנד, זענען דאָך ביידע עלטערן גאַנץ פאַרמעגלעכע מענטשן און פון זעלבן יחוס... וואָס איז דען בכלל דאָ צו רעדן אין די דאָזיקע לענדער וועגן יחוס? ווער עס האָט געלט איז דאָך שוין במילא יחוס!..

קיינער האָט ניט באַנומען די זאַך. אפילו די קינדער אַליין, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק ליב, האָבן ניט באַנומען, אַז עפּעס אַ טראַגעדיע דרייט זיך צווישן די פאַמיליעס פערלשטיין און פוטערפאַס. דער מאַן פערלשטיין אַליין פאַרשטייט אויך ניט, פאַרוואָס זיין פרוי אַרבעט מעשׂים און דערלאָזט ניט צום שידוך; פונקט אַזוי פאַרשטייט אויך ניט פרוי פוטערפאַס: פאַרוואָס איר מאַן וויל בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז זייער זון זאָל ווייטער

ארומגיין מיט דער פּערלשטיינס טאָכטער...

פרוי פּומערפּאַס האָט געהאַלטן אין איין אויסוויינען די אויגן. זי האָט אַזוי פיל יאָרן געוואַרט און געהאָפט עס זאָל זיך אָפּזוכן דער באַשערטער! איצט גייט זייער זון מנחם ארום מיט אַ מיידל, אַ שיין מיידל, אַ וואויל קינד, וואָס נאָך קען מען זיך ווינטשן? איז ער איינגעשפּאַרט משה, אַז דער שידוך געפעלט אים ניט! אַליין האָט ער שטענדיק איר געליבט, ער פלעגט זיך ממש מיט איר איבערנעמען! יעדעס מאָל וואָס ער האָט איר געזען, האָט ער איר געהאַלטן אין איין נאָכקוקן. איז וואָס איז פּלוצלונג געשען?

ער, דער מאַן, האָט עס איר אַפילו געפּרוואווט אויפקלערן, נאָר עס האָט איר ניט איבערצייגט. עס געפעלן אים ניט די עלטערן! מעגן זיי האָבן געלט וויפל זיי ווילן, נאָר די הוים שלעפּט זיך נאָך! זיי זענען זייער פּראָסטע מענטשן פון דער היים! און אויף מער צו ווירקן, האָט ער צוגעגעבן:

— מען זאָגט, אַז זיי האָבן עטלעכע משוגעים אין דער פאַמיליע, און דאָס הויפּט זיך אָפּ!

פרוי פּומערפּאַס האָט געפילט אין מאַנס ווערטער, אַז דאָס איז ניט דער עיקר! זי קען איר מאַן, לעבט שוין מיט אים עטלעכע און צוואַנציק יאָר. יעדעס מאָל ווען זי האָט עפּעס געזאָגט איז איר וואָרט ממש געווען אַ געזעץ, און דאָ נאָדיר גאָר אַזאַ מין געשיכטע! זי האָט געפּרוואווט אַליין אויספאָרשן ביי די לאַנדסלייט פון דער פאַמיליע פּערלשטיין, און קיינער ווייסט גאָר־ניט וועגן אַזעלכע מעשיות. זי האָט עס אַפילו געפּרוואווט געבן אָנצוהערן דעם מאַן, איז ער ממש אויפגעשפּרונגען! זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען מיט אַזאַ מין כעס! ער האָט דאָך איר ממש אָנגעהויבן באַליידיקן! די אויגן האָבן ביי אים אָנגעהויבן שפּריצן ממש מיט פייער! די ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן:

— וואָס דרייסטו מיר אַ קאָפּ! איך האָב דאָך דיר געזאָגט זאָלסט מיט קיינעם ניט איבערריידן וועגן דעם! צוליב וואָס גייסטו פרעגן וועגן זיי? עס וועט זיך נאָך צו זיי דערטראָגן, וועלן מיר נאָך האָבן צרות! איך וויל זיך מיט זיי ניט אָנהויבן! דו קענסט זיי ניט! זאָלסט מער גאָרניט רעדן, דו הערסט?!

די פרוי האָט זיך אַביסל פאַרלוירן:

— אָבער האָב רחמנות אויף די קינדער! זיי וועלן עס דאָך ניט אויסהאַלטן! זיי האָבן דאָך זיך אַזוי ליב! און וועגן יחוס? וואָס זענען מיר דען אַליין פון דער היים?...

— עס וועט גאָרניט זיין! איך האָב עס דיר שוין געזאָגט! איך וועל ניט דערלאָזן זיי זאָלן זיך זען! אויך פון צווייטן צד וויל מען ניט! זיי געפעלט ניט אונזער יחוס.

— עס איז בלויז זי! ער וואָלט געוואָלט דער שידוך זאָל צוזאַמענקומען!

— ווער איז ער עס? איך וויל אים אפילו ניט פאַר קיין מחותן!...

— האָסט דאָך אַמאָל פון אים געהאַלטן!...

— נעם מיך ניט אויף קיין קרייץ־פאַרהער! עס וועט גאָרניט זיין, האָב איך דיר געזאָגט, אפילו ווען די וועלט זאָל אונטערגיין!...

עס האָבן זיך דערהערט טריט. מנחם איז אריינגעקומען און אונטערגעפייפט אַ קובאַנער לידל. דער פאָטער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, און זיך געווענדעט צום זון:

— אזוי שפּעט?

— ווען בין איך דען געקומען פריער?

— אינדערפרי קען מען דיר ניט דערוועקן!

— וואָס טשעפּעסטו זיך שוין ווידער, פּאַפּאַ?

— מיט איר ביסטו עס געווען?

— נו, יע, מיט איר, איז וואָס?

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, זאָלסט איר ניט פאַרדרייען דעם קאָפּ! עס וועט גאָרניט זיין!...

— פּאַפּאַ, וואָס האָסטו זיך אזוי איינגעשפּאַרט? עס איז ניט אין דער אַלטער היים, דאָרט ביי דיר!...

— דערוועיל האָב איך נאָך צו זאָגן!

— מאַמאַ, פּאַפּאַ, איך האָב איר ליב, און מיר וועלן חתונה האָבן!...

— כל זמן איך וועל לעבן, וועט עס ניט געשען! און שטיל זאָל זיין! אַז אַ טאַטע זאָגט ניין, איז ניין! איך ווייס בעסער פון דיר!

מנחם האָט אָנגעהויבן רעדן, אַפּעלירן צו דער מוטער. און בשעת מעשה דערפילט, אַז אויך זי, די מוטער, איז הילפלאָז קעגן דעם פאָטערס קאַפּריז.

ער איז אַריין צו זיך אין צימער. די עלטערן האָבן געפּרואווט זיך אונטערהערן, די מוטער האָט געזוכט אַן אויסרייד אויף עפּעס צו רעדן צום זון, און אים אַ פרעג געטאָן, צי וויל ער ניט אַמאָל עפּעס אַ טרונק? ער האָט ניט געענטפערט. האָט זי אַ עפן געטאָן די טיר און אַ שמייכל געטאָן אויף דעם וואָס די מחשבות האָבן איר אָפּגענאַרט... ער איז געלעגן אויפן בעט און סתם אזוי געקוקט אין דער הויך, צום סופיט.

זי איז צוריק ארויסגעגאַנגען און פאַרבייגייענדיק שטיל צום מאַן אַ שעפּטשע געטאַן עפּעס, וואָס האָט אים געמאַכט אויפציטערן...

— דאָס קינד וועט זיך נאָך אַנטאָן אַ מעשה, געדענק!...

ער איז געבליבן אַליין מיט זיינע געדאַנקען. אין די אויגן האָט אים אָנגעהויבן ווי צו שווינדלען. די עלעקטרי האָט אים געשטערט, געפּינטלט אין די אויגן. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער אויסגעלאָשן דאָס ליכט... די אַלע איבעריידן מיט דער פאַמיליע זענען אים איצט געפאַלן זייער שווער. דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק ווייַ צו טאָן. וואָלט ער זיך כאָטש געקענט פאַר וועמען אויסרעדן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, דערציילן דעם גרויסן סוד, וועגן דעם, וואָס עס איז מיט אים אַמאָל געשען אין אַ מאָמענט, ווען מען טראַכט ניט וועגן די צוקונפטיקע קאָנסעקווענצן... מענטשן זענען אים מקנא, אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן, זיין וואָרט איז אין ביזנעס אַ געזעץ, זיך ארויפגעאַרבעט אויף אַ גוטן נאָמען, און דאָ נאַדיר גאָר אַ פאַמיליע צרה! איבער אַ זאַך וואָס ער האָט זיך קיינמאָל ניט אריינגעטראַכט, אַז עס קען געשען!... עס זענען דאָ הונדערטער און הונדערטער מיידלעך, איז פּונקט דאַרף עס זיין די... אַך, ווי דער שיקזאַל איז אָפטמאָל גרויזאַם!... מען קען דאָך ממש פון זינען ארונטער! און ווער ווייסט דען, וואָס איך לעב איצט איבער?...

הער פּוטערפּאַס איז אַזוי אָפּגעזעסן שטונדן און געטראַכט.

די פרוי האָט אים אַ רוף געטאָן:

— אפשר וואָלסטו אריינגעקומען, און אינאיינעם זאָלן מיר זיך אדורכשמועסן? עס איז דאָך שוין צייט צו גיין שלאָפן.

געטראַכט האָט זי בשעת מעשה: ווער קען דען שלאָפן? און וואָס טראַכט ער דאָרט? און אפשר אים טאַקע גאָר לאָזן אַליין זיך באַטראַכטן, ער זאָל אַרויס פון זיין עקשנות!

ער האָט אָפּגעענטפערט, זי זאָל דערווייל אַליין שלאָפן, ער וועט באַלד קומען.

און ווידער האָבן אים די מחשבות גענומען אויפגיין און פייניקן. ער דערמאָנט זיך, ווען ער איז אָנגעקומען קיין קובא, מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, אַליין אַ יונגער בחור, אַן אימיגראַנט, האָבן זיי דאָן געוואוינט עטלעכע אין איין צימער, מען האָט אונטערגעהונגערט, ער איז ארומגעגאַנגען מיט אַ שווערן פּאַק און געפּעדלט. זי, דבורה, די הייננטיקע פרוי פּערלמאַן, איז דאָן געווען אַ מיידל אַ ברען! אויך זי האָט געוואוינט אינם אימיגראַנטן צימער. זי האָט ליב געהאַט מיט אים צו שפּאַסן, און נאָך ווי צו

שפּאַסן! עס זענען געווען אַנדערע, וואָס האָבן זיך געזוכט מיט איר צו טשעפּען, האָבן זיי געכאַפּט אַן אָפּשניט. בלויז אים האָט זי דערלויבט. פאַר־קערט, זי פלעגט אים אפילו פּראָוואָצירן, זיך אַליין איינגעלאַדן מיט אים צו גיין אין קינאָ. אָפּטמאָל האָבן זיי זיך אפילו דערציילט און געטיילט וועגן זייער איינזאַמקייט אינם נייעם לאַנד. אינצווישן צייט איז עפּעס געשען. עס איז געקומען אומגעריכט. ער איז אַמאָל אַהיימגעקומען בייטאָג, זי איז געווען אַליין אין צימער, זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט. ער האָט זיך בלויז צוגעזעצט סתם אַביסל אַ שמועס צו טאָן. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנ־געהויבן פלעכטן זייערע פינגער, אָנגעהויבן רעדן האָט מען פון דעם אומ־שולדיקסטן, פון דער קובאַנער זון ווי זי באַקט, ביסלעכווייז זענען זיי אַרויפגעקומען אויף דער טעמע, אַז אַ מאַן קען דאָ ניט זיין אַליין. אויך זי האָט צוגעגעבן, אַז עס איז דאָ אַ לאַנד פון „היים־בלוט“... זיי האָבן אָנגע־הויבן שמועסן וועגן די גראַטעס, דורך וועלכע דער קובאַנער בחור דאַרף רעדן מיט דער מיידל, און ווי די פרוי דאַרף שטענדיק גיין מיט אַ באַגלייי־טערין. אַ היציק לאַנד...

זיי האָבן ביידע דערפילט, אַז אזוי רעדנדיק וועגן די ענינים, זענען זיי אַליין שוין ביי דער צייט...

ער האָט בלויז געהערט אירע ווערטער, וועלכע זענען געקומען פון אַ שיין שמייכלדיק פּנים:

— מיר וואָלטן שוין אויך גענדאַרפט גראַטעס!...

עס איז שוין שפּעט ביינאַכט. אין די געדאַנקען פאַרשעלט ער יענע מינוטן פון גלוסטעניש. ער פאַרדאַמט אפילו איר! זי איז שולדיק! זי האָט זיך געדאַרפט ווערן! ער איז דער מאַן! ווען זי וואָלט זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט, וואָלט איצט ניט געווען קיין טראַגעדיע! יאָ, זי איז שולדיק! אַ פרוי זאָל אפילו ניט פרעגן, ניט רעדן פון הייראַטן, נאָר אַזוי זיך איבער־געבן! אַ לייטישע פרוי טוט אזוי ניט! זי האָט דאָך אים אפילו ניט אָנגע־זאָגט דערנאָך, אַז זי גייט חתונה האָבן! ער וואָלט סיי ווי דאַן מיט איר ניט חתונה געהאַט! ער האָט גאָרניט געטראַכט דערפון! און ווידער דערמאָנט ער זיך, אַז זי איז איינמאָל בלויז צו אים צוגעקומען און אים אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב געמוזט שנעל חתונה האָבן, ווייל איך טראָג פון דיר אַ קינד!...

— פון מיר?...

— נאָר וואָס איז דיר דער אונטערשייד? עס וועט זיין מיינס און דיין מאַנס! פאַרגעס אין דעם! נאָר רעד ניט פאַר קיינעם וועגן דעם, וואָס

עס איז צווישן אונז געשען! מיר זענען ביידע דאַן געווען אַזוי נאַריש... איך בין געווען אַ גרינע...

זי האָט אים אפילו ניט געגעבן קיין געלעגנהייט זיך אַריינצוטראַכטן אין דער גאַנצער זאַך. און ווי האָט ער דאַן געקענט אַרויסזען די קאָנסעקווענצן... ער אַליין האָט דאָך אויך אינקורצן חתונה געהאַט, זיך אָנגעהויבן אַרויפאַרבעטן, די געשעפטן האָבן פאַרנומען די גאַנצע ליידיקע צייט. עס האָט אויך אָנגעהויבן קומען פאַמיליע, אַזוי אַז ער איז מיט זיך אַליין געווען פאַרנומען, כמעט אויפגעהערט טראַכטן וועגן יענער געשעעניש, וואָס האָט דאַן אויף אים ניט געמאַכט קיין איינדרוק. עס געהערט דאָך צו די אַלע שטות'ערייען פון דער יוגנט־צייט, פון די אימיגראַנטן יאָרן! איז דען ביי אַנדערע ניט געשען אַזעלכע זאַכן? מען איז געווען יונג, זיך באַגעגנט מיט מיידלעך. איז ער דען דער איינציקער? ער האָט זיך אפילו אָנגעהויבן טרייסטן דערמיט, אַז עס זענען אויך דאָ אַנדערע... ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין איצטיקער טראַגעדיע אין זיין פאַמיליע לעבן. דאָס איז דאָך בלויז זיין טראַגעדיע! ער טאָר ניט דערלאָזן צום שידוך! עס וועט דאָך זיין אַ פאַרברעכן! אָבער ווי דערלאָזט מען ניט, ווען ער הויבט אָן פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס? וואו געפינט מען אַן עצה? אפשר אַוועקפאָרן?... ער וואָלט שוין גרייט געווען אויפצוגעבן די געשעפטן, אָבער ווי אַזוי פירט מען דאָס אַלעם אַדורך? עס קען דאָך ערשט ווערן פאַרדעכטיקט דער גאַנצער ענין! און טאָמער שפּאַרט זיך דער זון איין, אַז ער פאָרט ניט! ער האָט שוין אפילו געפּרואווט רעדן מיט איר, זיין געוועזענער, זי זאָל זען וויקן אויף איר מאַן, ער זאָל אַוועקפאָרן. אויך זי האָט מורא אַזוי וויט צו גיין! עס וועט נאָך קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע!...

די יסורים הערן אים ניט אויף צו פייניקן. ער טראַכט אפילו, אַז דאָס בעסטע וואָלט אפשר געווען, ווען ער הענגט זיך אויף אַ שטריק אויפן האַלז. איז וועט עס בלויז ביי אים אַליין לייזן דאָס פּראָבלעם, די גאַנצע זאַך, די טראַגעדיע וועט דערפון ניט געמינערט ווערן. ווען זי דאָרט וואָלט געווען גענוג שטאַרק ניט צו דערלאָזן, וואָלט ער שוין גרייט געווען פאַר דעם שריט... עס קען בלויז געשען, אַז די גאַנצע זאַך זאָל פאַר אַלעמען אויפגעדעקט ווערן. דאָס וואָלט דאָך שוין געווען די גרעסטע טראַגעדיע! ווי אַזוי וואָלטן זיי זיך געקענט אָפּוואַשן פון דעם פלעק?...

אַ נייע מחשבה איז אים אַרויפגעקומען אין די געדאַנקען. זי האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, און דאָך ווי אַ מעסער זיך איינגעשניטן אין לייב, טיף אינעווייניק — ווען איינער פון זיי זאָל שטאַרבן?...

ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע געדאַנקען. ער האָט אפילו אויפן מאָמענט ניט באַוויזן תופס צו זיין, וועד פון זיי עס וואָלט געדאַרפט זיין דער קרבן... ער האָט זיך אַליין אַ ריס געטאָן דאָס פנים ביז צום קאָפּ האָר. נאָך דאָס האָט מיר געפעלט! איך בין שוין באַלד אויך אַ קאַלט־בלוטיקער מערדער אויף מיינע אייגענע קינדער!... אָט וואוהין איך בין פאַרקראָכן!...

— 2 —

פרוי פערלמאַן איז געשטאַנען ביים טעלעפאָן און זיך ניט געקענט באַ־שליסן, צי זי זאָל אָנקלינגען צו משה פוטערפאַס, צו ניט. עס האָט ביי איר געציטערט די האַנט, טאָמער גייט עמעץ אַנדערש ארוים צום טעלעפאָן און מען וועט איר דערקענען. די גאַנצע זאַך איז שוין אזוי אָנגעשרויפט, עס איז שוין באַלד אַ בלאָטער צום פּלאַצן! ער דאַרט קען גאָרניט אויסגעפּי־נען אויף צום שטערן דעם שידוך! ער איז אַ שוואַכלינג! ווען זי האָט זיך אַמאָל איבערגעגעבן, מישטיינסגעזאָגט!... אַז אַ מענטש פאַרלירט דעם שכל!... זי האָט אַ טראַכט געטאָן אין אים, אַז ער קען נאָך אַמאָל ארויס־קומען מיטן אמת... און דער אמת טאָר קיינמאָל ניט אויסוואַקסן! מענטשן האָבן פיינט דעם אמת!... דער אמת פירט אַמאָל צום אָפּגרונט! זי האָט צופיל אַדורכגעמאַכט, זי זאָל איצט לאָזן איר לעבן צום אָפּגרונט! דער אָפּגרונט וועט אויך ניט אויסמיידן איר קינד, דאָס איינציקע קינד וואָס זי האָט און איז ניט פון אייגענעם מאַן, נאָר פון אים, וואָס קען אפילו איצט ניט אויפנעמען און לייזן דאָס פּראָבלעם. זי פאַרשטייט אפילו ניט, ווי אזוי ער האָט איר אַמאָל געקענט אויף אַ מינוט געפעלן ווערן! זי האָט ליב איר מאַן, ער איז פאַרשטענדלעך. געוועז אַ צייט, ווען ער האָט גערעדט וועגן נאָך אַ קינד, האָט זי אים לייכט איבערצייגט, אַז מען דאַרף ניט, און אַז זי וועט עטעס אַן אַלע מיטלען עס זאָל מער קיין קינד ניט קומען. ער גלויבט עס און טראַכט זיך אפילו ניט אַריין... ער פאַרשטייט איר, ווי זי וויל ער זאָל איר פאַרשטיין. בלויז איצט האָט זי מיט אים שטרייטן, ווייל אויך ער וויל ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס געפעלט איר ניט דער שידוך. עפעס בעסערס האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקענט ווינטשן!

זי האָט דאָך באַשלאָסן אָנצוקלינגען משה'ן אויפן טעלעפאָן. זי האָט דערהערט זיין שטימע און האָט אזש אויפגעציטערט.

— דו בינסט עס?

— איך, וואָס איז דאָס קלינגען? פאַרוואָס ביסטו ניט פאַרזיכטיק? וועסט נאָך אַלעמען ברענגען אַ צרה!

— די גרעסטע צרה ביסטו אַליין! ביסט אַ שמאַטע! אַ מאַן זאָל זיך ניט קענען קיין עצה געבן!...

— וואָס זאָל איך טאָן?...

— גאָרניט! גאָרניט! זאָלסט זיך בלויז האַלטן פעסט און ניט עפּעס ארויספּלוידערן!

— איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט...

— האָסטו עפּעס אויסגעטראַכט?

— גאָרניט! און דו?

— איך יאָ!

— איך וועל אויסטראַכטן אַ קראַנקהייט אויף דיין זון!...

— וואָס פאַר אַ קראַנקהייט?

— פון די, וואָס זענען די ערגסטע פאַר אַ פרוי...

— אוי ווי איז מיר!...

— אויקע ניט אזוי פיל! עס וועט אים ניט שאַטן! מיין טאַכטער איז אַ פאַרשטענדלעכע! אויך פאַר מיין מאַן וועל איך באַזונדערס אויפקלערן דעם סוד, אַז איך האָב עס ביי דיר אַליין ארויסבאַקומען, ווייל דו האָסט ניט געוואָלט מיין טאָכטער זאָל אומגליקלעך ווערן! אָך, ניין! אויך דאָס ניט! איך וועל מיין מאַן זאָגן, אַז האָסט מיר פאַרטרויט דעם סוד, ווייל דו ווייסט און האָסט מורא, אַז דערנאָך, נאָך דער חתונה, זאָל זיך ניט אויפדעקן, אַז דיין זון איז שטאַרק קראַנק און האָט גאָרניט געטאָרט איצט חתונה האָבן... עס איז בעסער ער זאָל קיינמאָל ניט חתונה האָבן...

— איך האָב מורא...

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן! מען דאַרף בלויז געווינען צייט און אויסמיידן די איצטיקע געפאַר! איך קען מיין טאָכטער, זי וועט מיר פאַר־שטיין און וועט האַלטן די גאַנצע זאַך ווי אַ סוד! איך וועל עס איר געבן צו פאַרשטיין!

— און טאָמער זאָגט זי עפּעס וועגן דעם מיין זון? זי קאָן דאָך נאָך אין כעס ווערן אויף אים, פאַרוואָס ער האָט עס פון איר באַהאַלטן? זי קען נאָך אין אים נקמה נעמען!...

— זי וועט עס ניט טאָן! איך קען איר בעסער ווי דו! לאָזט עס צו מיר!

— איך ווייס דיר ניט וואָס צו זאָגן...

— איך פרעג ביי דיר ניט! איך זאָג דיר בלויז זאָלסט וויסן! עס קען בלויז געשען, דאָס מיין טאָכטער, צום איבערצייגן, זאָל איך מוזן האָבן דיין הילף!

— כ'וויים דיר ניט וואָס צו זאָגן...

ווען משה פוטערפאַס האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן, איז ער אינגאַנצן געווען צעטומלט. קריכט ער אַמאָל ווידער ניט אין עפּעס אַ פּלאָנטער? גייט ער אַמאָל ניט מיט די אייגענע הענט דערטרינקען זיין זון?... עס איז דאָך אַזוי שווער צו באַנעמען די זאַך! ווער ווייסט ווי די גאַנצע זאַך קען זיך אַמאָל פאַרפּלאָנטערן! איין זאַך ווייסט ער בלויז, ער באַוואונדערט איר פאַר די איינפאַלן! מען זאָגט, אַז די פרוי איז שוואַך, נאָר אַז עס קומט צו אַן ערנסטן פּראָבלעם איז נישטאָ קיין בעסערס ווי די פרוי... זיי פאַרלירן קיינמאָל ניט דעם קאָפּ! אים אַליין איז גאָרניט איינגעפאַלן אַזאַ מין זאַך! אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט און זיך ניט געקענט דערטראַכטן צו אַזאַ מין זאַך! עס קען דאָך זיין, אַז ווען ער קומט צו דעם פּלאַן און ער רופט איר אָפּ, וואָלט זי געווען איינשטימיק. נאָר ער וואָלט די זאַך אוועקגעשטעלט פאַרקערט... אָך, ניין! מיט זיין זון קען מען ניט אָנווענדן אַזעלכע זאַכן! ער וואָלט זיכער זיך ניט איינגעהאַלטן און איר עס פאַרגעוואָרפן! עס איז שוין טאַקע בעסער אַזוי...

די גאַנצע בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין פון דער נייער איבערלעבעניש, פון דעם נייעם פּלאָנטער, וואָס האָט זיך איצט געדרייט אין זיין מוח ווי אַ ראָד, וואָס שלעפּט אַ שווערע משא, און ער אַליין שלעפּט זיך נאָך דעם ראָד און קען זיך ניט אויספּלאָנטערן...

* * * *

אין אַ צייט אַרום האָבן שוין אַלע אין האַוואַנאַ געוואוסט, אַז פון דעם שידוך צווישן די פערלמאַנס און פוטערפאַס, איז גאָרניט געוואָרן. מענטשן האָבן קאָמענטירט:

— היינטיקע יונגוואַרג!

— גיי פאַרשטיי זיי!

— אַזאַ גרויסע ליבע האָט זיך אויסגעוויזן...

— וואָס פאַר אַ שוואַרצע קאַץ איז דאָס פאַרביי געלאָפן?...

מען האָט זיך געלערנט טרעפן, געמאַכט פאַרשידענע קאָמענטאַרן, געצויגן שלוסן. עס זענען אפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן דער-

ציילן גאַנצע געשיכטעס, אַזעלכע מעשיות, וואָס האָבן זיך ניט געלייגט אויפֿן שכל, אַז ער, דער חתן, איז געוואָר געוואָרן, אַז זי האָט אַ שגץ פּאַר אַ געליבטן; אַז זי האָט שטילערהייט געהאַט אַן אַנדערן... אַנדערע האָבן דערציילט די זאַך גאַנץ אַנדערש, אַז זי איז געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט אַ קובאַנער שיקסל, וועלכע ער רעכנט אפילו אַנצוהאַלטן נאָך דער התונה... אַ סימן, זי מיידט אים אויס און גייט אפילו אַליין ניט אַן דער מאַמען... די מוטער איז איר שטענדיקע באַגלייטערין געוואָרן...

גוטע פריינט פוןביידע פאַמיליעס האָבן פון צייט צו צייט געזוכט אַרויפצופירן אויף אַ געשפּרעך, און קיינמאָל ניט געקענט עפּעס אַרויסבאַקומען. עס זענען אפילו דערגאַנגען צו די עלטערן פאַרשידענע קלאַנגען פון דעם, וואָס די גאַס טייטשט אַלץ אויס, נאָר דעם עצם סוד האָט עס ניט אַנגערירט... דאָס אַליין האָט שוין געמיינט צופרידנקייט... עס האָט דאָך געקענט זיין אַ סך ערגער!...

בלויז מנחם האָט זיך ניט געקענט שענקען דאָס, וואָס זי האָט אים פלוצלונג איבערגעלאָזט. ס'האָט אים פאַרדראָסן דאָס, וואָס זי, האָט מיט אים שטענדיק גערעדט וועגן איר גרויסער ליבע צו אים, און דאָ פלוצלונג יויל זי אים מער ניט זען... זי האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון איר מאַמען!

זיין שטאָלץ איז דאָ אַנגעגריפן געוואָרן! די יונגע בלוט האָט ניט געקענט איינרוען! ער וועט עס ניט שווייגן! זי האָט אים אַמאָל געזאָגט: אַז זי וועט ניט אַריבערטראָגן, אויב ער זאָל חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער... יאָ, ער וועט עס טאָן ביי דער ערשטער געלעגנהייט... ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן איינער פון די מיידלעך, וואָס האָבן זיך אים געוואָרפן אין די אויגן אַריין. פעסעלע וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען ער זאָגט איר עפּעס! פעסעלע איז ניט קיין מיאוסע. דער פאָטער וועט מער ניט האָבן וואָס אויסצוזעצן. זי וועט אים געפעלן. עס איז גאָר קיין פראַגע ניט! ער וועט עס מאַקע טאָן באַלד, ביי דער ערשטער געלעגנהייט... און פעסעלע איז דאָך אירס אַ חברטע, דאָס וועט איר ברענגען...

די פאַמיליע פוטערפאַס איז געווען צופרידן, ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז זייער זון מנחם האָט שוין פאַרגעסן אין דער פערלמאַן און גייט שוין מיט אַנדערע מיידלעך. עס האָט זיך געדאַכט, די וועלט גייט אונטער! און אַט שוין! גיי פאַרשטיי זיי, די היינטיקע יונגוואַרג, די קובאַנער!... ליבעשטיבע, אַ מיידל... וואָס איז דער אונטערשייד?...

אָט אַזוי האָבן זיי געטראַכט, און פוטערפאַס אַליין האָט אפילו ניט תופס געווען, אַז דער דאָזיקער איבערגעאיילטער שריט טויג פאַר אים ניט

ער האָט גאָר אַזוי ווייט ניט אַריינגעטראַכט... וואָס איז דען דאָ צו טראַכטן? די מיידל מיט וועלכער מנחם גייט, איז אים צום האַרצן. ער האָט שוין אַפילו וועגן דעם אַ רעד געטאָן מיט זיין פרוי, און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב עס האָט זיך שוין אַזוי אויסגעלאָזן, בין איך צופרידן, אַז דיר געפעלט שוין דאָס מאָל...

מנחם האָט געפילט, אַז אין שטוב איז מען צופרידן מיטן אויסוואַל. ער איז מיט איר אַרויפגעקומען אין שטוב און מען האָט איר אויפגענומען ווי אַן אייגענע. דער פאָטער אַליין האָט אויך אָנגעהויבן געבן כיבוד, זייד־טיק אַריינוואַרפן אַ וואָרט. פון וועלכן דאָס מיידל האָט זיך געריוטלט. אויך מנחם האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער פאָטער האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון זיין זון. ווי געראָטן ער איז! ער לאָזט זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע אַריין... ער האָט שוין אַ צווייטע...

וואָכן זענען פאַרבייגעגאַנגען. אין שטאָט האָט מען שוין אָנגעהויבן רעדן פון צווייטן שידוך. מען האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן מאַכן פּלענער פאַר דער חתונה. גוטע פריינט האָבן אַפילו געפּרואווט אונטערטראָגן רכילות׳לעך צו די עלטערן פון דער מיידל, אַז דער פריערדיקער שידוך מיט די פּערלמאַנס איז ניט צושטאַנדגעקומען, ווייל מנחם האָט ערגעץ אַ שיקסע, און אפשר שוין עפּעס מער ווי דאָס... זיי, פון זייער זייט, האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז סתם רכילות פון ניט פאַרגינער! זיי קענען מנחמען, זיי קענען זיין מיינונג וועגן די זאַכן! עס זענען בלויז די בייזע צינגער, די ניט־פאַרגינערס! עס איז אייביק אַזוי, ווען עס קומט צו אַ שידוך! אין דער אַלטער היים איז דאָך אויך געווען אַזוי! דאָס איז די אַרבעט פון די גוטע פריינטלעך!...

ווען עס איז צו דער פרוי פּערלמאַן דערגאַנגען אַז עס רעדט זיך שוין ביי די פּוטערבאַס וועגן אַ חתונה צווישן מנחמען און פּערעלען, איז עס פאַר איר געווען ווי אַ שטיין, וואָס וואָלט אַראָפּגעפאַלן אויף איר קאָפּ. אויף אַזאַ מין זאַך האָט זי זיך ניט געריכט! זי האָט אַפילו פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל מען אָפּטאָן איר טאָכטער! זי האָט אַפילו פאַרשטאַנען מנחמס נקמה! זי האָט דאָך מער פון אַלץ פאַרשטאַנען אַז עס איז אַ שפּיל מיט פייער! אַ שפּיל פאַרן טייוול! ווי זאָל זי פאַר דער טאָכטער אַזאַ מין זאַך פאַרענטפערן, נאָך דעם ווי זי האָט איר פאַרזיכערט, בסוד סודות, אַז ער, מנחם, טאָר ניט חתונה האָבן, ער וועט אומגליקלעך מאַכן די מיידל אויפן גאַנצן לעבן! ניט קיין קליניקייט, אַזאַ מין קראַנקהייט!... און דאָ, נאַדיר גאָר אַ נייע חתונה!... און נאָך מיט איר חברטע!... טרערן האָבן זיך איר געשטעלט

אין די אויגן. ווי גרויזאַם דער שיקזאַל איז צו איר! וואָס האָט זי אַזוי פיל געזינדיקט, אַז זי זאָל אַזוי געשטראָפט ווערן?...

און טאַטער איז דאָס נאָך ווייניק, איז די טאָכטער צו איר געקומען.

— מאַמע, איך מוז פּעטעלען וואָרענען וועגן דעם!

— מיש דיר ניט!

— וואָס הייסט, מיש זיך ניט? זי איז דאָך מיינס אַ חברטע!...

— וואָס פאַר אַ חברטע איז זי דיר? זעסט דאָך, אַז זי איז דיר אַפילו ניט געקומען פרעגן! זי האָט מורא געהאַט, אַז דו זאָלסט אים צוריק ניט אויסכאַפּן!...

— זי וועט דאָך אומגליקלעך ווערן!

— זאָל זי!...

— אָבער מאַמע, עס וועט דאָך דערנאָך אַרויסקומען, און עס איז מיר ניט שיין!...

די מוטער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. אויף דעם האָט זי אַליין ניט אויסגערעכנט, אַז דערנאָך וועט ניט זיין קיין פאַראַנטפערונג פאַר דער טאָכטער... די טאָכטער איז אַ פאַרשטענדלעכע, און די גאַנצע זאַך קען פאַר איר דערנאָך קלאָר ווערן. דער פאָטער זאָל אויף זיין אייגענעם זון אויסקלערן אַזאַ מין זאַך! און צוליב וואָס? זי האָט זיך באַטראַכט, אַז עס וואָלט גוט געווען, ווען זי זאָל קענען זיך אַדורכרעדן מיט פּיטערפּאַסן אַליין אויג אויף אויג. וואָס דענקט ער זיך דאָרט, דער אידיאָט? און אויב שוין יאָ, האָט געמוזט געשען, אַז די טאָכטער זאָל פריער הייראַטן!

אַזוי טראַכטנדיק, איז זי געקומען צום באַשלוס, אַז זי מוז זיך מיט אים טרעפן. עס איז ניט קיין זאַך פאַרן טעלעפאָן. זי האָט אים בלויז אַ רוף געטאָן אויפן טעלעפאָן, אַז זי מוז אים אומבאַדינגט זען.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ צופעליקע. דאָך האָבן זיי זיך געפילט ביי זיך ווי גנבים, וואָס גייען וועמען באַגנבענען...

זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן שנעל, זייער שנעל:

— דו האָסט ניט געטאָרט דערלאָזן צו דעם שידוך איצט!

— וואָס האָב איך געקענט טאָן?

— וואָס דו האָסט געקענט טאָן? דו, אידיאָט וואָס דו בינסט!

ער האָט זיך אַזש איינגעבויגן פון איר **כעס**. די אויגן האָבן ביי איר געבליצט מיט שנאה. די ליפּן האָבן זיך **געטרייסלט**. ער האָט געפּרוּווט שווייגן. זיך געפילט ווי אַ אומבאַהאָלפענער. דאָס **וואָס** זי רופט אים:

אידיאָט האָט אים איינגאַנצן צערודערט. דאָס ערשטע מאָל וואָס ער הערט פון איר אַזעלכע ווערטער. ווען אַ צווייטער זאָגט עס אים, וואָלט ער עס קיינמאָל נים מוחל געווען! אַפּילו אין זיינע געשעפטן איז אים קיינמאָל נים אויסגעקומען צו הערן אַזאַ מין וואָרט. פאַרקערט, מען האַלט אים פאַר איי־נעם פון די קלוגע און דערפאַלגרייכע ביזנעסלייט.

זי האָט אים געשפּיזט גלייך אין די אויגן אריין:

— וואָס רעדסטו גאָרניט?! וואָס זאָגסטו ניט עפּעס, אידיאָט?! וואָס שווייגסטו?...

ביי אים האָט זיך די צונג אָנגעהויבן פּלאָנטערן:

— ווּאָ־ס ז־אָ־ג־ן?... עס טויג ניט! שוין געזאָגט אין שטוב, אַז דער שידוך איז גוט!...

— האָסט שוין באַשטאַנען אויפן שידוך? דער שידוך געפעלט דיר? דו אידיאָט, דו!... האָסט גאָרניט געטראַכט, וואָס עס וועט זיין שפּעטער? האָסט פאַרגעסן, וואָס מיר האָבן געטאָן מיט אונזער טאָכטער? פילסטו טאַקע גאָרניט צו איר, דו אידיאָט?... טראַכסט בלויז וועגן דיר, און טראַכסט ניט, אַז זי וועט געוואָר ווערן, אַז מיר האָבן איר גענאַרט!... אַז ער איז געזונט, און מיר האָבן בלויז געחוזקט פון אירע געפילן... זי וועט עס נים אויס־האַלטן!... זי וועט עס ניט קענען איבערלעבן!...

ער האָט זיך געפילט אינגאַנצן אַ דערשלאָגענער. ער האָט שוין אַליין אויך דערפילט, אַז ער זעט אויס ווי אַן אידיאָט. די אויגן האָבן אים אָנ־געהויבן נעצן. ער האָט געזוכט אַ רחמנות פון איר צו אים, און עס נים גע־פילט. זי איז געשטאַנען און אויף אים געקוקט מיט די אויגן, וואָס האָבן זיך אין זיינע געשפּיגלט ווי מיט מעסערס. ער האָט ווידער געפּרואווט עפּעס ארויסברענגען, און געבליבן אינגאַנצן צעטומלט. די ווערטער האָבן זיך ניט געקלעפּט...

— וואָס טוט מען? איך קען ניט אָפּשטעלן! נים געטראַכט טאַקע פריִ־ער. האָסט שוין איינמאָל געראַטעוועט, איז ראַטעווע ווידער!...

— האָסט געדאַרפט פריער וועגן דעם דענקען!...

— שיק זיי אַוועק אין אַ צווייט לאַנד!...

— איך ווייס ניט, ווי אַזוי עס צו מאַכן! און אפשר וואָלסטו גאָר אַוועקגעפאָרן? זאָל עס הייסן, אַז דו טוסט עס צוליב דער טאָכטער...

— מיין מאַן וועט זיך ניט לאָזן צעברעכן!...

מיט איינמאָל האָט עפּעס ביי אים אין מוח אַ בליץ געטאָן. עפּעס אַ געדאַנק, דורך וועלכן מען קען פאַרדינען אַ סך צייט! צייט היילט אַלץ!... נו, יאָ, ער מוז דאָך אויך עפּעס אויסגעפינען! ער קען דאָך ניט בלייבן דער אידיאָט!... ער האָט פּלוצלונג אַ שמייכל געטאָן. זי האָט עס אויפגעכאַפּט ווי די לעצטע הילף.

— וואָס איז? וואָס שמייכלסטו? עס גלוסט זיך דיר נאָר לאַכן?...
ער האָט זיך אויסגעגלייכט.

— אָט איז עס! איך וועל אָפּקויפן געוואונענע לאָטעריי צעטלען. דו וועסט געווינען צוואַנציק טויזנט דאָלער! וועסט זיי געבן דעם מאַן דיי־נעם. ער זאָל עס אליין איבערבייטן. דערנאָך וועסטו מיט דיין טאָכטער מאַכן אַ לוסט־רייזע, אַ רייזע, וואָס זאָל דויערן אַ לאַנגע צייט. וועסטו אַ זוך טאָן אין וועג. דו קענסט פאַר איר געפינען אַ חתן אין אַמעריקע, אָדער ערגעץ אַנדערש. ווען דו זאָלסט וועלן, וועסטו דאָרט ערגעץ איר פאַר־הייראַטן. די צייט מאַכט פאַרגעסן אין אַלץ! יאָ, צייט און געלט קענען אַלץ אויסהיילן... דו קענסט נאָך אינצווישן צייט איר צוגרייטן, אַז עס איז געשען אַ נס מיט מיין זון! אָבער טו עס דאָן, ווען זי וועט שוין זיין פאַר־הייראַט, פאַרשטייסטו?...

זי האָט אָנגעהויבן שמייכלען. אַ טרער האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּ־קייקלען. זי האָט אַ טראַכט געטאָן: פאַרוואָס איז איר ניט איינגעפאַלן אַזאַ מין זאַך? עס האָט איר שוין אפילו אָנגעהויבן פאַרדריסן פאַרוואָס זי האָט אים גערופן אידיאָט... זי האָט אים אפילו וועגן דעם געוואָלט זאָגן, און האָט דאָך עפּעס אַנדערש גערעדט:

— צוואַנציק טויזנט דאָלער וועסטו זיך לאָזן קאָסטן?...

— איז דען דאָ אַן אַנדער ברירה?...

אונטער די אומשטענדן איז עס דער איינציקער אויסוועג.

זי האָט נאָך געפּרואווט אָנווייזן, דערציילן ווי שווער עס וועט איר נאָך אויסקומען צו אַרבעטן, אַז דער נייער פּלאַן זאָל אַרבעטן. דאָס הייסט, אַז אַחוץ וואָס ער גיט בלויז די סומע געלט, פאַלט ערשט די ריכטיקע אַרבעט אויף איר. אָן איר, איז דאָס גאַנצע געלט גאָרניט ווערט...

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן שוין אַלע געוואוסט, אַז די פרוי פּערל־מאַן מאַכט אַ לוסט־רייזע מיט איר טאָכטער. אַ מזל פון גבירים!... ציען

אַרויס די לאָטעריי און מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט! זיי ווייסן גאָר אַליין ניט, וואו זיי וועלן אַליין אָנשפּאַרן... און דער לאָטעריי האָבן זיי דען ניט געקענט מאַכן אַ רייזע?... אַ גביר האָט עס מזל... נאָדיר גאָר אַ לאָטעריי! אַ גביר האָט די וועלט!...

בלויז פּוטערפּאַס אַליין האָט געטראַכט אין דעם לאַך, וואָס די לוסט־רייזע האָט ערגעץ ביי אים אין באַנק־ביכל איבערגעלאָזט, וואָס ער דאַרף גוט מאַכן, אַז זיין פאַמיליע זאָל זיך אַמאָל ניט כאַפּן...

דאָס לעבן לערנט, אַז מען דאַרף פּראַזיכטיק זיין — האָט ער געפּרואווט פאַר זיך אַליין מאַכן אַ חשבון הנפש.

ער האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן: וועט די לאָטעריי טאַקע זיין דאָס גרויסע געווינס פאַר אים? פאַר דער צייט קען ער ניט ערב זיין... ער האָט בלויז געוואונען צייט! און צייט איז דער בעסטער רופא, האָט ער אַמאָל געהערט פון זיין פאָטער...

ראָסיטאַ

ראָסיטאַ קען ניט איינשלאָפֿן. די איינזאַמקייט און בענקעניש האָבן אָנגעהויבן נאָגן די זיבעצן „אַברילעס". אין די געדאַנקען האָבן דריבנינקע פֿעדימלעך אָנגעהויבן זוימען.

צי וואָס האָט זי געדאַרפֿט דערלאָזן די עלטערן זאָלן איר ברענגען אין האַוואַנאַ? אמת, זי האָט עפּעס געפֿילט, אַז דאָס זיין אין קאַמפּ איז אַ שווע־רער שטיין פֿאַר די עלטערן, וועלכע האַלטן אין איין רעדן וועגן איר...

ניט איינמאָל איז איר אויסגעקומען אונטערצוהערן שמועסן אַזעלכע וועלכע זענען פֿאַר איר געווען פּרעמד, אומפֿאַרשטענדלעך און טיילווייז אויך לאַנגווייליק.

— וואָס וועט דאָ ווערן פֿון קינד? זי וואַקסט דאָך, קיין עין־הרע... מען דאַרף שוין באַצייטנס פֿון איר אָנהויבן טראַכטן, דאָס קינד וועט דאָך אויפֿלעבן, ווען ס'וועט קומען קיין האַוואַנאַ. און דאָ וואָס וועט פֿון איר ווערן? זי פֿירט, דאַכט זיך, אַ ליבע מיט כואַניטאָן. דו וועסט זען, ט'וועט נאָך קומען צו אַן אומגליק...

דער פֿאָטער פֿלעגט ביי די לעצטע ווערטער בלייך ווערן, און נערוויי־איש אָנהויבן רייבן די אויגן:

— ביסט גערעכט, פֿייגעלע. גענוג אָפּגעלעבט אין קאַמפּ. מ'דאַרף טאַקע זען זיך איינצואָרדענען אין האַוואַנאַ, צווישן אידן. ראָסיטאַ ווייסט דאָך אינגאַנצן ניט פֿון קיין אידישקייט. פֿופֿצן יאָר אָפּגעלעבט אין קאַמפּ איז גאַנץ גענוג!

און ווידער האָט זיך די מוטער דערנענטערט צום טאַטן:

— זי איז דעם זונטיק ווידער געגאַנגען אין קלויסטער מיט די חבר־טעס! זי האָט מיר נאָכהער געגומען נאָכדערציילן, וואָס דער גלח האָט גע־זאָגט וועגן די „בודיאַס".

דער פּאָטער האָט נערוויאיש אָנגעהויבן זיך דלובען די נאָז:

— נו, נו, ניט געפּערלעך! זי וועט זיך ניט שמדן! דאָ אין קובאַ כאַפּט מען ניט קיין נשמות...

— יאָ, אָבער ווי פרעמדט מען אָפּ פון זיך אַן אייגן קינד? דערנאָך ...

און אַט זענען זיי שוין אין האוואַנאַ.

ראָסיטאַ ליגט אויפן בעט. די יוגנט אין איר פילט זיך ווי אין אַ שטייג. שוין העכער אַ מאָנאַט ווי זי געפינט זיך אין האוואַנאַ, און נאָך אַלץ ניט געקענט שליסן קיין קאָנטשאַפט.

די אַלע „פּאַיסאַנאָס", וואָס קומען צו זיי אין שטוב, רעדן אַממייסטנס וועגן „נעגאָסיאָס", און קוקן אויף איר עפּעס אַזוי מאָדנע... זייער באַטראַכטן איר און די קאָמפּלימענטן זענען ניט פון די, וואָס זי האָט ליב און איז געוואוינט צו הערן.

— אַ געראָטן קינד ביי אייך, קיין עין־הרע.

— אַן אינטערעסאַנטן אויסזען.

— וואַקסט אַ קראַסאַוויצע.

— נישקשה, מיט אַזאַ מויד וועט איר ניט האָבן קיין דאגות, איר וועט זי פאַרצוקערן...

און אַז די געסט ווענדן זיך צו איר, איז גלייך „גואַבּיריטאַ"...

ראָסיטאַ פאַרשטייט ניט קיין איין וואָרט פון די געסט, וועלכע זענען עפּעס אַזעלכע מאָדנע...

ווען ניט ווען, כאַפּט זי אויף אַ אידיש וואָרט, וואָס איז איר קענטלעך. מיטן געבוירענעם פרויען אינסטינקט כאַפּט זי אויף, אַז דאָס האָט זיך געהאַנדלט וועגן „מבינות" אויף איר פּערזאָן.

זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, אָנגעצונדן די ליכט, צוגעגאַנגען צום שפּיגל.

אַן צווייפל, זי איז שיין. די האָר שוואַרץ, די אויגן אַש־קאָליר, נאָר די נאָז איז ביי איר אַביסעלע פאַרשפּיצט, און דאַכט זיך, עס האַרמאָנירט ניט מיטן אויסגעטאָקטן קערפּער. פון דער טאַליע איז זי אַליין אויך געווען צופרידן. און ווידער די פיס זענען אפילו אַביסל צו דיקלעך, ניט ווי ביי לואיסאַן, טאָמאַסיטאַן און לאַליטאַן...

זי פאַרגעסט אינגאַנצן אין דער שפּעטער נאַכט־שעה. זי הויבט אָן אונטערזינגען אַ ראָמאַנטיש לידל, טראַכטנדיק, ווי אַזוי דער געזונטער כואַ־

ניטאָ מיט די שפּיזיק פּייערדיקע אויגעלעך, פּלעגט איר מאַכן אַזעלכע שיינע קאָמפּלימענטן און זאָגן „פּאַלאַבריטאַס טאַן דולסעס“...

די מוטער אין צווייטן צימער כאַפּט זיך איבער:

— דו ביסט קראַנק, ראָסיטאַ?

— כ'בין נישט קראַנק, מאַמאַאיטאַ!

— וואָסזשע ביסטו אויפגעשטאַנען אינמיטן דער נאַכט?

— אַ חלום, מאַמאַאיטאַ!...

— אַ חלום? נו, זאָל עס זיין צו גוטן! נו, לייג זיך שוין צוריק, טאָכטערשע.

ראָסיטאַ האָט צוריק אויסגעלאָשן די ליכט, זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט.

עס האָט איר נאָך איצט מער ווי געטאָן ווי פריער... די יוגנט אין איר האָט זיך געקאָכט, געפּייניקט און געצונדן די בלוטן...

אָך, ווען עס וואָלט ווער געווען וואָס זאָל איר פאַרשטיין?...

זי האָט זיך דערמאָנט אין דער מוטערס פראַגע: „דו ביסט קראַנק?“ און איז אין כעס געוואָרן...

אין דער פאַנטאַזיע ביי איר האָט אַ שוועב געטאָן כואַניטאָ.

— פּאַלאָקיטאַ לינדאַ! פלאָרעסיטאַ!...

ראָסיטאַ איז איינגעשלאָפן...

אָפּגרונט

— 1 —

— דו גייסט? — האָט אַנטאָניאָ אַ שטעק געטאָן דעם קאָפּ צו די גראַ־טעם פון מיין פענסטער. די שפּרענקעלעך פון יונגן געזיכט האָט זיך ביי אים געבלעטלט, זיך אָפּגעשלאָגן אין גלאַנציקייט פון שוויס אויפן טונקל־הויטיקן פּנים.

— דו גייסט אויפן „וועלאָריאָ“? מערסעדעס איז שוין געשטאָרבן. קום! מען דאַרף צוגיין אונטערזיצן אין דער נאַכט. קום, דו האָסט דאָך ניט גע־זען קיין „וועלאָריאָ“! עס וועט דיר אינטערעסאַנט זיין! מען גיט קאַווע און ציגאַרן! און אַז עס וועט זיין מזל'דיק, גיט מען נאָך געבראָטן פלייש אויך! מען זאָגט, אַז מערסעדעס טאַטע האָט אַן אָקס געלאָזט קוילענען פאַר די אַלע וואָס קומען מנחם אבל זיין...

אַ גרופּע חברים זענען צוגעקומען, גאַרסיאַ, ראָדריגעז, גוטיערעס.

— דו גייסט, פּאַלאַקאָ? דו האָסט דאָך איר אויך געקענט, מערסע־דעס'ן! די פאַמיליע האַלט זיך דאָך זייער גוט מיט דיר! איז וואָס שטייסטו נאָך און טראַכסט? מען דאַרף צוגיין! עס איז ניט שיין!

איך האָב אַ טראַכט געטאָן: מען לעבט זיך זייער גוט אין דעם קו־באַנער פּראָווינץ שטעטעלע. שוין אַזויפיל יאָרן אַז מען קען זיך! די צוועלף יעריקע מערסעדעס איז אָפּטמאָל אריינגעקומען עפּעס קויפן, זיך געדונגען ווי אַ גרויסער מענטש און געזאָגט: דו פאַרקויפסט ניט אַזוי ביי־ליק ווי מען זאָגט, פּוילישער!... עס איז באמת אַ רחמנות וואָס מערסע־דעס איז געשטאָרבן! אַזאַ יונג קינד! יאָ, מען דאַרף צוגיין אונטערזיצן אַ פּאָר שעה. מ'וועט אויך דאַרפן גיין אויף דער לויה מאָרגן!

איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן מיט דער גרופּע באַקאַנטע. אויפן וועג האָבן זיי אַפילו געמאַכט פאַרשיידענע שפּאַסן וואָס האָבן מיר שטאַרק שאָקירט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: מען גייט מנחם אבל זיי און עס זעט זיך ניט דער טרויער... ווי קען מען עס אַזוי?...

מיר האָבן אַריבערגעשפּרייזט די באַן־ליניע. פון ווייטנס האָט זיך שוין אָנגעזען די הייזקע, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן אין דער פינסטערקייט צווישן די צוקער־פעלדער. אויפן הימל האָט אַלע ווײַלע אַ בליץ געטאָן, זיך אָפּגע־שלאָגן אין דער הייסער לופט און ווידער איז אַ טיפע פינסטערניש אויפגעקומען.

— היט דיר, פּוילישער, דאָ איז אַ גרוב! — האָט אַנטאָניאָ צו מיר אַ זאָג געטאָן. צו די איבעריקע האָט ער אויך אַ זאָג געטאָן מיט אַ וואָרענונג:

— הערט שוין אויף דאָרט צו פּלאַפּלען פון דעם עסן, מיר שטייען דאָך שוין בײַ דער שטוב! לאָזט שוין אָפּ דאָס געבראַטנס! קאַווע אַליין איז פאַר אײַך ווייניק?...

מען איז צוגעקומען צו דער שטוב, אַלע זענען געוואָרן זייער ערנסט, די פּנימער האָבן אָנגעהויבן אויסדריקן דעם מיטלייד וואָס עס פּאָדערט זיך אין אַזעלכע מאָמענטן. מען האָט אָנגעהויבן דריקן די הענט פון די קרובים, זאָגנדיק דערבײַ, אַז מען נעמט אָנטייל אין דעם טרויער. מען קלאַפּט זיך דערבײַ אין די פּלייצעס. דאָס אַלץ קומט פאַר זייער שטיל, דערנאָך גיט מען אַ קוק אויפן אָרון און מען טוט אַ קרעכץ.

אַרום די ווענט שטייען אויסגעשטעלט אַ סך שטולן. אַלעווײַלע האַלטן אין איין צוקומען נײַע געסט. מען זעצט זיך אום אַרום די שטולן, אַ טייל שטייען שוין אויף דער גאַס, אַנדערע גייען דערווײַל אַוועק און קומען ווידער. עס פאַרבינדן זיך פאַרשידענע שמועסן צווישן די געסט. מען רעדט פון פּאָליטיק, פון פאַרשידענע קראַנקהייטן, אַנדערע דערציילן אויסטערלישע מעשות. מען הערט אַפילו פון צייט צו צייט פאַרשיידענע וויצן, וואָס ווערן דערציילט אַזוי שטיל און נאָך מער שטילער אויפגעכאַפּט. עס באַווײַזט זיך בײַ אַ טייל אַ שטילער קוים אײַנגעהאַלטענער שמייכל. מען פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז מען זיצט בײַ דער באַוואַכונג פון אַ טויטן.

מערסעדעס ליגט אין קאַסטן שיין אויסגעפּוצט, עס זעט זיך ניט קיין סימן פון טויט. דאָס פּנים איז באַדעקט פון פּודער, די בעקלעך זענען מיט רויטער קראַסקע אָנגעשמירט וואָס מאַכן די באַקן פול בלוטיק, די ליפּן זע־נען מיט אַ העל־רויטער שמינקע אָנגעשמירט. די בחורים וואַרפן אַלעווײַלע בליקן צום ווײַס באַפּוצטן קאַסטן, דער ריח פון פרישע בלומען שלאָגט אין

די נאָזלעכער. די בחורים האַלטן זיך אין איין שושקעווען צווישן זיך, אַז מערסעדעס זעט איצט אויס ווי אַ גאַנצע פרײלין... ווען זי וואָלט איצט געלעבט?...

די אויגן גלאַנצן מיט גלוסטעניש, וואַרפן זיך פון קאַסטן צו די שטור־ביקע פרויען וואָס זיצן אויסגעזעצט אויף די בענקלעך און הויבן אָן אינס־טינקטיוו צו ציען די שמאָל־ענגע קלײדלעך... די פרויען זענען אין דעם פאַל מער סענטימענטאַל, זיי כאַפּן אויף די בליקן פון די הונגעריקע בחורים, וואָס עסן זיך איין אין זייער לייב דורך די קלײדער. אַ שטילער פאַרדראָס וויגט זיך דורך די מחשבות: אין אַזאַ צייט ליגט זיי אינזינען אַזעלכע זאַכן!... ווי מאָדנע די מענער זענען!... אינצווישנצייט וואַרפט זיך אַדורך ביי די פרויען אַ פילבאַרע אומרואיקייט, וואָס טוט אויף ערגעץ אַ צי ביי דער נשמה און איז אַזוי אָנגענעם... נאָר די דאָזיקע געדאַנקען זוכן די פרויען פון זיך צו פאַריאָגן ווי מען פאַריאָגט אַ שלעכטן גייסט... אויגן באַגעגענען זיך, פאַרשעמען זיך נאָך דעם ווי איינער לייענט איבער ביי דער צווייטער די גע־דאַנקען. מען הויבט זיך אָן רויטלען, דאַך ווערן די מענער פרעכער און צו־דרינגלעכער, עס בלייבט ניט מער ווי ווידער אַ צי צו טאָן דאָס קלײדל וואָס האָט זיך ווידער אַ קאַטשע געטאָן. עס שפּילט זיך אָפּ די שטילע אונטער־דריקטע ליבע פון מאַן צו פרוי, פון פרוי צו מאַן, וואָס בלויז די טויטע מער־סעדעס שטערט און רייצט צו דער זעלבער צייט מיט איר הערלעכן ליאַל־קישן אויסזען, וואָס ניט קוקנדיק אויף איר יוגנטלעכקייט, מאַכט עס איר איצט אויסזען ווי אַ פּולקאָמע פרוי וואָס בלישטשעט מיט איר אומשולד...

פון צייט צו צייט, הערט זיך פון אַ זייטיקן צימער אַ פאַרשטיקטער גע־וויין פון די פאַמיליאַרן, וואָס דערמאָנט אומדירעקט אַלעמען, אַז זיי געפינען זיך אויף אַ „וועלאַריאַ“. קאַווע טיילט מען שוין צום ווייפלטן מאָל. ציגאַרן האָט מען שוין אויך פאַרטיילט. בלויז דאָס געבראָטענע פלייש איז געווען אַ ליגן. דאָס האָט עמיץ אויסגעטראַכט און אַזוי האָט זיך עס פאַרשפּרייט. ווען עס וואָלט געווען געבראָטן פלייש, וואָלט עס שוין לאַנג צוריק געדאַרפט געטיילט ווערן. עס איז שוין צוועלף ביינאַכט. אַ טייל מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן אַוועקגיין, עס זענען אויך דאָ אַנדערע וואָס קומען גראָד צו זיצן אין דער שפּעטער שעה.

מיט איינמאָל איז אַריינגעקומען איינער פון די בחורים, ער האָט אַוועקגערופן אַנטאָניאָ׳ן מיט אַ בלויזן וואונק פון אויג, זיי האָבן זיך עפּעס אַזוי שטיל און געהיימניספול אַ סוד׳ע געטאָן, ביסלעכווייז האָט דער זעלבער

סוד אָנגעהויבן ארומשוועבן צווישן גארסיאַ, ראָדריגעז, גוטיערעס... יעד־
ער איינער פון זיי האָט עפּעס אַ שמייכל געטאָן, אזוי שטיל, ממש ניט אויפ־
צוכאַפּן. בלויז זיי אַליין פאַרשטייען די באַדייטונג...

גוטיערעס האָט זיך אויך צו מיין אויער צוגעבויגן און איינגערוימט.

— דו גייסט ארויס אויפן גאס כאַפּן אביסל לופט? עס איז דאָ אַ
גוטע זאַך! אַ נייעס... פרעג ניט! קום ארויס פאַרן טיר.

איך בין ארויס פאַרן טיר, מיר זענען אַפּגעגאַנגען עטלעכע טריט אין
דער פינסטערניש. ראָדריגעז האָט אַ פרעג געטאָן:

— האָסט אים שוין געזאָגט?

— נאָך ניט!

— איז וואָס שווייגסטו? דו קענסט ניט דעם „פּאָלאַקאָ”? ער קען
דאָך קאַליע מאַכן! אין די זאַכן איז ער דאָך אַ נאַר... זיי זענען דאָך גאַנץ
אַנדערש די פוילישע...

אַנטאָניאָ האָט איבערגעשלאָגן:

— פּאָליאַקאָ, גייסטו מיט? דו ווייסט וואו מיר גייען? מיר גייען צו
אַ שקאַפּע!...

— אַ מיידל?...

— גיין, טאַקע צו אַן אמת'ער שקאַפּע!... העט ווייט אַריבער דער
ליניע וואו די רעלסן גייען זיך פאַנאַנדער האָט פאַרבלאָנדזשעט פערנאַנדע־
זעס קליאַמשע, קוקאַראַטשע הייסט זי, זי פּאַשעט זיך דאָרט מיט דער לאַ־
סיקער גראָז. קום פּוילישער, ביי דיר דאָרט ווייסט מען ניט פון אַזעלכע
זאַכן...

איך האָב זיך אינסטינקטיוו אַ רוק געטאָן אויף צוריק און אויסגע־
שפּיגן.

— דאָס בעסטע שפּייסטו אויס... וואָס ווייסטו?

— אַ שקאַפּע גאָר?...

— נו וואָס איז? עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל!... נו וואָס וואַרטן
מיר? מיר וועלן נאָך צוליב אים פאַרלירן די געלעגנהייט! עס וועט ליכ־
טיקער ווערן... איר זעט ניט, אַז דער פוילישער איז אינגאַנצן קיין מענטש
ניט?...

— נו, וואָס טראַכסטו כאַסע? ווערסט זיך איצט גיין צוריקציען? מיר
שטייען דאָך שוין ביים וועג!

— איך וועל ניט גיין! ניט שיין!... איר מעגט זיך שעמען!

— אָט האָסטו דיר! דער פוילישער זאָגט אונז מוסר!... ניט גע־

דאַרפֿט אים אפילו רופֿן; דו קענסט אַזעלכן אפילו קיין טובה ניט טאָן! אַזוי זענען זיי די אויסלענדער...

— איז וואו גייסטו, פּוילישער?

— איך וועל צוריקגיין צום „וועלאַריאַ"!

— זאָג דאָרט קיינעם גאָרניט!...

— האָב ניט קיין לאַנגע צונג, פּאַלאַקאַ!...

— מיר וועלן באַלד זיין צוריק, וואַרט אויף אונז!

— 2 —

איך בין אַריין צוריק אין דעם צימער וואו מערסעדעס איז געלעגן. דער רויך פֿון אָנגערויכערטע פּאַפּיראָסן און ציגאַרן האָט זיך געלאָזט פֿילן אין אַלע ווינקעלעך. דער עולם איז שוין געווען אַביסל מיד פֿון רעדן, זענען זיי געזעסן און זיך צוגעהערט צו אַן אַלטן קובאַנער, וואָס האָט געהאַלטן אין דערציילן עפּעס אַ געשיכטע מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם אוצר. אַלעווייל האָט ער זיך פֿאַרהוסט, אויסגעשפּיגן אַ שטיקל טאַבאַק וואָס ער האָט מער געקייט ווי גערייכערט, און ווידער פֿאָרגעזעצט:

— האָט מיין פֿאָטער ווידער אַ גראָב געטאָן אין דער ערד, און עס האָט אַ בלישטש געטאָן.ביי גאָט! גאָלדענע רענדלעך! ער הויבט אויף דעם רידל, טוט אים ווידער אַ זעץ אַריין פֿון אַ זייט, אָבער אַ סך טיפֿער. גאַנצע גרודעס גאָלדענע רענדלעך... ער הויבט אָן אַריינלייגן אין די קעשענעס, קוקט זיך אַרום צו קיינער זעט ניט. גאָרניט! אפילו אַ הונט זעט מען ניט פֿאַר די אויגן! דער טאַטע איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן... ער האָט צוריק אויסגעליידיקט די קעשענעס. עס איז אַ געפֿאַר צו גיין מיט די קליינינקע קעשענעס. ער וועט גיין ברענגען אַ זאַק, וועט אים אָנפֿילן, וועלן מענטשן זען, אַז ער טראָגט אַ זאַק, וועלן זיי מיינען, אַז דאָס זענען פֿרוכטן פֿון דער ערד און אַזוי וועט ער ביסלעכווייז אַהיימטראָגן דאָס גאַנצע גאָלד.

ער האָט זיך ווידער שטאַרק פֿאַרהוסט. די נייגעריקע האָבן אומגעדולדיק אָנגעהויבן פֿרעגן, כאָטש די געשיכטע איז זיי טיילווייז שוין געווען באַקאַנט.

— וואָס עס איז געשען? ער איז צוריקגעקומען אויפֿן פּלאַץ און מער דעם אוצר ניט געקענט געפֿינען! ער איז אויסגערונען געוואָרן! אַ גאַנצע טאָג געזוכט דעם פּלאַץ, אויך ביינאַכט איז ער ניט אַהיימגעקומען שלאָפֿן. די גאַנצע ערד אַדורכגעגראָבן, מיט די פֿינגער אפילו גענישטערט. אָבי

שטייט ער דאָך ביים זעלבן פּלאַץ: דער סימן איז דאָ, נאָר דער אוצר איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן, בלויז איין גאָלדן רענדל האָט ער געפֿונען אין בלישטשענדיקן אָפּשיין פֿון דער לבנה... ער איז געוואָרן אויסער זיך: וואָס קען עס באַדייטן? אויסער זיינע טריט באַמערקט זיך ניט, איז ווי אַזוי האָט עס דער אוצר געקענט פֿאַרשווינדן? ניט אַנדערש ווי די שדים האָבן אים געקענט אָפּטאָן אַזאַ מין זאַך! מיר האָבן אים אַרומגעזוכט, שוין ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן. ווען מיר האָבן אים אויפֿן צווייטן טאָג געפֿונען, האָט ער אַ פֿאַרצווייפֿלטער דערציילט די געשיכטע און געבעטן רחמים מיר זאָלן העלפֿן זוכן דעם אוצר. מיר האָבן אַלע גענומען זוכן, ביסלעכווייז זענען אויך אַנדערע פֿון דאָרף געקומען, גענומען זוכן אויפֿן פֿעלד און אָנגעהויבן זאָגן מוסר מיין פֿאָטער, אַז ווען מען געפֿינט אַן אוצר, טאָר מען פֿון אים ניט אַוועקגיין! מען ווערט דערפֿאַר באַשטראָפֿט פֿון הימל און דער אוצר ווערט אויסגערונען!... ווי ווייסט עס אַ מענטש ניט פֿון אַזעלכע זאַכן? האָסט געהערט אַ מעשה? אַ מענטש האָט שוין אָנגעשטופּט פֿולע קעשענעס און ליידיקט עס צוריק אויס, גייט גאָר אַ זעקל ברענגען! לאַכן דאַרף מען דאָך! ווי איז עס אַ מענטש אַזאַ מין נאַר?

— אַלע קוקן אויפֿן טאַטן ווי ער שטייט מיט די צעשויבערטע האָר, די אויגן קוקן עפּעס אַזוי מאָדנע, די מענטשעלעך טאַנצן אים אַרום, אָט גלאַנצן זיי און ווערן גרויס און אָט ווערן זיי גאָר איינגעשרומפּן. אונטער די אויגן איז טיף אונטערגעהאַקט, אַ רעגנבויגן פֿון אַ שוואַרצן צייכן האַלט זיי עפּעס אַרומגערינגלט, אַ מאָמענט בלויז שטייט ער אין אַ פֿאַרלעגנהייט און פּלוצלונג פֿאַרגייט ער זיך אין אַ הילכיקן געלעכטער און הויבט אָן שרייען מיט אַ מאָדנער שטימע: איך האָב אים געפֿונען! אָט איז ער! נעמט ניט! קיינער זאָל ניט דערוועגן זיך אַראָפּצובויגן! איך וועל דערשטעכן! ער הויבט אָן לייגן פֿולע הענט ערד און שיט אין די קעשענעס אַריין! וואָס שטייט איר, דעם זאַק גיט אַהער! גולמ׳ס וואָס איר זייט! דער אוצר! גאָלד!... ניט רירן! כ׳וועל דערהרגענען! עס האָט ווער זיך אַראָפּגעבויגן, דער פֿאָטער האָט פֿלינק אַ וואָרף געטאָן דאָס מעסער, אַ שכן איז אומגעפֿאַלן. בלוט און ערד האָט זיך אָנגעהויבן אויסמישן... מען האָט דעם טאַטן געבונדן, אַוועקגעפֿירט אין אַ משוגעים הויז, שוין נעבעך קיינמאָל צו זיך ניט געקומען! ביז אין טויט אַריין האָט ער ניט אויפֿגעהערט רעדן פֿון דעם אוצר.

דער אַלטער האָט זיך ווידער גוט אויסגעהוסט, אַ שפּיי געטאָן אַ שטיקל צעקייעטן טאַבאַק וואָס האָט שוין כמעט געבריט אין די ליפּן, אַ צווייטער האָט אינצווישנצייט אַריינגעוואָרפֿן אַ וואָרט:

— נו געוויס, מיט קיין אוצר שפּילט מען זיך ניט! געדאַרפט געמאָן ווי עס לאָזט זיך אין אַלע קעשענעס! דאָס איבעריקע זאָל דעם טייוול נע־מען! זאָל די ערד צוריק איינשלינגען!

אַ פרוי האָט צווישן די ליפּן געפּרואווט אַרויסברענגען:

— אפשר איז עס אינגאַנצן געווען אַן איינגערעדטע זאַך? אפשר האָט זיך אייער פאָטער בלויז אויסגעוויזן? עס קען דאָך זיין, אַז עס איז ניט אמת?

— מיין פאָטער איז ניט געווען קיין ליגנער! ער וועט ניט אָפּנאַרן!

— ווייבער דאַרפן אינגאַנצן ניט רעדן ווען מענער רעדן!

— פאַר דיאָס! ביי גאָט! גאָרניט געמיינט חלילה! ניט געוואָלט באַליידיקן! געוואָלט בלויז זאָגן, עס איז דאָך מעגלעך, אַז אייער פאָטער איז שוין געווען געריררט פון זינען פון פריער...

— צום טייוול מיט די ווייבער! וואָלסטו שוין אַ מאָן געווען וואָלט איך זיך מיט דיר געשלאָגן!... אָט זיך צוגעמשעפּעט! האָסט געקענט מיין טאַטן? איז וואָס באַלאַקאַטשעסטו דאָרט?!... הערסט דאָכט זיך גאַנץ גוט די געשיכטע: דער טאַטע האָט אָפּגעגעסן, געגאַנגען אויפן פעלד אַרבעטן, פּונקט ווי יעדן טאָג. איז עס דען דאָס ערשטע מאָל וואָס מענטשן געפינען אוצרות? דער טאַטע האָט בלויז ניט געוואוסט, ווייזט אויס, אַז מען געפינט אַן אוצר, טאָר מען אים ניט איבערלאָזן!

— אָבער...

— וואָס דרייסטו דאָרט אַ קאָפּ? ווען מיר וואָלטן איצט ניט געזעסן אויפן „וועלאַריאַ" וואָלט איך דיר עפּעס געזאָגט! אָבער פאַר אַ טויטן דאַרף מען האָבן דרך ארץ! דו...

אַ צווייטער רייסט איבער די אומאָנגענעמע סיטואַציע... ער הויבט אָן צו דערציילן די געשיכטע פון זיינס אַ פעטער.

— אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט אַן אוצר. ניט שטענדיק ברענגט געלט גליק! מיין פעטער גייט איינמאָל צווישן די בערג, ער טוט אַ קוק צווישן די בערג, פון איינעם זעט זיך אַרויס גרידקעלעך ערד וואָס איניינעם פאָרמירן זיי דאָס בילד פון דער הייליקער „קאַרידאַד דעל קאָברע". ער גייט צו, הויבט זיך אָן צו צלמען, לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני, עס הויבט אים אָן ברייען ווי מען וואָלט אים פייער אונטערגעלייגט. ער שפּרינגט אויף, טוט ווידער אַ קוק, דער סאַנטאָ וויינט! — יאָ טרערן רינען פון דעם פּלאַץ... ער האָט דאָך עפּעס געבעטן ביים סאַנטאָ. עס האָט אים עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן אין מח... דו האָסט געוואונען! 15027! דאָס איז דאָך דער נומער פון דער־

לאָטעריי! צען טויזנט דאָלער! היינט שפּילט דאָך די לאָטעריי! דער פּעטער לויפט אַהיים, טוט אַ קוק! עס איז ריכטיק! טאַקע געוואונען צען טויזנט דאָלער!

די אַנוועזנדע הויבן זיך אָן איבערצלמען. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערן זיי ניט אויף זיך צו וואונדערן:

— כעסוס!

— סאַנטאַ מאַריאַ!

— אָן אמת'ער מילאַגראָ! אַ גאָר גרויסער נס.

— עס איז נאָך ניט דאָס! — זעצט פאָר דער דערציילער. — דער פּעטער ברענגט די געלט, האַלט דאָס באַהאַלטן און טרעט ניט אַרויס פון שטוב ביז ער וועט עפּעס אויסטראַכטן וואָס צו קויפן פאַר דעם געלט. ער שלאָפט אומרואיק ביינאַכט, ווי ער וואָלט עפּעס געהאַט אַ פאַרגעפּיל... עס איז שפּעט ביינאַכט, ער הערט עפּעס ווי די ווייב שושקעט זיך מיט עמיצן... אַ מענער שטימע. יאָ, עס איז כוליאַן!... ער טוט זיך אַ ריר פון בעטל, די ווייב מיט אַ פּליסטער: אַנטלויף כוליאַן! ער גיט אַ פרעג: און דאָס געלט? אָט איז דאָס געלט!... דער פּעטער שפּרינגט שנעל אַראָפּ פון בעט, כוליאַן כאַפּט עפּעס אין דער האַנט אַריין, נאָר דער פּעטער איז פלינקער. — אָט האָסטו בעסטיע!... עס פאַלט אַרויס דאָס פּעקל געלט און טונקט זיך אין אַ רימש־קעלע בלוט... דעם פּעטערס ווייב הויבט אָן לויפן און שרייען, דער פּעטער יאָגט זיך נאָך איר מיט אַ גלאַנציקער „מאַטשעטע" (אַ מין קאָסע), די שכנים ראַטעווען איר. עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דעם פּעטערס ווייב האָט געהאַט אַ געליבטן און זיי זענען געקומען אים באַ'גנב'ענען די געלט און אַנטלויפן. דער פּעטער האָט דערנאָך די גאַנצע געלט פאַרשיכורט... ווי האָט ער זיך גאָר געקענט פאַרשטעלן, אַז די ווייב זיינע זאָל גאָר האָבן אַ געליבטן?... דער אומגליקלעכער פּעטער.

— כעסוס!

— סאַנטאַ באַרבאַראַ!

— ווירכען דע לאַ קאַרידאַד!

— ווי עס געשען אַלץ זאַכן!...

אַן אַלטיטשקער האָט אָנגעהויבן פילאָזאָפירן:

— אַז מען לעבט דערלעבט מען זיך!... בלויז ביי לעבעדיקע מענטשן געשען די אַלע זאַכן!

ער האָט מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויפן ווייסן אָרון וואו מערסעדעס איז געלעגן און ווייטער פאַרגעזעצט:

— ביי איר קען שוין קיין זאך ניט געשען! עס איז די אומשולד אליין! קיינער קען איר שוין קיין שלעכטס ניט טאן און זי וועט שוין אויך קיינעם קיין שלעכטס ניט טאן! דער מענטש געפינט זיך אין אייביקן אפגרונט!... אך די וועלט! וואס פאר א וועלט עס איז!...

— די וועלט ניט! די וועלט איז גוט! די מענטשן!...

— נו יא, די מענטשן!... אט איצט די מלחמה! היטלער!... מ׳זאגט, אז ער האט אויסגעראטן, פארגאזט און פאר׳סמ׳ט מיליאנען כודיאס (אידן)!

— פארוואס?

— א דאנה פארוואס!...

— אבער די אידן זענען דאך ווערט געווען! זיי זענען דאך שולדיק אין אלע אומגליקן!

— פארוואס זענען זיי שולדיק?

— זיי האבן ארייגעכאפט דעם גאנצן וועלט קאפיטאל!

— ניין ניט פאר דעם! זיי זענען אלע קאמוניסטן!

— עס איז נארישקייטן! אז מען דארף האבן אויף וועמען צוווארפן די שולד! זיי דארפן די מלחמות צוליב אנדערע צוועקן! „א מענטש צו א מענטש איז א וואלף“... אזוי איז עס!

דאס לעצטע האט ארייגעווארפן פימענטאן, א מאן פון עטלעכע פערציק יאר, וואס האט אמאל שטודירט אין אוניווערזיטעט. ער האט נאך מער צוגעגעבן:

— דא אין קובא זענען אויך דא כודיאס!...

ער האט פון א זייט א קוק געטאן צו מיר, נאר מיר האט זיך ניט געוואלט ארייגיין אין א שמועס אין דער אנוועזנהייט פון דער געשטארבענער מערסעדעס, הגם די ווערטער האבן זיך אנגעהויבן ארויסרוקן אויף דער צונג...

עמיץ האט א קוק געטאן צום סטודענט מיט א פראגע.

— נו געוויס! מען רופט זיי פאלאקאס!...

— די פאלאקאס?...

אלעמענס פנימער האבן זיך א וויג געטאן צו מיין זייט. ביי מיר האט די האלז קנאפקע אנגעהויבן שטיקן. דער מענטש וואס האט פריער גערעדט שלעכטס אויף די כודיאס האט זיך געפילט ווי שולדיק קעגן מיר. ער האט ארויסגענומען א פעקל ציגארעטן און עס אויסגעשטעקט צו מיר:

— דו וועסט פארדרויכערן כאסע! איך האב דיר ניט געמיינט! מיר האבן צו דיר גארניט!... איך האב געלייענט פון דארט!... די אנדערע...

כ'מיין...

ביי מיר האָט אָנגעהויבן עפּעס נאָס ווערן אין די אויגן. עס האָט זיי אַלעמען אין דעם מאָמענט אַ נעם געטאָן. עס האָט זיך מיר אין דעם מאָמענט אויסגעוויזן אַז די אַלע וואָס זיצן איצט דאָ, זיצן ניט צוליב דער יונג פאַר־שטאָרבענער מערסעדעס, נאָר צוליב מיר דעם פרעמדן פון ווייטע לענדער. איך האָב אפילו געפּרואווט אויספּלאַסטערן אַ געצוואונגען שמייכעלע, וואָס האָט זיך מיר מסתמא ניט איינגעגעבן, ווייל מען האָט מיר אָנגעהויבן פאַר־וואַרפן מיט מיטלייד פראַגן:

— דיינע עלטערן האָט ער אויך אומגעבּרענגט, דער מערדער?

— די מוטער!

— אַ מוטער! אַ מוטער! פּאָברעסיטאָ! (אַ רחמנות נעבעך).

— דעם ברודער אויך!

— אזוי? אזוי! שרעקלעך!

— אַ גאַנצע פאַמיליע?

— וואָס פאַר אַ וועלט! אָבער פאַרוואָס?...

— נו טאַקע, פאַרוואָס?

דער געוועזענער סטודענט האָט ווידער אריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער.

— ביז די מענטשן וועלן זיך ניט פאַרשטיין, ביז די מענטשן וועלן ניט אַנדערש ווערן, וועלן נאָך אַ סך זאַכן געשען! עס איז דער אָפּגרונט!... די פּאָליטיקער וואָס האַלטן אין איין פאַרפירן... מען לעבט אין בסדר'דיקע אינטריגעס. אָט האָט דאָ פריער סעניאָר סאַנטשעס, גערעדט אַז די אידן זענען ווערט געווען מען זאָל זיי אויסראָטן! אַז די אידן זענען דאָס אומ־גליק פון דער וועלט! די וואָס האָבן אים געהערט, זענען דאָך שוין באַלד גרייט געווען צו גלויבן אין דעם! אַ טייל פון אייך האָט דאָך שוין אפילו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זיי זענען מסכים, אַז עס איז אמת... ניט אזוי? איך וועל אייך זאָגן, אַז די אידן האָבן גאָר אַ טובה געטאָן אונזער לאַנד! זייט די כודיאָס זענען געקומען אין קובאַ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בעסער לעבן! מיר האָבן היינט אייגענע אינדוסטריעס! פריער אַז מיר האָבן גע־דאַרפט עפּעס קויפן, האָט עס געמוזט זיין אימפּאָרטירט און מען האָט גע־דאַרפט באַצאָלן אַ סך געלט דערפאַר! היינט באַקומען מיר עס אויפן פּלאַץ און אַ סך ביליקער!

— טאַקע ריכטיק!

און ווידער האָבן די בליקן זיך אַ קער געטאָן אין מיין זייט...

— וואָס שווייגסטו, כאָסע!

— עס ווילט זיך מיר ניט רעדן בשעת עס ליגט אַ טויטער! אויס רעס־פּעקט! אַזוי פירט זיך ביי אונז... מען רעדט ניט פון קיין אַנדערע זאַכן; יעדע זאַך האָט איר באַשטימטע צייט!

— מאַקע געדעכט!...

אַ שטילשווייגעניש האָט אויף אַ מאָמענט אַרומגענומען די אַנוועזנדע, אַ טייל האָבן אָנגעהויבן אונטערשאָקלען נערוועזיש מיט די קני, ניט גע־קענט אויסהאַלטן די שטילקייט, אַלעווייל האָט זיך געקענט הערן אַ פּרויען־קרעכץ פון אַ גאָר נאָענטן פאַמיליאַר פון דער פאַרשטאָרבענער.

די בחורים גאַרסיאַ, גוטיערעז און ראָדריגעז האָבן זיך איינציקווייז אָנגעהויבן אַריינשאַרן, די בעקעלעך האָבן געבליט מיט רויטקייט. פון די לייבער זייערע האָט זיך געפילט אַ מאָדנער ריח פון שוויים. אַנטאָניאָ האָט זיך צוגעשאַרט צו מיר און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— מען האָט שוין לאַנג ניט געטיילט קיין קאַווע?

איך האָב זיך אינסטינקטיוו פון אים אַ רוק געטאָן און ניט געענטפערט. פון וויטן האָבן זיך געהערט דער פייף פון אַ אָנקומענדער באַן, וואָס האָט מיר דערמאָנט אין עפּעס וואָס איך האָב שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן...

אַנטאָניאָ האָט ווידער אַ פליסטער געטאָן:

— דו גייסט שוין, פּוילישער? עס איז שוין שפּעט!

— ניין, איך גיי ניט! איך וועל נאָך בלייבן!

איך האָב ניט געפילט ווי צו גיין מיט זיי... איצט געוויס ניט. איך האָב זיך געשעמט מיט זיי דעם ערשטן טריט אַרויסצושטעלן.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען איך בין אַהיימגעקומען פון „וועלאָריאָ". די אויגן האָבן זיך געקלעפּט און דאָך האָב איך ניט גע־קענט איינשלאָפן. פאַרשיידענע מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט: וואָס דער מענטש איז? גאַרסיאַ, גוטיערעז, ראָדריגעז... די תאווה... דער איי־ביקער אַפּגרונט...

קאָנטשיטאַ

— 1 —

— זייט באַקאַנט:

קאָנטשיטאַ.

יונג, זיבעצן פרילינגס, אַ מיטעלער וואוקס, געדיכטע שוואַרצע האָר, אַ פּאָר גרויסע פאַר׳חלומ׳טע קויל אויגן, אַן אויסגעטאַקטע פיגור, די הויט קאָליר סוכאַרקע ברוין, צוציענדיק, די ברוסטלעך, שטייפע אָנגעלאָדענע, סימעטריש אויסגעמאָסטענע וואָס רייסן אויף די אויגן פון מענטש און אומ־מענטש... אַ שמייכעלע, דאַכט זיך אומשולד — און דאָך אזוי איינגעפלאָכטן אין אַ כעס׳עלע, וואָס נאָר די מוטער אירע פאַרשטייט און ווייסט די באַ־דייטונג פון דעם...

שוין איבער אַ יאָר אַז קאָנטשיטאַ העלפט ארויס דער מוטער אין פּרנסה, עס איז אפילו ניט קיין אָנשטענדיקע פּרנסה.

די היסטאָריע פון דער מוטערס קומען צו דער פּרנסה איז אַ קורצע, און ניט ווייניק באַנאַל:

געווען אַ מויד אויף שרויפן, יונג, פריש, פול מיט לעבן. איז געקומען דער פון הימל אָנגעצייכנטער זיווג, און זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן, און צווישן טאָג און נאַכט איז זי אַוועק מיטן „חתן“. דער „חתן־מאַן“, אַן אויס־וואורף וואָס האָט ליב צו עסן ס׳ברויט פון פרויען־לייב, האָט איר גלייך אָנ־געהויבן גרייטן צו דער לייכטער פּרנסה.

ראָסיטאַ האָט זיך אַביסל געקווענקלט, אָבער אַז מען האָט ליב דעם מאַן, קען מען ניט אָפּזאָגן, בפרט ווען דער מאָגן הויבט אָן מאָנען זיינס, און צום יאָר איז זי שוין געזעסן אין אַ שאַנד־הויז. דאָס גליק האָט איר צוגעשפּילט, זי האָט אויסגענומען באַ די „מענער־סוחרים“ און... צווישן

איין זינד און דער אַנדערער איז קאָנטשיטאַ געבוירן געוואָרן.

ראַסיטאַ איז געווען אין זיבעטן הימל. דעם טאַטנס אויגן, פאַר וועלכע זי איז גרייט זיך מקריב צו זיין.

די יאָרן האָבן זיך ווי קאַלענדאַר־בלעטלעך גערוקט. ראַסיטאַ׳ן האָט שוין דער מאַן לאַנג אָוועקגעוואָרפן. ער, מיט זיין פיגור קען קריגן אַ יונג־געוואַקסענע פון איר וואָס וועט אים מער פאַרדינען. יע, זי איז שוין אַלט געוואָרן. די קונים האָבן אָנגעהויבן זעלטענער צו קומען, און אויב ס׳איז שוין אַמאָל אַריין אַ קונד איז ער גלייך אַוועק.

— דו, רוף מיר ניט הערצעלע! אַזאַ אַלטע שטשערבע ווי דו, מעג שוין רוען אויפן בית־עולם...

אמת געזאָגט האָט עס איר אַ שיכור, אָבער דאָס וואָס די ניכטערע זאָגן עס איר ניט, איז נאָך ערגער. זיי ווייכן דאָך פון איר ווי פון אַ פּעסט, אַפּטמאָל שטייט זי אַפּ שעהנ׳ווייז ביים פענצטער, און ווען עס ווייזט זיך שוין אַ קונד, און זי לאָקערט אים אַריין מיט זיסע ריידעלעך, צוזאָגנדיק אים אַלץ אין דער וועלט, איז ווי ער טרעט נאָר אַריבער די שוועל, און זעט איר געריינצלט פאַרשמינקעוועט געזיכט, לויפט ער גלייך אַרויס, און אַמאָל נאָך מיט אַ זידל וואָרט.

שוין דער דריטער טאָג וואָס קיין קונד ווייזט זיך ניט פאַר די אויגן. מוטער און טאָכטער האָבן אַן אינטימען געשפּרעך:

די מוטער:

— ווייסט וואָס איך האָב ביז איצט פאַר דיר געטאָן, כ׳זאָל דיר קענען אויסהאַלטן, איך בין שוין אַביסל אַלט געוואָרן. דו קענסט מיר אַרויס־העלפן.

די טאָכטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער מוטער:

— וואָס, מאַמע? אַזאַ ווי דו גייסטו מיר מאַכן?

— ניין, קינדעלע, אַזאַ ווי איך וועל איך קיינמאָל ניט דערלאָזן דו זאָלסט ווערן. איך וויל נאָר זאָלסט מיר אַרויסהעלפן. פאַרשטייסט, איך בין שוין אַביסעלע פאַרעלטערט, און ס׳איז שווער דער שטיין ביים פענצטער, און אַז אַ קונד דערזעט מיין פּנים, ציט עס אים ניט, אַזוי ווי דיינער וואָלט געקענט צוציען. דו טאָכטערשע, וועסט נאָר דאַרפן שטיין צווישן די פאָר־האַנגען און אַרויסקוקן דורכן פענצטער און מיט אַ שמייכעלע אַ רוף טאָן די קונדן וואָס גייען פאַרביי. און ווען אַ קונד וועט נאָר אַנרירן די טיר, זאָלסט זיך באַהאַלטן, איך וועל זיך שוין מיטן קונד אַן עצה טאָן. איך וועל אים איינרעדן, אַז דאָס האָט ער מיר געזען אַזוי שיין... כ׳וועל זיי שוין בייקו־

מען... ס'קען זיין אז צען וועלן טאַקע צוריק ארויסגיין, אָבער עפּעס וועט זיך שטענדיק צוקלעפּן...

די טאָכטער האָט זיך גערויטלט:

— כ'וועל אפשר בעסער גיין ארבעטן?

— ארבעטן? קינדערלע פּאָר ארבעט צאָלט מען ניט אַזאַ יונגע מיידל ווי דו. דיר וועט מען אויסנוצן... און אז מען וועט געוואָר ווערן וגער דיין מאַמע איז וועט מען דיר פּאַרפּירן. די מענער זיינען די וועלף און מיר זיי־נען די שעפּעלעך. לעבן מיר וועסטו בלייבן אַן אָרנטלעכע. און אַז מיר וועלן אָפּשפּאָרן אַביסל געלט, וועלן מיר אַוועק אין אַ קליין שטעטעלע און דו וועסט זיך אַ גוטן חתן אָפּזוכן און חתונה האָבן...

ס'איז שוין איינס באַנאַכט, קאָנטשיטאַ שטייט נאָך אַלץ ביים פענצ־טער און קוקט ארויס אויף דער ליידיקער גאַס, די קויל אויגן בליצן, אפשר וועלן זיי נאָך אויפכאַפּן די פּאַרשפּעטיקטע בליקן פון אַ דורכלויפנדן מאַן. זי עפנט אויף דאָס קליינע אויסגעטאָקטע מיילעכל. ציט פויל אויס אירע ברוין פּוכקע הענטעלעך, אירע אויגן שלאָגן זיך אָן אויפן צווייטן ראָג, וואו אַ מענטש שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך ארום אין אַלע זייטן און דאַן ציט ער ארויס פון אונטערן אַלט אָפּגעריבן רעקל אַ לענגלעכן געדרוקטן פּאַפּיר, קלעפּט אים שנעל אָן אויף דער וואַנט, און מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ הויבט ער אָן זיך אָפּטראָגן. זי באַמערקט אויך דעם דיק אויסגעפּאַשעטן פּאָליצמאַן, וואָס איז ארויסגעקומען פון זיין באַהעלטעניש, און ציט ארויס דעם רעוואָלווער פון שיידל, און אָן שום וואָרענישן לאָזט ער אריין עטלעכע קוילן אינעם מענטשן.

קאָנטשיטאַ דערשרעקט זיך, אפשר איז ער גאָר משוגע געוואָרן דער פּאָליסמאַן וואָס האָט גלאַט אזוי זיך קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט אַ מענטשן אָן אַ פּאַרוואָס. דאָס יונגע לייב ביי איר הויבט אָן פרירן פון אנגסטן.

די מוטער הויבט איר אָן גלעטן דאָס קעפּל:

— טאָכטערשע, לאָמיר מאַכן נאַכט! אַ צייט אַזאַ... ס'לוינט זיך ניט צו שטיין, מיר וועלן דערנאָך האָבן צרות...

אינמיטן נאַכט, מען קלאַפּט שטאַרק אין טיר. די מוטער באַהאַלט איר יונג טעכטערל און גייט מיט שרעק צו דער טיר, די פיס טרייסלען זיך ביי איר ווי אומצופּאַלן, די ליפּן קוים וואָס באַוועגן זיך:

— ווער קלאַפּט?

— פּאָליציי!

— פּאָליציי?

— יע, דער פּאַליס־קאַפּיטאַן! עפּנס גלייך אויף!

די מוטער האָט אין שרעק געעפנט די טיר, דער פּאַליס־קאַפּיטאַן מיט עטלעכע פּאַליסלייט זיינען אריין:

— האָסט געזען וואָס ס'איז דאָ פריער פאָרגעקומען? האָסט ניט געזען! דו הערסט! זאָלסט האַלטן דיין „פּוטאַשע" צונג צווישן די ציין! דו הערסט! ווען ניט וועט מען דיר אויך אונטערשערן דיין קעפּל!...

צי זי וועט שווייגן? ווי דען? געווים האָט זי גאָרניט געזען, זי ווייסט פון גאָרניט... זי אינטערעסירט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכן... זי איז שוין גאָר געשלאָפן...

— און אַ גאַסט איז ביי דיר אויך ניט געווען דאָן?

— ניין, סעניאָר קאַפּיטאַן, קיינער ניט!

קאָנטשיטאַ האָט געכאַפּט אַ קוק פון איר באַהעלטעניש אויף די פּאָ־ליסלייט. זי האָט דערקענט דעם פּאַליסמאַן וואָס האָט אַ מענטשן ווי אַ טייבעלע אונטערגעשאָסן. די בלוט האָט ביי איר אָנגעהויבן צו גליווערן. אויסגעוויזן האָט זיך איר, אַז ער וועט גלאַט אַזוי זיך פאַר פאַרגעניגן וועגן אַ צי טאָן דעם רעוואָלווער, און אַ לאָז טאָן עטלעכע קוילן צו איר אין באַ־העלטעניש.

אויפן צווייטן טאָג האָט די טאָכטער געקויפט אַ צייטונג און אָנגעהויבן לעזן פאַר דער מוטער אינדערשטיל צוויי קורצע טרוקענע נאָטיצן:

„ אויף קרעספּאָ גאַס, איז אינמיטן נאַכט געפונען געוואָרן אַ מענטש אדורכגעלעכערטער פון צוויי קוילן. די פּאָליציי האָט נאָך ביז איצט ניט אויסגעפונען ווער ער איז. אַזוי שנעל ווי זי וועט אויסגעפונען ווער ער איז, וועט איר לייכטער זיין אויסצוגעפונען דעם מערדער".

אַ צווייטע נאָטיץ:

„נעכטן ביינאַכט האָבן רעוואָלוציאָנערן אויסגעקלעפּט אין עטלעכע גאַסן אויפרופן, רופנדיק צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק קעגן מאַטשאַדאָס רעגירונג".

קאָנטשיטאַ פאַרטראַכט זיך, הגם נאָך אַ קינד, האָט גלייך ווי אַלע זיך שוין אויסגעלערנט פאַרשטיין די קורצע צענזורירטע נאָטיצן וואָס ווייזן זיך אַלע טאָג אין די צייטונגען. זי פאַרשטייט, אַז עמיץ איז געגאַנגען זוכן

גערעכטיקייט בײַ דער טיראַניש־מאַטשאַדיסטישער מערדערישער רעגירונג, און האָט גאָר דעם טויט געפונען. זי ווייסט אויך אַז עס איז נישט דער ערשטער פאַל און אויך ניט דער לעצטער...

— 2 —

שוין פינף טעג ווי קאַנטשיטאַ זיצט אין דער גרויסער פרויען טורמע, און קען זיך אַליין ניט צוגעוואוינען צו דער דיסציפּלין. די מוטער זיצט אין אַ צווייטער צעל. די אויפזעערינס זיינען כמעט אַלע אַלטע פאַרביטערטע אָפּגעלעבטע מוידן. די הויפּט אויפזעערין האָט אינגאַנצן אַ מענעריש געזיכט, אויף די הענט פאָרמירן זיך בײַ איר מוסקולן, די הענט און פיס זיינען בײַ איר מיט האָר באַוואַקסן, איינגעפאַלענע ברוסטן. קאַנטשיטאַ דערשרעקט זיך ווען זי זעט איר פאַרבייגיין, עס איז איר שווער אויסצוהאַלטן אירע לאַשטשעדיקע בליקן.

— ביזט איר געפעלן געוואָרן קאַנטשיטאַ, עס וועט דיר שוין גוט זיין אין טורמע! — זיינען איר מקנא עטלעכע ציניש־ע פּראָסטיטוטקעס וואָס זיצן מיט איר אין איין צעל.

קאַנטשיטאַס אויגן לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער שמוציקער פּאָל, זי פאַרשטייט ניט וואָס דאָ קומט פאָר? און פאַר וואָס חוזק'ט מען דאָ אַזוי פון איר? זי כאַפּט אַ בליק אויף זייערע ציניש־ע פּנים'ער, און פאַרשטייט אַז עפּעס ניט קיין גוטס קלויבט זיך דאָ אויף איר. זי וועט זיך אָבער ווערן! זי פאַרשטייט, אַז זי וועט מוזן אָנהויבן פירן אַ קאַמף, אַ שלאַכט וואָס קען זיין זי זאָל פאַרלירן. פאַרוואָס ווייסט זי אַליין ניט.

אַכט באַנאַכט, אַלע אַרעסטאַנטקעס ליגן שוין אויף זייערע בעטלעך, קאַנטשיטאַ קען ניט איינשלאָפן, זי קען זיך אַזוי שנעל ניט צוגעוואוינען צום טורמע לעבן, די וואַנצן בייסן ממש ביז משוגעת, זי פאַרשטייט ניט פאַרוואָס מען האָט איר אַריינגעזעצט אין טורמע. דער דאָקטאָר האָט דאָך אַליין צוגעגעבן אַז זי איז אַן אומשולדיקע. פאַרוואָס זשע האַלטן זיי איר נאָך דאָ? אין די רעיונות בײַ איר האַלט זי אין איין איבערלייגן, צעקייען דעם פּראָטאָקאָל וואָס איז איר איבערגעלייענט געוואָרן, אַז זי אַ זיבעצן יעריק מיידל, אַ מינדעריעריקע, טרייבט פּראָסטיטוציע מיט דער כוטערס הילף, בילד נאָך בילד הויבט בײַ איר אין מוח'ל אָן פאַרבייגיין די נאַכט פון אַרעסט, ווי זי איז געשטאַנען בײַם פענצטער און אַריינגערופן אַ מאַן, דערנאָך ווי זי האָט זיך באַהאַלטן, און ווי דער מאַן אַ האַלב באַזויפענער האָט

איר געפּאַקט, און ווילד געשלעפּט אין צווייטן צימער אַריין, די מוטער האָט איר געזוכט צו פּאַרטיידיקן, און אָט, אָט, וואָלט זי געווען אַ פּאַרשפּילטע צו אַ שכור'ן לומפּ, צו אַ בעסטיע. זי האָט אָנגעהויבן שרייען מיט באַנו־מענע קולות. די מוטער האָט אויך אויפגעהויבן אַ געוואַלד, און דאַן דער אַרעסט... זי פאַרטראַכט זיך, אין האַרצן ביי איר ליגט פאַרבאָרגן דאָס פריידעלע פון איר אומשולד... ווען ס'וואָלט געשען, וואָלט איך דאָך ווי די מאַמע געמוזט ווערן... די מאַמע. — זי דערמאָנט זיך אין דער מאַמען וואָס זיצט אין אַן אַנדער צעל, און ציילט געווים די מינוטן פון יסורים. זי ווייסט, אַז די מוטער שלאָפט אויך ניט, ווייל עמיץ קען באַליידיקן איר אומשולדיק טעכטערל...

אין דער פרויען טורמע איז אַ מיש־מאַש, אין דער זעלבער צעל זיצן פּראָסטיטוטקעס מיט פּאָליטישע. דער פּרעזידענט מאַטשאַדאָ און זיינע משרתים ווילן ניט וויסן פון קיין אונטערשייד פון אַ פּראָסטיטוטקע ביז אַ פּאָליטישע אַרעסטאַנטקע, אַלע זענען איינס, אַלע זענען פאַרברעכער. אַז ער מאַכט ניט קיין אונטערשייד, קען מען זען פון דעם פאַל: מיט עטלעכע טעג צוריק זיינען אַלע רעגירונגס לערערינס אַרויס אין אַ דעמאָנסטראַציע צום פּרעזידענטן פּאַלאַץ, מען זאָל זיי אָפּצאָלן פאַר די ניין מאָנאַטן געהאַלט וואָס ס'קומט זיי. אייניקע האָבן געטראָגן פּלאַקאַטן מיט דעם אויפשריפט: „מאַטשאַדאָ מיר ווילן ברויט"!

מאַטשאַדאָ איז אויפגעבראַכט געוואָרן פון דער חוצפּה פון די שול־לערערינס, און האָט גלייך באַפוילן אַז עס זאָלן געברענגט ווערן פון דער פרויען טורמע די מער חוצפּה'דיקע פּראָסטיטוטקעס, און מיט אינסטרוק־ציעס זיי זאָלן זיך אויסמישן מיט די לערערינס און פּראָוואָצירן אַזוי, אַז עס זאָל צווישן זיי פאָרקומען אַ געשלעג, און דאַן זאָל מען די לערערינס אַרעס־טירן און די פּראָסטיטוטקעס פריילאָזן.

דעם צווייטן טאָג האָט מען אין אַלע צייטונגען געלייענט, אַז פּראָסטי־טוטקעס האָבן זיך געלאָזן אין אַ דעמאָנסטראַציע צום פּרעזידענטן פּאַלאַץ, און ס'איז צווישן זיי אַליין פאָרגעקומען אַ געשלעג, די פּאָליציי האָט אַ טייל צעטריבן, און אַרום הונדערט פון דעם עלעמענט אַרעסטירט, זיי וועלן גע־משפּט ווערן פאַר אַ ספּעציעלן מיליטערישן געריכט.

קאָנטשיטאַ האָט זיך געהאַלטן דערווייטערט פון די פּראָסטיטוטקעס, עס איז איר בעסער געפעלן געוואָרן זיך צו חבר'ן מיט די רעוואָלוציאָנער־קעס, וואָס האַלטן אין איין רעדן קעגן דער מערדערישער רעגירונג, וואָס

דערדריקט יעדן פּראָגרעסיוון געדאַנק, און האַלט אין איין מאָרדן מענטשן בלויז דערפאַר וואָס מ'איז ניט איינשטימיק מיט איר אַרט רעגירונג. קאַנטשיטאַ איז אויך געוואָר געוואָרן אַז אויך זי און איר מוטער זיינען קרבנות פון דער זעלבער אָרדענונג וואָס מוז אויסגעראָטן ווערן.

עס איז ניט אַוועק קיין טאָג, מען זאָל ניט הערן אין טורמע עפּעס אַזוינס וואָס זאָל ניט אַרויסרופן אַ שטורעם, ווער און ווי אַזוי די נייעסן זיינען געקומען אין טורמע האָבן נאָר איינצלנע געוואוסט.

פון מויל צו אויער גייען איבער שושקענדיק די גוואַלד־טאַטן פון דער בעסטיאַלישער סאַדיסטישער רעגירונג, אַז אַ שניידער מיידל איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן פון עטלעכע סאָלדאַטן וואָס האָבן איר געפירט אין טורמע, און אַז ביי אַ געוויסן אָנגעזעענעם סטודענט האָט מען אויס נקמה אויסגעשניטן די געשלעכטס גלידער... און אַ געוויסן אַרבעטער פירער האָט מען באַגראָבן אַ לעבעדיקן נאָך דעם ווי מען האָט גאָרניט געקענט ביי אים אַרויסקריגן.

ביי קאָנטשיטאַן האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט, הערנדיק די אַלע שוידערלעכע זאַכן. זי האָט געוואוסט, אַז די אַלע זאַכן זיינען אמת, זי אַליין האָט דאָך אויך צוגעזען אַזאַ שרעקלעך קאַלטבלוטיקן מאָרד... זי דערמאָנט זיך דאָס אַריינקומען פון דעם פּאָליס־קאַפּיטאַן, און יענעם פּאָליסמאַן. זי ווייסט שוין אַז זיי זיינען פּייאַיק אויף אַלץ. זי דערמאָנט זיך ווי מען האָט געדראָט איר מוטער: דו הערסט? דו האָסט גאָרניט געזען! גאָרניט געזען!... זי דערמאָנט זיך דעם צווייטן פרימאָרגן, ווי דער זעלבער קאַפּיטאַן איז ווידער געקומען און אויסגעפרעגט ביי דער מוטער, און ווי איר מוטער האַלט אין איין איבערזאָגן אַז זי האָט גאָרניט געזען.

דאַן האָט נאָך קאָנטשיטאַ ניט פאַרשטאַנען צו וואָס די מאָרדן מוזן זיין אַ געהיימניש, די רעגירונג אַליין טוט דאָך עס! צו וואָס זיך באַהאַלטן? דאָ אין טורמע איז איר אַלץ קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז ניט מער ווייל זי וויל אַביסל פאַרדעקן פאַר דער אויסערלעכער וועלט, איבערהויפּט פאַר אַמעריקע...

— 3 —

עס איז איינס אַזייגער בייטאָג, די אַרעסטאַנטקעס ווערן אַרויסגעפירט אויף לופט, די הויפּט אויפזעערין פון טורמע שטייט אַ זעטיקע, אַ צופרידענע, אַרומגערינגלט מיט עטלעכע יונגע פרויען וואָס האָבן ביי איר נושא חן געווען... אַ טייל אַרעסטאַנטקעס האָבן זיך אינדערשטיל איבערגעוואָרפן

מיט ווערטער, אז די הויפּט אויפזעערין איז אַ דעגענעראַטקע, און אַז די וואָס דרייען זיך אַרום איר זיינען אויך פון זעלבן שניט. כמעט אַלע אַרעס־טאַנטקעס האָבן איר געהאַסט, קאָנטשיטאַ האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי איז אַזוי פאַרהאַסט, זי זעט דאָך גראָד אויס אַזוי אינטערעסאַנט, זי איז דאָך זיכער אַ געלערנטע, אין די גרויסע ביינערדיקע ברילן זעט זי דאָך אויס ווי אַ הייליקע. אירע אויגן האָבן זיך ווי דורך שטראַלן צוזאַמענגעגאָסן מיט דער הויפּט־אויפזעערינס, אויסגעוויזן האָט זיך איר, אַז די טורמע פאַר־וואַלטערין פילט איר טראַגעדיע, און האָט מיט איר מיטלייד, זי פאַרשטייט ניט ווי מען קען האָסן אַזאַ אומשולדיק פּנים.

די אויפזעערין איז צוגעקומען מיט אַ שמייכעלע. און איר ליבלעך אַריינגעפירט אין אָפיס. די אַרעסטאַנטקעס האָבן אָנגעהויבן נאָכקוקן, באַ־דויערן, אַ טייל מקנא זיין, עס האָט איר געטראָפן אַ גליק, זי וועט שוין ניט דאַרפן אַרבעטן.

די פאַרוואַלטערין האָט אויפגעעפנט איר לוקסוס אויסגעמעבלירטן אָפיס, אוועקגעזעצט קאָנטשיטאַ׳ן לעבן זיך, גענומען איר גלעטן די האָר.

— וועסט זיין אַ גוטענקע, יע הערצעלע?

קאָנטשיטאַ האָט זיך פאַרטראַכט: צו זי וועט זיין אַ גוטע? נו געוויס! ווי קען מען גאָר צו אַזאַ אויפזעערין וואָס איז ווי אַ מאַמע, זיין אַ שלעכטע?

די פאַרוואַלטערין האָט אָנגעהויבן פליסטערן:

— וועסט מיר ליב האָבן? ס׳וועט דיר גוט זיין לעבן מיר...

ביי קאָנטשיטאַן אין מוח האָט עפּעס ווי אַ בליץ געטאָן, ס׳איז איר גלייך קלאָר געוואָרן, אַז עפּעס נישט נאָרמאַלקייט, עפּעס עקלדיקס איז דאָ אין דער פאַרוואַלטערין, וואָס איז איר דערווידער.

קאָנטשיטאַ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר:

— איר אַזעלכע... פאַרהאַסטע! איצט פאַרשטיי איך... מיינסט כ׳האָב ניט געזען ווי די בלוטיקע מערדער האָבן דערמאָרדעט אַ מ׳ענטשן...

... אויף מאָרגן האָט זיך אין טורמע אַריינגעגנב׳ט אַ שטיקל צעריבענע צייטונג, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, מיט אַ טרוקענעם נאָטיץ, וואָס איז אַרויסגענומען פון פּאָליציייאישן פּראָטאָקאָל:

קאָנטשיטאַ, אַ יונגע זיבעצן יעריקע פּראָסטיטוטקע איז דערשאָסן גע־וואָרן ביים אַנטלויפן. זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון מאַשין וואָס האָט איר געפירט צו אַן אויספאָרשונג...

זיין מאַיעסטעט די כאָלעוועס...

— 1 —

שאָטנס פון הונגעריקע געשטאַלטן טונקלען זיך ביי לייזערן אין שטוב. שוין אַ לענגערער צייט ווי לייזער איז אַרבעטסלאָז ביי זיין פאַך שטעפּעריי. פון צייט צו צייט לאָזט ער זיך ארויס אין די גאַסן, איבער די פאַבריקן, צו זיין פאַבריק, אפשר איז דאָ אַביסל אַרבעט. מ'קען דאָך ניט אויסגיין פון הונגער.

און פייגע, די ווייב, ווי קען ער איר קוקן גלייך אין די אויגן אריין? און די קינדער? אויף זיי איז דאָך אַ ביטערער רחמנות.

אמת, דער וואָלפישער הונגער איז שוין פאָריבער, איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער שטאָל־נאָגיק־שווער־פּילבאַרער הונגער, וואָס האָט זיך ווי בדיקת־המץ קרישקעלעך אַריינגעפּאַסט אין אַלע ווינקעלעך. שטיל איז שוין דאָס שטוב־געזינדל ביי לייזערן געזעסן. דער אַפּעטיטנער הונגער־שטורעם איז אַן אויסגעהאָרעוועטער, אַן אָפּגעקוילעטער ווי אַן אָקס געלעגן...

דאָס מעבל איז שוין געוועזן אויספאַרקויפט. עפּעס אַזעלכעס ווי צוויי בעטן האָבן זיך ווי פאַרלאָזענע יתומים אויפגעהאַלטן אין פאַרשטיקטן פינסטערן צימער.

לייזער איז געזעסן און זיך געשפּילט מיט די קינדער, געזוכט צו פאַרטרייבן אייגענעם און קינדערישן הונגער.

פייגע איז אריינגעקומען פון גאַס. אויגן האָבן זיך הילפלאָז באַגעגנט:

— האָסט עפּעס געברענגט, מאַמע?

— יע, געברענגט יסורים!

— פייגע!

— וואָס ווילסטו, כ'זאָל ראַבעווען? מען וויל שוין מער נישט באַרגן! כ'זאָל גיין אַנדערשוואו באָרגן — זאָגן זיי.

— האָסט זיי ניט געזאָגט, אַז איך וועל אינקורצן קריגן אַרבעט, וועל איך באַצאָלן.

— זע, דעם שיינעם בעל־דרשן? אפשר וועסטו אַליין זיך גיין שוואַרצן דאָס פּנים, אַז ביסט אַזאַ קלוגער?

— וועט מען שוין היינט גאָרניט עסן? און די קינדער?

— און אפשר וועסטו גאָר גיין צו דיינע רייכע לאַנדסלייט? זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, אפשר וועלן זיי דיר אויסבאָרגן עטלעכע דאָלער?

— צו די לאַנדסלייט, זאָגסטו? כ׳וואָלט זייער ניט געוואָלט אָנקומען צו זיי. זיי וועלן עס גלייך אַהיים שרייבן. און אַליין וויסן זיי דען ניט?... און אפשר טאַקע איצט צוגיין? כ׳וועל זיי דאָך אָפּגעבן, ווען איך וועל אָנהויבן אַרבעטן.

:: :: ::

לייזער איז צוגעקומען צום געשעפט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער גרויסער שילד, וואו ס׳איז געשטאַנען מיט ריזן־פעטער שריפט דער נאָמען פון זיין לאַנדסמאַן, „כאַסע זאַלמאַנאָוויטש”. די האַרץ האָט אים אַ טיאַכקע געטאָן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אַריין אינעווייניק. די קונים האָבן געהאַלטן אין איין רעש׳ן, דינגען זיך. איינער זוכט אַרונטער־צורייסן פונעם פּרייז, דער צווייטער וויל אויף אַ לענגערן טערמין דעם קרע־דיט. ביי לייזערן לויפן אַדורך רעיונות פון זיין לאַנדסמאַן, וואָס קען אפילו קיין רעכענונג נישט מאַכן, און דאָך...

— האָסט עפּעס געוואָלט, לייזער?

צי ער האָט עפּעס געוואָלט?

— הם... יאָסל... כ׳בין אין אַ געדריקטער לאַגע... כ׳אַרבעט שוין ניט ביי אַכט מאָנאַטן... קענסט מיר באָרגן עטלעכע דאָלער... ווען איך וועל אָנהויבן אַרבעטן, וועל איך אָפּגעבן...

דאָס פּנים ביי כאַסע זאַלמאַנאָוויטש האָט זיך אָנגעבלאָזן...

— הם... ניין!... כ׳האָב נישט!

— יאָסל ניט מער ווי צוויי דאָלער.

— צוויי דאָלער? רעדסט עס אַזוי אַרויס, צוויי דאָלער! האָסט שוין היינט פאַרדינט צוויי דאָלער?

— יאָסל... דו הערסט?... ביי מיר הונ—גערט—מען... נישטאָ גאָר־נישט!... כ׳וויל זאָלסט מיר באָרגן — און ניט שענקען...

— גיי צו דיינע חברים, וועלכע סטרייקן ביי מיר אין שנײַדעריי, זאָלן זיי דיר באָרגן... איך וועל האָבן מער מצוה, ווען איך וועל די פּאָר דאָלער

אהיימשיקן אַ קרוב... לאַנדסלייט זיך אָנגעזעצט! מען קען זיך גאָרנישט אָפּטשעפּען פון זיי!... כאַטש נעם און גיב זיי אַוועק אַלץ וואָס דו פאַר־מאָגסט!

לייזער האָט דערפילט אַ ניט גוטסקייט, ווי עפּעס אַ וואָרעם וואָלט לעבן אים געלעגן, וואָס וויל זיך אַריינרייסן צו אים אין האַלז אריין. די בושה האָט אים אָנגעהויבן שטיקן, ער האָט געפּרואווט אַ הויב טאָן די האַנט, זי האָט זיך ניט באַוועגט. ווי אַ פּאַראַליזירטע האָט זי זיך נאָכגעהאַנגען:

— גנב!

— רויטער

— מערדער!

— 2 —

דער פּאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן, די פּאַרנעדיקע פאַר־נעפּלטקייט האָט געגומען אָפּגיין, אויסלייטערנדיק אַ רויט־זוניקן פרימאָרגן. די טראַמווייען האָבן אָנגעהויבן מער פונקציאָנירן, קלינגען, וואָרענענדיק די פאַרשלאָפענע מענטשן וואָס שפּרייזן אַריבער די גאַסן. אַ טייל פאַבריקן הויבן אָן זייער זעקס־פרימאָרגן תפילה פון אַרבעט. די גאַסן קאַפע־פּאַר־קויפער לויפן שוין אום פאַרשוויצטע אָנבאַטנדיק זייער איין סענטיקע קאַווע, די אָרעמערע אַרבעטער שטעלן זיך אָפּ, קוויקן זיך מיט דער ביליקער וואַסערדיקער קאַווע, אַבי דער גאָרגל זאָל ווייכער ווערן אויפן פרימאָרגן.

לייזער דער שטעפּער איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעוואַשן די אויגן פון נאַכטיקן צער, און אַכט מאָנאַטדיקע אַרבעטסלאָזיקייט. פייגען האָבן דעם מאַנס טריט אויפגעוועקט:

— גייסט אַוועק לייזער?

— נו, אוודאי גיי איך!

— האָסט שוין געקראָגן עפּעס אַרבעט?

— כ'ווייס? אפשר! מען האָט צוגעזאָגט!

— וואָס עפּעס אזוי פרי?

— דער בעל־הבית וואו איך האָב פריער געאַרבעט, האָט מיר געזאָגט איך זאָל צוקומען גאַנץ פרי אפשר וועט ער מיר קענען געבן אַביסל אַרבעט.

— נו, אפשר וועלן מיר שוין אויך אַמאָל געהאָלפן ווערן.

לייזער האָט שטיל, די קינדער זאָלן זיך ניט אויפכאַפּן, אויפגעעפנט די טיר, אַ קוק געטאָן אַנטקעגן איבער זיין טיר וואו זיין קאָנקורענט שמואל

שטעפּער האָט געוואוינט, די טיר איז נאָך געווען פאַרמאַכט, האָט לייזער פריער אָפּגעאָטעמט:

— ער וועט היינט זיכער מיט מיר זיך ניט טרעפן! ווי ס׳ווייזט אויס, ווייסט ער ניט, אַז ס׳וועט אפשר שוין היינט זיין אַביסל אַרבעט ביים באַלעבאָס.

די רעיונות אָנגעשאַרפטע האָבן זיך געשלייפט אין אַרבעטסלאָזן מח, און צוגעגעבן אַביסל מוט דעם דערשלאָגענעם שטעפּער.

ער האָט זיך אַריינגעקערעוועט מיט שנעלע טריט אויף פּיקאָטאַ גאַס, אָפּשטעלנדיק זיך ראָג מערסער דערלעבן אַ „סענטיקן קאַווע פּאַרקויפער".

— קענסט אפשר באָרגן אַ קאַפּע, אַמיגאָ? כ׳וועל אָוועקגעבן! איך גיי איצט צו דער אַרבעט.

— דיר פּאָלאָקאָ וועל איך באָרגן! כ׳ווייס ווסט אָפּגעבן! די פּאָ־לאָקאָס גיבן אַלע אָפּ! פון זעקס ביז זיבן שטיי איך שטענדיק אויפן זעלבן פּלאַץ.

— אַדיאָס אַמיגאָ!

— האַסטאַ מאַניאַנאַ!

לייזער האָט אָנגעהויבן פאַרלענגערן די טריט, איינשלינגענדיק די גאַסן, לאָזנדיק מיטלויפן דער פאַנטאַזיע.

אָט ווייזט זיך אים אויס, ווי נאָך אַכט מאָנאַטן אַרבעטסלאָזיקייט קומט ער אַריין צו זיין באַלעבאָס, ער דערלאַנגט אים עטלעכע טוץ באַלעוווקעס, ער נעמט זיי ווי אַ איידל שטיקל צירונג אין די הענט אַריין, באַטאַפּט זיי, באַקוקט זיי פון אַלע זייטן מעשה פּאַכמאַן:

— ס׳איז ניט קיין פּראָסטע אַרבעט, לייזער! זע עס צו מאַכן ווי עס באַדאַרף צו זיין! ס׳איז אַ נייער מאָדעל, זע עס זאָל ארויסגיין גוט!

— צו ס׳וועט ארויסגיין גוט? ס׳איז דען שוין אַמאָל ביי אים ארויס שלעכט? בלינדערהייט וואָלט ער געקענט אויסשטעפּן אַזאַ באַלעווקע.

און אָט דאַכט זיך אים, זיצט ער שוין ביי זיך אין שטוב, און שטעפּט די באַלעווקעס מיט די טשאַטשקעלעך לעצטער מאָדעל, און די באַלעוווקעס פליען פון מאַשין ווי שפּילפייגעלעך פון שטייגל. אין שטוב דאַכט זיך אים איז אַ שמחה. פייגע ווערט לעבעדיקער, פּאַרייסט דאָס קעפּל, און גייט מיט שטאָלצע טריט אין „באָדעגע" אַריין, באָרגן דאָס לעצטע מאָל.

— מיין מאַן אַרבעט שוין! שבת וועלן מיר אָנהויבן צאָלן אויפן חוב!

— און ווער מאַנט אייך דען? איך זאָל ווסן אַז איר וועט ניט אָוועק־געבן, וואָלט איך אייך דען אָנגעהויבן באָרגן?

די פֿאַנטאַזיע ביי לייזערן צעשפּילט זיך אַלץ מער: ער זעט ווי דאָס בעסדיקע פּנים ביים קצב לייטערט זיך אויס, און פֿון די ליפּלעך ביי אים אונטערן בערדל שיילט זיך אויס אַ שמייכעלע:

— אַ גוט פֿונט קעלבערנס! און אפשר אַ צינגל? נעמט... נעמט!...

אַן אויטאָבוס פֿאָרט אַן, און פֿאָרט אַריין אין לייזערס זיסע געדאַנקען:

— דו פֿאַלאַקאַ! קוק וואו דו גייסט! אַן איבערגעפֿאָרענעם פֿאַלאַקאַ אויפֿן פֿרימאָרגן איבערביים וויל איך ניט האָבן! צו אַ רייכער ביסן פֿאַר מיר!... האָסטו געהערט?...

אין אַן אַנדער צייט וואָלט לייזער אין כעס געוואָרן אויפֿן שאָפֿער, און וואָלט אים אָפּגעענטפֿערט, איצט איז אָבער אַלץ אַזוי זיס, אַזוי גוט, און ווי קען ער זיך גאָר בייזערן אויף מענטשן?

לייזער האָט אפילו ניט געפֿילט ווי שנעל ער איז אָנגעקומען צו דער פֿאַבריק. ער האָט נאָר וואָס אָנגערירט דאָס טירל, אַ קאַלטער שווייס איז אים אַרום אויף די דאַרע בלוטלאָזע אויסגעהונגערטע באַקן. עפּעס אַ קעלכל אַזאַ באַקאַנט, אַזאַ שניידנדיקס פֿאַסמעט זיך אין זיינע אויערן.

— ס'קען ניט זיין ער זאָל זיך האָבן געפֿעדערט? יע, דאַכט זיך... דאָס איז ער... ס'איז שמואל! ער וועט שוין אוודאי צונעמען דאָס ביסל אַרבעט...

זייערע אויגן גזלנישע, און צו דער זעלבער צייט פֿול מיט צער, כעסן זיך, שפּיזן איינער אויפֿן אַנדערן, אויגן לעבער פֿאַרטרערטע, אויסגעסטאַר־טשעטע בעטן זיך מיט פֿיינלעכער הילפֿלאָזיקייט:

— האָב רחמנות, לאָז מיר נעמען דאָס טוץ כאַלעוועס... ביי מיר הונ־גערט מען שוין לאַנג... ביי מיר זענען דאָ קליינע קינדער... שוין לאַנג קיין שטיקל ברויט אין שטוב נישטאָ... און מיר באָרגט מען שוין נישט...

די אַנדערע אויגן שטייען אויך ניט אָפּ:

— לאָז פֿאַר מיר דעם טוץ כאַלעוועס, וועסט שוין ניט רייך ווערן מיט די פֿופֿציק סענט, און ביי מיר אין שטוב איז אַ קינד קראַנק געוואָרן... כ'וועל אַ פֿלעשל מילך קויפֿן און כ'וויל אויך אַ מאַרקע קויפֿן, אַ בריוו קיין אַמעריקע שרייבן, אפשר וועט מען עפּעס צושיקן...

אויגן ראַנגלען זיך אַן רחמנות, קענען זיך ניט בייקומען. דער באַ־לעבאָס מישט זיך אַריין:

— כ'וועל מער ווי פֿערציק סענט ניט צאָלן! שלעכטע צייטן, די קונים האַלטן אין איין אַראָפּרייסן פֿון פּרייז.

לייזער האָט זיך דער ערשטער צוגעשאַרט צו דער טיר.

— אַז דו ווילסט נעם דו די אַרבעט, שמואל. איך וועל בעסער הונ־גערן, איידער אָוועקשענקען מיינע כוחות דעם, וואָס וויל מיר אויסנוצן, עקספּלואַטירן! אַ גאַנץ טוץ באַלעווקעס וועל איך ניט מאַכן פאַר פופציק סענט. שוין צופיל!...

— און איך וועל אויך ניט מאַכן פאַר פערציק סענט קיין טוץ באַלעווו־קעס. איך האָב עס אין דר'ערד!

ביידע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשאַרן פון דער טיר, עפּעס אייגנס, חברישקייט האָט זיי צוזאַמענגעקניפּט קעגן זייער אמתן שונא...

דער באַלעבאָס האָט זיך פאַרשעמט, דערשראָקן פאַר זייער ברוּ־דערלעכקייט:

— נו, מילא, נעמט די אַרבעט. נאָט אייך נאָך צוויי טוץ, אָבער איר מוזט עס מאַכן שנעל, ווייל מ'דאַרף נאָך די וואָך אָפּשיקן די שיך אין געשעפט אַריין...

ביידע קאָנקורענטן האָבן זיך איבערגעקוקט אין אַ געהאַפּטן שמייכעלע. עפּעס „אייגנס" האָט זיי דערנענטערט, איין מחשבה האָט זיי באַהאַפּטן. זייערע אויסגעדאַרטע הענט האָבן זיך אַ צי געטאָן צו זיין מאַיעסטעטע, די באַלעווקעס, זיי אין איין זעקל אַריינגעפּאַקט און חבריש אַרויסגע־שפּאַצירט פון פאַבריק.

דער באַלעבאָס האָט מיט קנאה נאָכגעקוקט די צוויי קאָנקורענטן און פאַר זיך אַ זאָג געטאָן:

— שטאָלצע קבצנים!

לייזער און שמואל האָבן זיך אַריינגעדרייט אויף מערסער. שמואל האָט דער ערשטער אָנגעהויבן רעדן:

— וואָס זאָגסטו ניט אויף אונזער באַלעבאָס?

— ער איז שוין יענער פּאַסקודניאַק!

— פאַר די דאָזיקע מענטשן טאָרסטו קיינמאָל ניט ווייזן קיין רחמנות פּנים.

— זיי זענען פון צעמענט!

— פון שטאָל!

— אַז מ'זאָגט בלוט־זייגערס, איז עס אמת!

— נו, וואָס דען האָסטו געמיינט, זיי זענען פון סאַמעט?

— נו ווי דען? זיי ווילן דאָך גלייך זאָלסט זיי די נאַקעטע לונגען אוועקלייגן.

ביידע שטעפּער זענען צו זייערע שטובן צוגעקומען. שמואל איז מיט־אריינגעגאַנגען צו לייזערן, לייזער האָט ארויסגענומען די כאַלעוועס און די העלפט געגעבן שמואלן. לייזערס ווייב האָט אָנגעהויבן גלאָצן פאַר־וואונדערט מיט די אויגן. אַ לקוי־חמה בייזקייט האָט זיך ארויסגעפּריש־טשעט פון איר געזיכט.

לייזער האָט צו איר אַ שמייכל געטאָן:

— נאַרעלע, איצט וועט שוין זיין אַרבעט! ס'איז ניט קיין אונטערשייד ווער פון אונז וועט ברענגען די אַרבעט. וואָס ווייניקער מיר וועלן נאָכ־לויפן דעם באַנדיט, אַלץ בעסער וועט זיין...

II

דער לעבנגעבליבענער

— 1 —

דער טעלעפאָן האָט אַ קלונג געטאָן, גראָסמאַן האָט אַ נעם געטאָן דאָס טרייבל, אַ וויש טוענדיק זיך מיט אַ טיכל דעם קיילעכדיקן נידעריק געשוי־רענעם קאָפּ:

— האַלאָ! האַלאָ!

— מיסטער גראָסמאַן, איר קענט ניט צוריקשיקן די סחורה! עס איז ניט סוחריש! עס קען דאָך ניט זיין אויסגעשטעלט אויף דער מינוט! איר מאַכט דאָך מיר אַ גרויסן שאָדן!

— עס טוט מיר לייד!...

— אָבער מיסטער גראָסמאַן?...

גראָסמאַן האָט אָפּגעקלאַפּט דעם טעלעפאָן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אומגערעכט. ער האָט טאַקע ניט געדאַרפט צוריקשיקן די סחורה. איז עס דען אַ פאַרענטפערונג, אַז די סחורה איז אָנגעקומען פאַרשפעטיקט אויף אַ שעה? אָבער גראָסמאַן האָט זיך ניט געקענט העלפן, ער האָט עפּעס געפילט אַ מאָדנעם פאַרגעניגן צו מאַכן יענעם ליידן. ער ווייסט אַפילו וואָס דער סוחר וועט איצט טראַכטן... אַ משוגענער! דער צעדרייטער גראָס־מאַן!... אין דער ערד זאָל ער גיין, דער גראָסמאַן! ער האָט אַ שמייכל געטאָן, פאַרביסן אַ ליפּ און אַ צי געטאָן אַ שפּיגעלע וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן לעבן זיין זייט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, דאָס קיילעכדיקע פּנים האָט זיך מיט אים גערייצט, די אויגן האָבן זיך אַליין געשניטן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: אַ מענטש זאָל זיך אַליין פיינט האָבן?... ער האָט געמאַכט אַ גרימאַסע ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פרעמדן און ניט וועגן אים אַליין און ווי־

דער אַ טראַכטן געטאָן: ווי קען זיך אַ מענטש אַליין פּיינט האָבן? ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס טרייבל, זאָל ער הייסן שיקן די סחורה?... ניין, ער וועט עס ניט טאָן! זאָל ער דאַרט ליידן! גראָסמאַן טאָר אַנדערש ניט זיין! אויב אַנדערש איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט!... הייסט עס דען געלעבט?

ער האָט אוועקגעשטעלט דעם שפּיגל און זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ. די אַנגעשטעלטע האָבן אָנגעהויבן וואַרפן זייטיקע בליקן און ציטערן, ווייל יעדעס מאָל ווען גראָסמאַן ווערט אזוי צעטראָגן לאָזט ער אויס דעם כעס צו זיי. ניט איינמאָל קומען פּאַר סקאַנדאַלן. דאָך איז ער דאָס מאָל גע־בליבן גאַנץ אַנדערש. ער איז ווי איינגעזונקען געוואָרן אויפן פּלאַץ, אפילו ניט געקוקט אין זייער זייט. מחשבות האָבן זיך אָנגעהויבן בינדן און אויפ־בינדן: וואָס זענען די אַלע מענטשן, מיט וועלכע ער קומט אין קאָנטאַקט, שולדיק אין זיינע ליידן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַנדערש ער איז געווען אַמאָל, גאָר אַמאָל, איידער ער האָט אדורכגעמאַכט קאָנצענטראַציע לאַגערן... ער האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס וואָס האָט אים געמאַכט אויפשוידערן ביז די ביינער. יעדעס מאָל ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם, וואָלט ער געוואָלט די גאַנצע וועלט דערטרינקען און אויב אויך ניט אומברענגען, איז כאָטש מאַכן זי גוט ליידן! אויב מען קען זיך מיט זיי ניט טיילן מיט פרייד, איז דאַרף מען זיי איינטיילן אביסל ליידן. זאָלן זיי פילן אַ קליינעם טעם.

גראָסמאַן האָט אַ לאָז געטאָן די געדאַנקען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויף צו ראַטעווען זיין אייגן פּנים וואָס ער האָט איצט אזוי פיינט, האָט ער אָפּגעטאָן אַ סך זאַכן. ער האָט געהאָלפן פייניקן אידן, ער האָט צוגע־טראַכט אַזעלכע זאַכן וואָס די דייטשן וואָלט אפילו ניט געווען איינגעפאַלן. ער האָט אפילו מיט די אייגענע הענט זיי געוויזן אַ נייעם מעטאָד ווי אזוי אומצוברענגען אַ קינד, אַז די אָנוועזנדע זאָלן זיך אפילו ניט כאַפּן... ער איז געבליבן לעבן, ווייל זיי אַליין האָבן פאַרגעסן אין אים, אַז ער איז אַ איד... ער איז דאָך שוין לעצטנס געווען פּונקט ווי זיי. יעדעס מאָל ווען ער דערמאָנט זיך אין זיינע איבערלעבענישן און אַ דאַנק וועלכע סיבות ער איז געבליבן לעבן, פילט ער אַ זייער שטאַרקן עקל צו זיך אַליין. ניט איינ־מאָל האָט ער שוין געטראַכט פון מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן און ווידער גיט ער זיך אַ דערמאָן: ווי טייער איך האָב באַצאָלט פאַר דעם שטיקעלע לעבן? וואָס האָב איך אַלץ ניט אָנגעוועגדעט איבערצולעבן די קאַטאַסטראָפע, איז ווי קען איך איצט עס אַוועקגעבן פאַר אַ נישטיקן פּרייז. ניין! איך מוז לעבן!

ער האָט ווידער אַ נעם געטאָן דאָס שפּיגעלע. אינדערשטיל האָבן די אַנגעשטעלטע זיך איבערגעקוקט און איבערגעוואָרפן מיט ווערטער: ווי ליב

ער האָט זיך! ער איז פאַרליבט אין זיך אַליין!...

גראָסמאַן האָט געקוקט אין שפּיגל און גערעדט אינעווייניק צו זיך אַליין. — יאָ, איך האָב נאָך אין מיר אַ גרויסן ווילן צו לעבן! אַלע צו'להכעיס וועל איך לעבן! מען איז שלעכט געווען צו מיר און איך וועל ווייטער שלעכט זיין! אזוי איז די וועלט! אזוי דאַרף זי זיין! ניטאָ קיין בעסערע מאָראַל! די וואָס זענען שוואַך זאָלן פאַלן, איך בין שטאַרק! נו, געוויס בין איך שטאַרק! גאָר שטאַרק און מיט אַמביציעס! אָט האָב איך זיך גע־ראַטעוועט, געקומען אין אַ פרעמד לאַנד, אָן אַ שפּראַך און אָט שטיי איך שוין אריינגעטאָן אין גרויסע געשעפטן... גראָסמאַן לעבט... עס איז ניט קיין נס, עס געשען ניט קיין נסים! מען דאַרף גיין מיט זיכערע טריט!

עס איז אים אַדורכגעלאָפן אַ מחשבה וואָס האָט אַ שטאָך געטאָן ווי אַ נאָדל: זיי זוכן מיר געוויס אָרום, די לעבנגעבליבענע... אָט אָן אַרבעט זיי האָבן זיך עס אָפּגעזוכט? אויף דעם זענען זיי עס געבליבן לעבן? נאַרישע מענטשן אויף דער וועלט!... זיי קענען גאָרניט פאַרגעסן. עס ענטפערט אים אפילו צוריק אָן אינערלעכער געדאַנק: האָסטו שוין דען פאַרגעסן דיין טייל?... נאָר אויך דאָס זוכט ער צו פאַרשווענקען. ער איז דאָך געבליבן איינער אַליין, ניט געבליבן אפילו קיין קרוב! נאָך גוט וואָס קיין ווייב און קיין קינדער האָבן זיך ניט געדרייט אין דעם גערانגל פון לעבן, ווער ווייסט, אפשר וואָלט ער צוליב זיי אויך געווען אומגעקומען? נאָר וועגן דעם וויל איצט אפילו גראָסמאַן מער ניט טראַכטן. עס האָט זיך ביי אים אויסגעאַר־בעט אַ פילאָזאָפיע, אָן אייגענע און דאָך ניט אָן אייגענע. זי איז ביי אים איינגעפלאַנצט געוואָרן און ער קען זיך פון איר ניט באַפרייען. אָן דעם וואָלט דאָס לעבן אינגאַנצן פאַרביטערט געוואָרן. און ער פילט דאָך שטענ־דיק, אַז ער לעבט עמיצן צו'להכעיס...

— 2 —

גראָסמאַן שפּאַצירט איבער די גאַסן. מענטשן גייען, ער זעט אַ מין צו־פרידנקייט אויף זייערע פּנים'ער, ווען ער וואָלט זיי געקענט איצט מיט עפּעס ווי מאַן? ווי קען ער עס טאָן? ווייסט ער דען ניט, אַז די וואָס קענען אים און קומען מיט אים אין קאָנטאַקט, האָבן שוין ניט איינמאָל וועגן אים גע־זאָגט: דער משוגענער גראָסמאַן!... אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט? זיינע האַנדלונגען זענען דאָך באמת אזוי מאָדנע. ער גייט פאַרטראַכט אין זיינע רעיונות, פאַרשידענע בעטלערס שטרעקן צו אים אוים די הענט, יעדער איי־

נער זכט דורך זיין פנים ארויסצורופן אביסל מיטלייד. זייערע קליידער זענען שמוציק און אָפּגעריסן; ער האָט דאָך אַזויפיל געזען אין זיין לעבנס וועג; ער האָט שוין געזען פּנים׳ער וואָס האָבן זיך אַ סך מער ווי די געבעטן אַ קליין ביסעלע רחמנות. ביי אים און זיינע באַלעבאָטים איז דאָס וואָרט אינערגעץ ניט געווען איינגעשריבן... ווען ער זאָל איצט האָבן און פּילן עפּעס צו די דאָזיקע בעטלערס וואָלט ער שוין געדאַרפט זיך אַליין אויפהענגען אויף אַ שטריק... צוליב דעם איז ער ניט לעבן געבליבן! בשום אופן ניט!

אַן אויטאָמאָביל איז פאַרבייגעפאָרן, שיער ניט אַריבער איבער אים. דאָס פּנים פון שאָפער האָט זיך ווי אַנטשולדיקט פאַר אים, כאָטש עס איז געווען זיין אייגענע שולד. ער איז דאָך אַריבער אַ פאַרטראַכטער. דער שאָפער האָט בלויז אַ זאָג געטאָן: האָסט געהאַט מזל!

אַ נאַרישער שאָפער: ער ווייסט ניט, אַז איך גלויב ניט אין קיין מזל! און וואָס פאַר אַ גליק עס קען זיין וואָס איך בין לעבן געבליבן? וואָס גייט אים אָן מיין מזל? ער פרייט זיך דען מיט דעם וואָס איך בין לעבן געבליבן? ער פרייט זיך דאָך בלויז מיט דעם וואָס איך האָב אים איינגעשפּאָרט צרות!.. ער האָט דאָך מורא פאַר זיין אייגענער פעל...

אַ בעטלער איז ווידער צוגעקומען, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און מיט אַ שטילער רחמנות שטימע אָנגעהויבן פּליסטערן:

— מיסטער, סעניאָר, אַ סענט! עפּעס גיב! נאָך היינט ניט געגעסן.

גראָסמאַן האָט געוואָלט אַ לאָז טאָן די האַנט אין דער קעשענע, נאָר ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך דעם וועט קומען אַ שמייכל און אַ דאַנק, ווי עס איז די טבע פון יעדן בעטלער. און שטילער־הייט ווען ער וועט אַוועקגיין, וועט ער אים געווים אין די געדאַנקען אָנ־שעלטן... עפּעס פון דעם האָט ער דאָך שוין אַליין אויך אַמאָל אַדורכגעלעבט...

ער האָט צוריק ארויסגעכאַפּט די האַנט, האָט זיך ווי פאַרשעמט פאַר זיין גוטסקייט און אין די געדאַנקען אָנגעהויבן פאַרענטפערן פילאָזאָפיש דעם אונטער־געדאַנק וואָס האָט באַוויזן, אַז ער האָט מאָמענטווייז שוואַכ־קייטן... אָט איז ער שוין גרייט געווען צו ציען אַ מטבע פון קעשענע פאַר אַ בעטלער. אין מוח ביי אים האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע דיסקוסיע:

— אפשר טאַקע געדאַרפט געבן? עס איז אַ רחמנות!...

— רחמנות? ניטאָ אַזאַ מין זאַך?

— אפשר בין איך גאָרניט אין אָרדענונג. געדאַרפט אפשר זען אַ דאָקטאָר...

— אפשר גאָר איז עפּעס ביי מיר געווירט וואָס צעטיילט דעם קערפּער

און נשמה. די דייטשן האָבן שוין פאַר דעם זייער אויסטייטשונג... לויט געוויסע האַנדלונגען בין איך נאָרמאַל און לויט געוויסע... צום טייוול! וועגן וואָס טראַכט איך איצט? וואָס הייסט ניט נאָרמאַל? אויב איך קען יעדע זאַך אַזוי גרינטלעך אויסטייטשן און באַרעכענען, איז דאָך ניט שייך צו רעדן וועגן דער אַבנאָרמאַליטעט... מען זאָגט אַפילו, אַז גייסטיק אַב־נאָרמאַלע מענטשן זענען מענטשן וואָס דענקען, אַרבעטן אַפילו אויס פאַר־שידענע פּלענער.

דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן האַסטיקער צו קלאַפּן, ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם אייגענעם אַנאַליז. אַפילו אַ דאָקטאָר איז דאָך איבער זיך אַליין ניט קיין דאָקטאָר! ער האָט אַ שמייכל געטאָן פאַרן לעצטן געדאַנק. ער איז געווען צופרידן מיט זיך: אָט דאָס קען דאָך קיין אַבנאָר־מאַלער מענטש ניט זאָגן!... עס איז בלויז דאָס, וואָס איך האָב זיך דאָרט אויסגעלערנט אַ סך נאָכצודענקען! מען האָט כסדר געלעבט אויף קאַלקו־לאַציע, דערפאַר קומען מיר די געדאַנקען... „דער משוגענער גראָסמאַן", האָט פון ערגעץ אַ ווינקל אין די געדאַנקען אַ שפּרונג געטאָן אַ טשוואָק און זיך אַריינגעקלאַפּט ביי גראָסמאַנען.

— משוגעת? דאָס בעסטע וואָלט געווען ניט טראַכטן!... ניט טראַכטן? שיין וואָלט איך אויסגעזען, ווען איך וואָלט אַפילו מורא געהאַט צו טראַכטן. דאָס אַליין קען דאָך איינעם טרייבן צו משוגעת... נו יאָ, איז וואָס? האָב איך ניט געוואָלט אָדער יאָ געוואָלט און ניט געגעבן קיין נדבה, איז וואָס? רחמנות? איך גלויב מער ניט אין דעם! אַ מענטש צו אַ מענטש טאָר ניט האָבן קיין רחמנות! די גאַנצע טראַגעדיע פון דער וועלט איז דאָס וואָס איינער האָט זיך פאַרלאָזט אויפן צווייטנס רחמנות! דאָס וואָרט וואָלט אַפילו אין קיין ווערטער־בוך זיך ניט געדאַרפט געפינען!... רחמנות האָבן האָב איך געדאַרפט אויפן בעטלער, דאַן וואָלט איך געווען נאָרמאַל... אָדער ווען איך שטעק באַלד ניט די האַנט אין קעשענע וואָלט אויך געווען נאָרמאַל, אָבער חרטה האָבן איבער אַ סענט?... אַ סענט? עס גייט דאָך ניט אין דעם... עס גייט דאָך אין מאָראַל... מאָראַל? פון ווען אָן רעדט איך עס פון מאָראַל... מיין גאַנץ לעבן איז דאָך אוממאָראַליש, ציים היטלער איז אויפגעקומען און באַשלאָסן, אַז איך דער איד גראָסמאַן, האָב ניט קיין רעכט צו לעבן.

גראָסמאַן האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ מידקייט. ער גייט דאָך אינגאַנצן אָן אַ ציל. ער האָט זיך געפּרואווט צוזעצן. האָט ער דערפילט אַן אומרואיקייט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן גיין אָן אַ ציל. די געדאַנקען האָבן זיך ווידער גע־

באָדן און געשוואומען מיטן בעטלער, כאָטש ער האָט זיי געזוכט ...ניט עפּעס אַנדערש צו פאַרטרייבן. ניין, ניט משוגע בין איך, נאָר נאַריש, גאָר נאַריש אויב דאָס איינציקע וואָס פאַרנעמט מיינע געדאַנקען איז די אויסגעשטרעקטע האַנט פון בעטלער. צום טייוול מיט אים! אַזויפיל מענטשן גייען פאַרביי, קוקן זיך, אפילו ניט אום, גיבן גאָרניט און טראַכטן אפילו ניט איין רגע וועגן דעם און מיר האַלט עס אַזוי נאַריש געפּעגטעט... אַ משוגעת!... משוגעת, האָב איך געזאָגט? נו, איז וואָס? מאָלע אַ מענטש גיט וועגן זיך אַליין אַ זאָג, עס מיינט דאָך גאָרניט... איז פאַרוואָס בין איך עפּעס אויפגעשפּרונ־גען? אַ נאָרמאַלער מענטש וועט דאָך וועגן דעם קיין סעקונדע ניט פאַרלירן! וואָס וואָלט דאָך געווען ווען איך נעם אַרויס אַ סענט און גיב דעם בעטלער? איך וואָלט דאָך באַפרייט געוואָרן פון מיין אייגן געהירן קעסטעלע וואָס האַלט מיר פאַרשפּאַרט אין אַ טורמע... עס וואָלט געווען קעגן מיינע אייגענע פּרינציפּן... אָט האָסטו דיר, פּרינציפּן! אַ מענטש מיט פּרינציפּן! נאָך גוט וואָס איך קען ניט זען מיין אייגן אינערלעך געלעכטער! אַ מענטש מיט פּרינציפּן קען קיינעם ניט פיינט האָבן... דאָס אַליין איז דאָך פּרינציפּ... אַ מענטש האָט פּרינציפּן אָבער... ווען אַ מענטש הויבט צופיל אָן צו גיין פּרינ־ציפּיעל איז ער אין געפאָר אַרונטערצופאַלן צו משוגעת... פּרינציפּעלע משוגעת... ניטאָ אַזאַ מין זאַך!... עס איז סתם פּלוידערייען פון מיין זייט! נו, עפּעס איז ניט אין אָרדענונג מיט מיר. אַ מענטש זאָל זיך פּלאָנטערן אין די אייגענע געדאַנקען?... דאָס אַליין קען דאָך טרייבן צו משוגעת!... ווי מורא איך האָב עס פאַר משוגעת? אַ מענטש וואָס האָט שוין אַזויפיל מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן, זאָל מורא האָבן פאַר דעם קרומען שריי־פּעלע אין מוח?! איז פאַרוואָס טראַכט איך גאָרניט וועגן דעם וואָס איך האָב סתם אַזוי צוריקגעשיקט די סחורה און וועגן דעם בעטלער טראַכט איך יאָ? איך האָב אייגנטלעך יאָ געקענט געבן, בלויז ניט געוואָלט, ווייל מען דאַרף ניט געבן! זיי ווילן דאָך בלויז לעבן אויף יענעמ'ס רחמנות! זיי פאַרלאָזן זיך אויף יענעמס גוטסקייט! זיי האַלטן, אַז דער מענטש איז צע־קראָכן, סענטימענטאַל און זוכט שטענדיק די געלעגנהייט צו טאָן עפּעס אַ מצווה. קיינער דאַרף ניט געבן, וועלן זיי וויסן, אַז דער מענטש גיט ניט, האָט פיינט צו טאָן אַ טובה, וועלן זיי אַליין עפענען אַ וועג צום לעבן... דער מענטש וואָס לעבט וויל עסן, וועט ער זיך שטופּן און די וואָס וועלן זיין צו שוואַך זיך צו שטופּן וועלן אומקומען! צו וואָס דאַרפן זיי דאָס לעבן? נו יאָ, די שוואַכע דאַרפן אומקומען...

גראָסמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, עטוואָס זיך דערשראָקן פאַר די

לעצטע ווערטער: ווי קען גאר א איד טראכטן אין אזעלכע טערמינען? איז עס ניט די לערע פון דעם פייניקער?... משוגעת... יא, אויך דאס האט ער געהערט: עס זענען דא פליטים וואס עס פעלט זיי א שרייפעלע... ניט אים מיינט מען עס! ער קען זיך נאך אליין אנאליזירן. עס איז אים עפעס מיט־אמאל געווארן אזוי היים, עס שטיקט אים, דאכט זיך אפילו די אויגן שווינד־לען עפעס. ער וועט זיך צוזעצן. ניין, דאס בעסטע איז ווידער גיין, זיך ניט אונטערגעבן, גיין פונקט ווי דאן ווען דער טויט האט געלויערט פאר די אויגן... דאס שווינדלען איז גוט, א מענטש ווי ער דארף זיך קענען אנהאלטן אין דער לופט, אין דעם שאטן פון טויט...

ער האט א קוק געטאן מיטן אויפגעהויבענעם קאפ און דערזען ווי די פארבייגייער קוקן אים אן און שמייכלען אונטער פארחידושט, ווי ער מאכט זיג־זאגישע טריט אין דער ברייט און אין דער לענג פון דער גאס. ער איז אביסל צו זיך געקומען און פארשעמט אנגעהויבן פארלענגערן די טריט:

— איך מאך זיך דאך משוגע!...

ער איז צוגעקומען צום ים. די לופט האט אים אביסל אויפגעפרישט, ער האט זיך אביסל פארשעמט פאר זיך אליין און געטראכט בשעת מעשה, אז עס טרעפט ביי אים א סך מאל, וואס ער פאלט אריין אין דעם קאשמאר פון שטימונגען. ער האט זיך אוועקגעזעצט. די מידקייט האט זיך ביי אים צעלייגט אין אלע גלידער. עס האט אים ניט געהונגערט, בלויז די ליפן האבן ביי אים געטריקנט אין א סלינע.

— 3 —

— האנס, האנס! — האט גראסמאן א שפיז געטאן מיט די קעציש אנגעצונדענע אויגן. — נו קום שוין צו!

דאס געלע הינטל האט אנגעשטעלט די אויערן, עטוואס באטראכט זיין באלעבאס, אראפבויגנדיק די פיס, האט ער זיך ווי א פארשולדיקטער א לאז געטאן. קיין גרויסן חשק האט דאס הינטל ניט געהאט איצט צוצוגיין, די שטימונג פון באלעבאס איז אים איצט ניט געווען קענטלעך. שוין שיינע עטלעכע מאנאטן ווי גראסמאן האט זיך איינגעהאנדלט א הינטל, די באקאנטע לאכן פון אים. ער איז זיכער, אז זיי זאגן געוויס „דער משוגענער גראס־מאן"... ער ווייסט איין זאך, אז אן דעם הינטל וואלט ער שוין ניט געקענט לעבן. עס איז פאר אים דער בעסטער דאקטאר און די בעסטע רפואה, ער קען זיך אויס'טענה'ן מיטן הינטל. עס פארשטייט אים און קען ניט אפ־

ענטפערן, ניט חוזק'ן און ניט אויסגעבן ווען ער וועט אפילו אַ נאַרישקייט אָפּטאָן...

די אָנגעשטעלטע פון זיין געשעפט האָבן אויך שטאַרק אָנגעהויבן ליב צו האָבן דאָס הינטל האַנס. זיי האָבן עס אָנגעהויבן צוזען און שטאַרק אָפּהיטן. אין דעם פאַל האָט גראָסמאַן געפילט, אַז ער קען צו זיי האָבן דעם פולסטן צוטרוי. זיי וועלן אים אָפּהיטן עס זאָל אים קיין שלעכטס ניט געשען. ער האָט שוין אפילו געמאַכט אַמאָל אַ פּרואוו און האַנסן געשלאָגן, זענען זיי צוגעלאָפן און אים געכאַפּט אויף די הענט. דאָס הינטל האָט דאַן צו אים אַריבערגעקוקט מיט שרעק, די אויגן האָבן געקוקט מיט רחמנות צום באַלעבאָס, ווי איינער זאָגט: וואָס בין איך שולדיק? איך וועל דאָך סיי ווי סיי פון דיר ניט אָפּטרעטן, ווען זאָלסט מיר אפילו דער'הרג'ענען!...

נאָך דעם איז גראָסמאַן געוואָרן אַביסעלע צעטראָגן, זיך געפילט אַביסל פאַרשולדיקט סיי פאַר די מענטשן און סיי פאַרן הינטל. ער האָט אים אַ נעם געטאָן, אָנגעהויבן גלעטן, קוקן אין די אויגן ביז די אייגענע האָבן אָנגעהויבן נעצן... ער האָט אָנגעהויבן פליסטערן:

— מיין קליינער האַנס! נו מער ניט, עס וועט שוין גוט זיין!

צו די אָנגעשטעלטע האָט ער אפילו אַריבערגעשמייכלט. אַ זאַך וואָס איז אַמאָל, בלויז מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק, ניט מעגלעך געווען ביי אים אַרויסצובאַקומען.

די אָנגעשטעלטע האָבן באמת ליב געהאַט דאָס געלע הינטל. זיי האָבן רעכט ניט געוואוסט פאַרוואָס. איין זאַך איז פאַר זיי קלאָר געווען, אַז צייט זייער באַלעבאָס גראָסמאַן האָט דאָס הינטל, איז ער געוואָרן מער מענטשלעך, די נערוועזיטעט איז פון אים אַביסל אַוועק. עס איז דאָך פון זיי שוין ניט געווען אויסצוהאַלטן! איצט, טרעפט בלויז צייטנווייז ווען ער פאַלט אַריין אין דער שלעכטער שטימונג און דאַן קומט האַנס צו הילף, ער הויבט אָן בילן, פאַררייסט דעם קאָפּ. ווען מען וואָלט אים געפרעגט אויף וועמען ער בילט, וואָלט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן... ער וואָלט ווייטער געבילט, ביז... עס איז שטיל געוואָרן. גראָסמאַן וואַרפט דאַן אַן אויג צום געלן הינטל און ביידע ווערן מיטאיינמאָל איינגעשטילט.

יעדן טאָג ווען דאָס געשעפט ווערט געשלאָסן שפּאַצירט גראָסמאַן אַ היים מיט זיין הונט. דאָס הינטל לויפט אָפּ פאָרויס אַ שטיקל וועג, קוקט זיך אום און וואַרט אַ ווײַלע ביז דער באַלעבאָס דערנענטערט זיך, גיט זיך אַ שאַר ביי די הויזן און הויבט ווידער אָן לויפן אין פאָרויס. ווען עס קומט צו, צו דער טיר פון דער וואוינונג, הויבט עס זיך אָן איינקאָרטשען און טו־

ליען צו זיך אליין, טרייסלט עפּעס אָפּ פון זיך, אַ זאַך וואָס עס דערמאָנט זיך און קען עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. עפּעס שרעקט דער אַריינגאַנג, כאַטש עס דערוואַרט אַ גוט שטיקל פלייש צום עסן.

גראָסמאַן עפנט אויף די טיר, וואַשט זיך אַרום. דאָס הינטל ציט זיך אויס אויף אַלע פיס און הויבט אָן נאָכקוקן יעדע באַוועגונג פון באַלעבאָס. יעדעס מאָל ווען גראָסמאַן טוט עפּעס אַ רעדט צו האַנסן, טוט ער אַ שטעל אָן די אויערן און איז גרייט צוצושפּרינגען. דאָס הינטל וואַרט בלויז ער זאָל אַ רוף טאָן עסן, נאָר פריער געשעט עפּעס, אמת טאַקע ניט שטענדיק, עס טרעפט אַמאָל, אַז האַנס איז זיך טועה און לייענט ניט ריכטיק די גע־דאַנקען פון באַלעבאָס, אָדער אפשר האָבן זיי זיך אין צווישנצייט געביטן. שטענדיק ווען דער באַלעבאָס רעדט צו אים אַ סך, ענדיקט זיך עס שלעכט.

גראָסמאַן רופט צו זיך דאָס הינטל. די אויגן זייערע קוקן זיך אָן, די האָר ווערן דאַן ביי האַנסן שערסקע, די פיס ווערן נידעריקער. ביי גראָסמאַנ'ען ווידער דאָס פּנים, הויבט אָן רעדן און שמייכלען ביז ער ווערט גאָר עפּעס ווידער שטאַרק אין כעס און ווידער געפעלט אים עפּעס ביים הינטל. ער טראַכט דאַן: ווי קלוג עס איז! אַ זעלטנהייט פון אַ חיה!... דאָס הינטל הויבט דאַן אָן לעקן די הענט, קריכט אַרויף אויפן שויס, קוקט אַריין גראָס־מאַנ'ען טיף אין די אויגן. גראָסמאַן נעמט אַרום דאָס הינטל, הויבט עס אָן טוליען צו זיך. מחשבות לויפן אין אַ ווילדן קאַשמאַר: ער וועט פּרוּוון פון זיך דאָס פאַרטרייבן!... ער וויל בלויז זען צו עס וועט אים נאָך דערנאָך בלייבן געטריי. ער מוז עס ווײַ טאָן, ער וויל עס אויסלערנען צו באַנעמען ווייטאָקן! יאָ, ער וועט ווידער פּרוּוון! יעדן טאָג מער און מער. ער האָט שוין אַזויפיל מאָל געמאַכט עקספּערימענטן!... עס וואָלט שוין גע־דאַרפט פון אים אַנטלויפן... אָט איצט, עס בילט דאָך עפּעס... ווען ער זאָל זען עמיצן טאָן דאָס, וואָס ער טוט האַנסן, וואָלט ער אים דער'הרג'עט! בלויז ער האָט די רעכט... רעכט איז מאַכט!... האָט פון ערגעץ אים אונטערגע־זאָגט אַ געדאַנק. ער האָט צערטלעך אָנגעהויבן גלעטן דאָס הינטל, ביס־לעכווייז האָט ער אַ נעם געטאָן ביים הינטל דאָס פּיסקל און עס אַריינגענו־מען אין ביידע הענט פאַרשטעלנדיק דעם אָטעם. דאָס הינטל האָט זיך אָנגעהויבן ווערן, אַריבערקוקן מיט די אויגן וועלכע האָבן זיך טיילווייז אָנ־געהויבן פאַרגלעזן. דאָס העלזל האָט זיך געהויבן און געשטיקט ביזן הויך, די פיסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן דראַפּען ביי די הויזן פון באַלעבאָס, זיך געפּרוּווט איינקלאַמערן און באַפרייען.

גראַסמאַן האָט דערפילט אַז דאָס הינטל ווערט שוואַכער, ער האָט עס אָפּגעלאָזן. דאָס הינטל האָט ארויסגעלאָזט אַ קרעכץ פון דער באַפרייטער לופט און זיך גוט אָפּגעטרייסלט דעם קערפּער ארומלויפנדיק איבערן צימער. גראַסמאַן האָט געווישט דעם שווייס און געפילט אַ מידקייט אין די מוסקולן. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: זאָל ער שוין געבן צו עסן אָדער ניט? און אפשר ווידער אַ נעם טאָן?

געדאַנקען האָבן זיך געשלאָגן און געפּייניקט. ערגעץ וואו האָט זיך גע־רייצט אַ אינטער געפיל: יאָ, ער וועט ווידער אַ רוף טאָן דאָס הינטל. אפשר וועט עס ניט גיין!... ער וועט עס מער גאָרניט טאָן! מיט גוואַלט ניט!... ער וועט בלויז אַ פּרוואו טאָן:

— האַנס, נו קום האַנס!

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענער שטימע. וואָס ציטערט ביי אים די שטים?... שוין זשע איז ער אזוי צעקראָכן, אַז עס מאַכט אים אויפציטערן? נאָך דאָס האָט אים געפעלט, זיך לאָזן פּייניקן דורך אַ הונט!...

ריזיקע טראָפּנס שווייס האָבן אָנגעהויבן ארויסשפּראָצן אויפן פּנים, זיך געקעלטערט דורכן לייב. ער האָט געפּרוואווט שטאַרקן די שטימע וואָס האָט זיך געשניטן אין דעם הונטס אויער:

— נו, קום האַנס, שוין קום! זאָלסט שוין צוקומען! איך וועל דיר...

דאָס הינטל האָט אָנגעהויבן שטעלן טריט שאַרנדיק זיך ממש אויפן בויך, די אויגן האָבן אַזוי רחמנות'דיק אריבערגעקוקט, דורך דעם מויל הערט זיך שיער ניט אַ קינדערישער געוויין... גראַסמאַן האָט בלויז אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער, עס זאָל ווידער ארויפקלעטערן אויפן שויס, דאָס הינטל האָט אַ קלעטער געטאָן, אַ ציק טוענדיק מיטן מויל. גראַסמאַן האָט עס אַ נעם גע־טאָן צווישן די צוויי הענט, פריער לייכטער, דערנאָך שטאַרקער, דאָס הינטל האָט זיך געפּרוואווט צוריקציען מיט די אונטערשטע פיסלעך, רייטנדיק ביי גראַסמאַנען אויף די ליטקעס. גראַסמאַן האָט אפילו דערפילט דעם ווייטאָק פון די פיס נעגלעך, דאָס פּנים האָט זיך פאַרקרימט און עס איז אים געוואָרן אַ סך לייכטער ביי די מוסקולן, גאָר לייכט. בלויז מאָמענטוויייז האָט ער נאָך געפילט אַ ציק, אַ קאָנוואולסיע באַוועגונג, ער האָט געפּרוואווט נאָכלאָזן. דאָס הינטל איז אראָפּגעפאַלן צוזאַמען מיט זיין שוך, וואָס ער ווייסט אַליין ניט ווי אזוי ער איז אים ארויסגעפאַלן פון פוס...

ער האָט אַ קוק געטאָן צום הינטל, דאַכט זיך, אַז עס קוקט נאָך צו אים

ארויף מיט אַן אויג, עס האָט אים אַ שווידער געטאָן... ער האָט שוין אַמאָל געהאַט אַזאַ מין איבערלעבונג... אַ קינד... דאַן האָט ער זיך ניט געקענט העלפן, אָבער איצט?... איצט? — לויפן ווידער די גערדאַנקען אין קאַשמאַר. איצט?... וואָס פאַר אַ פאַרגלייך? אַ פּנים, אַז איינמאָל באַגייט אַ מענטש ניט קיין מאָרד!... אַ פּנים... וואָס פאַר אַ פּנים? וואו איז דער ציל? פאַר וועמען האָב איך מורא?...

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף דער ווייכער שטול, די פּיס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן און שטאַרק ווי געטאָן. דער קאַשמאַר פון גערדאַנקען האָט זיך ווי אַ גאַנגרענע צעלייגט איבערן קערפּער, געריסן די געהירן: אַך יאָ! ער האָט שוין אַמאָל געהערט: זעסט אַ מענטש אין וואַלד מיט אַ האַק, זאָלסטו אים ניט טרויען! אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך? פון ווען אָן איז ער עס אַזעלכער?... דאַן איז דאָך זיין אייגן לעבן געשטאַנען אין קאַן!... דאָס קינד... ער האָט דאָך געמוזט געווינען זייער צוטרויען... פאַרוואָס האָבן עס אַנדערע ניט געטאָן? און דאָס הינטל?

ער איז געבליבן איינגעזונקען אין די גערדאַנקען, די אויגן האָבן זיך גע־עפנט און געשלאָסן. יעדעס מאָל וואָס ער האָט אַ קוק געטאָן צום טויטן הינטל האָט זיך אים געוואָלט קענען אויף זיך אַליין אַ שפּיי צו טאָן. דער קאָפּ האָט אים שטאַרק אָנגעהויבן ווי טאָן, עפּעס האָט געעגבערט, בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן אָנגעהויבן אויפטויכן. פון די חדר יאָרן ביז היינט איז אַ גרויסער שפּרונג, שיער ניט אַ האַלבער יאָרהונדערט. דער טאַטע האָט געשלאָגן, זייער שטאַרק געשלאָגן, ווען ער האָט אים אַמאָל געזען זיך שפּילן מיט אַ הונט... ס'איז אים היינט באַצאָלט געוואָרן... און ווידער לויפט אַדורך אַ גערדאַנק ווי אַ ווינט: אַ הונט איז דאָס געטרייסטע באַשעפעניש!... אָבער וואָס האָט עס צו דעם?

דער קאָפּ־ווייטאָק האָט עפּעס נאָכגעלאָזן, גראָסמאַן האָט זיך געפּרואווט אַביסל אויפמונטערן און פאַרענטפערן:

— וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען זוך איך זיך אַליין אָפּ? וואָס איז עס באמת מיט מיר? פריער עפּעס אַ בעטלער און היינט דאָס הינטל... ניט אַנדערש... ווידער אַנדערש! מען קען דאָך ניט לעבן אין שטענדיקער פּיי־ניקונג. דאָס בעסטע איז, אינגאַנצן ניט לאָזן די גערדאַנקען צו אַרבעטן... אָבער ווי שטעלט מען זיי אָפּ? וואָס וואָלט ער ניט געגעבן זיי צו קענען אָפּשטעלן, אָדער צו טאָן דאָס וואָס ער האָט נאָר געטאָן צום הינטל... ווי גוט וואָלט געווען ער זאָל קענען דערשטיקן די גערדאַנקען...

ערגעץ וואו האָט אים אַ בים געטאָן, אַ שרעק פון אַ פאַרוים געלאָפּענעם געדאַנק האָט אים אַ שווידער געטאָן... דער ציל איז דאָך איבערלעבן! זיין לעבן איז דאָך אַ גוט באַצאָלטער פּרייז, איז ווי אזוי זאָל ער עס אוועקשענ־קען צוליב אַ הינטל?... מען קען דאָך פון די נערוון גיין!... משוגעת! ווי איז עס מעגלעך צו זיין ביי די קלאָרע געדאַנקען און דאָך?... ניין, ער טאָר גאָר אזא מין געדאַנק ניט צולאָזן...

דער פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן, דער ריח פון פרימאָרגן לופט האָט זיך אָנגעהויבן אריינפרעסן דורכן אָפענעם פענסטערל צו גראָס־מאַנ׳ס נאָז לעבער, אויפוועקנדיק אים פון לייכטן קאָשמאַרישן שלאָף. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אז ער וועט מער ניט טראַכטן... ער וועט איצט די געדאַנקען בלויז אריינטאָן אין די געשעפטן, ער וועט פרואוון פאַרגעסן אין אלץ... ער וועט שוין דערנאָך געפינען דעם ציל...

און ווידער האָט אַן עגבער געטאָן אַ געדאַנק: וועלכער ציל? איז דען זיין קיום אַ ציל?... פּאַרוואָס וויל ער זיך אַליין איינרעדן אַזא מין זאַך?... דער ענין פון געשעפטן איז דאָך בלויז אַ מין מיטל צו פאַרגעסן, אַ מין צייט פאַרטרייב, אַ קאָרטן שפּיל און אַ מיטל פון זעלבסטשטענדיקייט... דער משוגענער גראָסמאַן איז אַ פּייאיקער געשעפטסמאַן — זאָגן זיי געוויס. דאָס אַליין איז אויך עפּעס... עס זענען דאָ אזעלכע וועמען דאָס טוט וויי... ער וועט ווייטער ציען. גליק בעטלט מען ניט אוים ביי יענעם נאָר ביי זיך... ניין, דאָס איז עס אויך ניט... עס איז... אָבער איך טראַכט דאָך שוין ווידער!...

— 4 —

גראָסמאַן איז אריינגעקומען אין געשעפט, ער האָט בשעת מעשה געפּרואווט שטעלן אַ זיכערן טריט. זאָלן זיי ניט זען זיינע איבערלעבענישן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּן, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ באַגריסונג. עטלעכע פּאָר אויגן האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפן באַלעבאָס, ער האָט ממש אראָפּגעלייענט דעם פראַגע צייכן פון זייערע ליפּן. איינער פון די אָנגעשטעלטע האָט זיך אַפילו אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, זיך ארומקוקנדיק אין גרוים פאַרוואונדערונג.

— הער גראָסמאַן, האַנס איז ניטאָ!

גראָסמאַן האָט אַ ברום געטאָן צווישן די ליפּן, אז דאָס הינטל האָט

אוועקגעפגרט. ווען ער זאָגט אייגנטלעך גאָרניט וואָלטן זיי שוין אויך פאַרשטאַנען, זיי האָבן עס אַראָפּגעלייענט פון זיין פנים. די באַקן זענען ביי אים איבערנאַכט איינגעפאַלן געוואָרן, די אויגן אונטערגעהאַקט, מיט קישע־לעך, האָבן זיך געבלעזלט. ער האָט געזוכט אַ שמייכל צו טאָן, עס איז אַרויסגעקומען עפעס אַ גרימאַסע. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, אַ נעם געטאָן דעם טעלעפאָן און פונקט געהייסן שיקן אַזאַ מין סחורה אין וועלכער ער האָט זיך ניט געניויטיקט. דאָס האָט אים דערנאָך נאָך מער צעטומלט, ער האָט דערפילט אין די זייטיקע בליקן פון די אָנגעשטעלטע ער האָט בלויז אַ טראַכט געטאָן: ער וועט זיך ניט אונטערגעבן.

קונדן זענען אריינגעקומען, ער האָט זיך אַליין געלאָזט צו זיי און אָנגעהויבן פּלייסיק צו פאַרקויפן, אַ זאַך וואָס ער האָט שוין די לעצטע צייט זעלטן געטאָן. אַפּוואַרטנדיק אַ שטיקל צייט איז ער ווידער אַרונטערגעפאַלן אונטער די שטימונגען. ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און דער קוק פון דעם הונט האָט אים אויסגעפּעלט און אים געמאַכט פילן שלעכט. ווען ער פילט זיך אַביסל שטאַרקער וואָלט ער צוגעמאַכט דאָס געשעפט... אָבער וואָס וועט ער דען טאָן מיט זיך אַליין?... ער האָט געוואָרפן אַ בליק צו די מענטשן, פאַר די אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען קעפּ פון הינטלעך, איין האַנט, אַ צווייטער, אַ דריטער... ווי זיי קוקן עס אויף אים? ער מוז זיך דווקא שטאַרקן! ער וועט זיך ניט אונטערגעבן. דאַכט זיך אים בלויז, אָדער האָבן טאַקע זיינע ליפּן אַ רוף געטאָן דעם הינטלס נאָמען?...

ער האָט מיט איינמאָל דערפילט, אַז דאָס געשעפט איז פאַר אים איצט אַ גרויסע לאַסט, עס איז אויך אַ מין הינטל!... בלויז איין אונטערשייד, וואָס ער קען עס ניט אַ נעם טאָן ביים האַלז אָדער ביים פּיסק... וואָס טראַכטן איצט זיינע מענטשן פון אים? די נאַראָנים בענקען נאָכן הינטל!... ווען זיי זאָלן וויסן! עס פאַלט דאָך זיי גאָרניט איין?... וואָס האָט מיר טאַקע געשטויסן צו דעם?... איך וויים עס, נאָר צו וואָס דענקען דעריבער?... ער האָט אַ נעם געטאָן אַ צייטונג, זיך געפּרוּווט פאַרטיפן, דער קאָפּ האָט אינגאַנצן ניט באַנומען, עס איז פאַר אים סתם אַזוי געווען ווערטער, אָן אַ טאַלק און אָן אַ צוזאַמענהאַנג. די געדאַנקען זענען צעשוואומען געוואָרן אין דעם קאָשמאַר.

אַן אָנגעשטעלטער איז צוגעקומען און אַ זאָג געטאָן:

— אויב דער הער גראָסמאַן וויל קען ער באַקומען אַ שיין הינטל. עס איז זעלטן שיין און צוגעלאָזן.

גראָסמאַן איז אין כעס געוואָרן און טרוקן אַ געשריי געטאָן:

— כ'האָב פיינט, אַז מען מישט זיך אין מיינע פּערזענלעכע ענינים!

נאָך דעם ווי ער האָט עס אַרויסגעזאָגט, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. וואָס פאַר אַ פּערזענלעכע ענינים איז עס אַ הונט? זיי פאַרשטייען אים ניט! קיינער פאַרשטייט אים ניט! זיי מיינען, אַז עס טוט אים ווי דעם הינטלס טויט?... ווען זיי וואָלטן אויף איין מאָמענט געקענט זיך אַריינבאַקומען אין זיינע געדאַנקען? עס איז טאַקע בעסער וואָס זיי פאַרשטייען ניט... ער האָט דאָך שוין גאָר באַלד פאַרגעסן אין דעם הינטל... אַ בילד פון אַ קינד... פון די טיפענישן טייטלט אַן אויג פון אַ איד... ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ... ער מוז איצט אַלעם לאָזן און גיין... ער פילט זייערע בליקן. מיט זיך איינער אַליין מוז ער איצט זיין. יאָ ער וועט אַהיימגיין! זיין לעבן איז ביטער... ער האָט אויף אַ מאָמענט אַ טראַכט געטאָן וועגן אַ דאָקטאָר און גלייך זיך אַליין אַ פאַרוואורף געמאַכט. דער מענטש אַליין דאַרף אויף זיך זיין דער ערשטער דאָקטאָר!...

ער איז אַהיימגעקומען, דאַכט זיך, אַז ער דאַרף זיך בלויז אָפּרוען און אַלעם וועט ווידער גוט זיין. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט פאַרלייגנדיק די הענט אויפן נאַקן. די ווייסע איבערצוג האָט אים עפּעס שאָקירט... ער האָט עס אַראָפּגענומען און זיך ווידער צוריקגעלייגט, נאָר די אויגן האָבן זיך ניט געוואָלט צוקלעפּן. ער איז אַזוי מידט... ער טראַכט דאָך דאַכט זיך אין גאָרניט מער... בלויז דאָס ליילעך און דאָס קישן... אָבער צו וואָס האָט ער דאָס אַרונטערגענומען? וואו ליגט דאָ דער געדאַנק?... יאָ, עס איז עפּעס ניט נאָרמאַל. נו וועל איך צוריק אָנציען די בעט-צייג... אָך ניין! אַ געדאַנק איז ווידער פאַרלאָפן דעם וועג, אַן אָנגענומער געדאַנק וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויפגעבליצט און ניט צו רו געלאָזט. אויב ער האָט געקענט אַראָפּציען די ווייסע ליילעכער, איז פאַרוואָס זאָל ער ניט אַ פּרואוו טאָן אַ דריי טאָן דעם גאַז?... בלויז פּרואוון!... ער קען דאָך צו יעדער צייט אַרונטערגיין און פאַר זיך אַליין באַווייזן די נאָרמאַליטעט און צוריק פאַרדרייען דאָס גאַז רערל. ער איז אַרונטערגעגאַנגען פון בעט, דערפילט אַזוי אָנגענעם די אייגענע טריט. דאָס איז דאָך יאָ אַ געדאַנק... געניאַליטעט. יאָ, נאָר גאַז... עס איז גוט צו פילן דעם טעם... ער האָט אַ דריי געטאָן און זיך צוריקגעלייגט. געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן פעדימען שנעל, איינער האָט דעם אַנדערן אָנגעהויבן נאָכיאָגן.

... האַנס! האַנס! איך גיי מיט דיר... איך וועל דיר טריי דינען... דו זעסט דאָך איך האָב דיר, הער האַנס באַווייזן, אַז איך קען אויך! איך וויל

לעבן, האַנס! דו ביסט מיין פירער... דיין הונט וועל איך זיין! זע ווי אַזוי איך מאַך פאַרטיק אַ קינד... איך גיב עס איר צוריק אין דער האַנט אַריין. מען דאַרף שלאָגן האַנס, דו האָסט מער קיין כוח ניט... צופיל פאַר דיר אַליין. אָט האָסטו, געלט געווען באַהאַלטן... גאָלד!

געדאַנקען און נאָך געדאַנקען האָבן זיך געזוכט צו שלענגלען ביי גראָס־מאַנען נאָר זענען פאַר דער צייט פאַרגאַזט געוואָרן... בלויז האַנס דער געסטאַפּאָ מאַן איז געלעגן אונטער די אויגן־דעקלעך. גאָר אַמאָל, האָט גראָסמאַן געטראַכט ניט איינמאָל: עס וואָלט גוט געווען, ווען ער האָט אַביסעלע מוט אַ צי צו טאָן די הענט צו האַנס האַלז... איצט איז שוין געווען שפּעט... ער האָט זיך ביי אים אויסגעלייגט אויף די אויגן דעקלעך...

דעם צווייטן טאָג האָבן אַלע גערעדט פון דער געשעעניש. איינער מיטן אַנדערן האָבן קאָמענטירט: וואָס אַ פליכטלינג קען עס אָפּטאָן? צוליב אַ הונט גאָר צו באַגיין זעלבסטמאָרד?... אַ משוגעת...

צייט איז פאַרבייגעגאַנגען און קיינער האָט ניט פאַרגעסן אין דעם פאַל, מענטשן האָבן ניט אויפגעהערט איינער דעם צווייטן צו שטעלן פראַגן, ביים דערציילן און איבערדערציילן.

— אָבער ווער איז ער?

— פון וואַנען קומט ער?

— וואו האָט ער געהאַט קרובים?

קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז אַלע פּאַפּירן וואָס האָבן געקענט אָנווייזן אויף עפּעס האָט ער שוין געהאַט פון פריער פאַרניכטעט... ער האָט קענטיק ניט געוואָלט מען זאָל אים אָפּזוכן אפילו נאָכן טויט.

צוויי שוועסטער

— 1 —

— דארא! וואס האסטו זיך אזוי פארטראכט! א קונדווארט דאך! — האט דער מאן הערמאן יאזעפאוויטש א זאג געטאן צו זיין פרוי. — דו וועסט שוין שפעטער צייט האבן צו לייענען דעם בריוו.

די פרוי האט זיך ווי אויפגעכאפט פון שלאף, עפעס האט זיך אנגעהויבן וועבן אין די געדאנקען: דער קונד איז טאקע בילכער...

דער קויפער האט אנגעהויבן באקוקן די העמדער, עס איז אים ניט געפעלן געווארן ניט די קאלירן און ניט דער פרייז. דארא האט געפרואווט עפעס זאגן, נאר עס האט זיך כמעט ניט געקלעפט. עס האט געפעלט די איבערצייגונג פארן קונד. דער מאן האט פון וווייטנס באמערקט, אז דער קונד האלט זיך אין ארויסגליטשן, איז ער צוגעלאפן און מיט א ביסל כעס איבערגענומען דעם קונד וועלכער איז גאנץ שנעל איבערצייגט געווארן אין דער סחורה.

דארא האט זיך געפילט ווי פארלוירן. וואס איז עס טאקע מיט איר? נו וואס, דער בריוו וועט דאך ניט אנטלויפן! בפרט נאך, אז מער ווי די העלפט האט זי שוין אפגעלייענט און דאס איבעריקע איז איר שוין פארשטענדלעך. עס איז געווען א בריוו פון א שוועסטער וואס האט זיך אפגעזוכט. די איינציקע וואס איז לעבן געבליבן פון דער אומגעקומענער פאמיליע. דארא האט זיך שוין ניט געריכט, אז איר פייגעלע זאל זיך אפזוכן. די גאנצע צייט האט זי ניט אויפגעהערט זוכן וועמען פון דער פאמיליע און ניט געקענט געפינען וועלכן עס איז שפור. זי האט זיך געווענדעט צו פארשידענע אינסטיטוציעס און פונקט דאן ווען זי האט שוין געהאט פארלוירן אלע האפענונגען האט זי געפונען א שפור, אז די שוועסטער, פייגעלע, לעבט

אין אַ לאַגער. דער איצטיקער בריוו איז געווען דער ערשטער און האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ גרוס פון יענער וועלט. דאָס האָט איר ארויסגעטריבן פון איר גלייכגעוויכט און אויפגעוועקט אזויפיל זכרונות פון דער אַלטער היים.

— איז וואָס שרייבט דיר דאָרט די שוועסטער דיינע? — האָט דער מאַן הערמאַן זיך אַ ווענד געטאָן צו דאָראַן נאָך דעם ווי ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט די קונים און זיך אַוועקגעשטעלט איינלייגן די אָנגעוואָרפענע סחורות.

— זי שרייבט, אַז זי וועט אונז נאָך אַמאָל אפשר אין פריידן דערציילן וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט, ווי אזוי זי האָט זיך געראַטעוועט פון היטלערס גהינום און, אַז די גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען, — האָט די פרוי פאַר־ענדיקט מיט אַ קרעכץ וואָס איז געקומען פון די טיפעניש.

— איז וואָס דענקסטו צו טאָן?

— איך זאָל אזוי וויסן פון שלעכץ!

— דאָך!

— מען דאַרף איר דערווייל עפּעס צושיקן!

— זי שרייבט דען, אַז מען זאָל איר שיקן?

— ניין! זי שרייבט, אַז זי דאַרף גאָרניט! זי איז אין אַ לאַגער! די איינציקע זאַך וואָס לאָזט איר ניט רוען איז די גרויסע עלנטקייט! זיין איינע אַליין! איר איינציקע האָפענונג איז זיך זען מיט אונז, זיין מיט אונז, מיט מיר, איר איינציקע פאַרבליבענע שוועסטער. עס בענקט זיך איר נאָך אַ קרוב!...

— און וואָס זאָגסטו?

— איך דענק, אַז מיר וואָלטן איר געדאַרפט אַריבערנעמען!

— וואָס וועט זי דאָ טאָן?

— זי וועט זיין לעבן אונז, וועט בעסער אַכטונג געבן אויפן קינד ווי די שיקסע. דאָס וואָס עס קאָסט די דינסט וועט מען אויסשלאָגן... עס איז דאָך אָן אייגענע שוועסטער! זי האָט שוין אזויפיל אַדורכגעמאַכט, אַז עס מעג איר שוין אַביסל גוט זיין!

— מען דאַרף זיך אונטערגאָרטלען! עס דאַרף קאָסטן שיין געלט! און מיר זענען דאָך היינט פאַרענגט אין די ביזנעס.

— אַז מען וויל קען מען מאַכן די אָנשטרענגונג!

דער מאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פרוי. ער האָט אַ קוק געטאָן אין אירע אויגן, וואָס האָבן אים אינגאַנצן אַדורכגענומען. ער האָט ארויס־געלייענט, אַז זי וועט אים אייביק דאַנקבאַר זיין, אויב ער וועט ניט שטערן אַדורכצופירן דעם פּלאַן פון אַראָפּברענגען איר איינציקע לעבן געבליבענע

שוועסטער. זי האָט נאָך געהאַלטן אין איין רעדן, אויפֿווייזן די נוצן וואָס איר שוועסטער וועט איר ברענגען ווען זי וועט דאָ זיין. מען וועט ניט זיין אַזויפֿיל פֿאַרשקלאַפֿט און עס וועט זיך זיין אויף וועמען צו פֿאַרלאָזן.

עס איז געקומען מיטאָג־שטונדע. די פֿרוי האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אונטערטעניק אַרום מאַן דערלאַנגענדיק אים דאָס עסן, אַלע ווײַלע האָט זי עפּעס צוגעלייגט פֿון איר טעלער און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— דעם גאַנצן אַפּעטיט האָט עס מיר אַוועקגענומען! אסור אויב איך פֿיל אַ טעם. איך עס בלויז אויף יוצא צו זיין!

דער מאַן האָט זיך גוטמוטיק אַ בייזער געטאָן:

— מען האָט דאָך שוין אָפּגערעדט! מען וועט זען זי אַריבערצונעמען! מען קען ניט יאָגן! אפשר וויל זי גאָרניט קומען? שרייב איר פֿריער אָן אַ בריוו. אַז אויב זי וויל קומען וועלן מיר זיך אָנשטרענגען און זי אַריבער־נעמען! אין איר בריוו שרייבט זי ניט דירעקט מען זאָל איר אַריבערנעמען!

— דו קענסט ניט מיין שוועסטער! זי איז צו שטאָלץ עס צו שרייבן! זי איז אַלס קינד שוין געווען זייער אַ שטאָלצע! אָך, ווען דו וואָלסט געווען געקענט מיין משפּחה? דו האָסט זיך מיט מיר דאָ באַקענט, איך קען ניט דיין פֿאַמיליע, דו האָסט אויך מיינע ניט געקענט! ביידע געפֿינען מיר זיך שוין דאָ אַרום צוואַנציק יאָר! אַ קליין מיידעלע איז דאָך דאַן מיין שוועס־טער געווען ווען איך בין אַוועקגעפֿאָרן! היינט דאַרף זי שוין אויך אַלט זיין אַ יאָר אַכט און צוואַנציק. זי דאַרף זיין ניט קיין מיאוסע! אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן מיט דער צייט אַ שידוך פֿאַר אירטוועגן!...

מאַן און פֿרוי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל. ביידע האָבן איצט געטראַכט פֿון פֿאַבריקאַנט, דעם אַלטן בחור, וואָס פֿאַר אים וואָלט עס געווען אַ גליק שידוך. איינע דעם אַנדערן האָט ווי איבערגעשלאָגן די ווערטער:

— וואָס איז שוין דאָ וואָס צו רעדן? זאָל מען נאָר הערן פֿון איר! ווען זי וועט קומען וועט זיין גענוג צייט פֿאַר מאַכן די פּלענער!

— 2 —

עס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען עטלעכע מאָנאַטן, דאָרט האָט דערהאַלטן אָן ענטפֿער פֿון איר שוועסטער פֿייגעלע. עפּענענדיק דעם בריוו האָבן איר אָזש די הענט אָנגעהויבן ציטערן. אַזוי גיך ווי זי האָט אָנגעהויבן לייע־נען האָבן צווישן די שורות פֿון אַ צווייטע זייט אָנגעהויבן שפּרינגען פֿייער־

דיקע ווערטער וואָס האָבן איר אײנגאַנצן צעטומלט. עס איז איר אַרײַן אַ חלשות׳דיקייט, אַז זי האָט זיך געמוזט צוזעצן. דער בריוו איז איר אַרויס־געפאַלן פון די הענט. דער מאַן האָט אים אויפגעהויבן און אַ קוק געטאָן נאָכאַמאָל אויף דער פרוי און איר געמאַכט אַ פאַרוואורף:

— באַרואיק דיך! זײַ ניט אַזוי משוגע! זײַ אַזוי, איך וועל איבער־לייענען.

„מיינע ליבע שוועסטער און שוואָגער אומבאַקאַנט:

איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער בריוו, איצט פיל איך, אַז עס איז מיר אַזוי גוט, איך פריי מיך דאָס איך בין ניט אַזוי עלנט ווי איך האָב די גאַנצע צייט געדענקט. עס פרייט מיר צו הערן, אַז איר האָט גענומען אַ אינ־טערעס אין מיינע לײַדן און איר ווילט אַריבערנעמען צו זיך אייער אומגליק־לעכע־גליקלעכע שוועסטער, וואָס האָט שוין געהאַט אַזויפיל צרות, אַז עס ווילט זיך מיר פשוט ניט גלויבן אין דעם ביסל גליק וואָס שטייט מיר פאַר. אייער בריוו האָט מיר אַזוי אַדורכגענומען, אַז איך קען אייך אַפילו ניט אַרויסשרייבן די פרייד וואָס עס האָט מיר פאַרשאַפט. שוועסטער טייערע! איך האָב געלעזן דעם בריוו און געפילט דיינע טרערן, וואָס דו האָסט בשעת מעשה פאַרגאָסן, ווען דו האָסט געדאַרפט ענטפערן אויף מיין ערשטן בריוו. אַ סך מענטשן דאָ אין לאַגער זענען מיר שוין מקנא מיט מיין גרויס גליק, איך פיל עס אין זייערע בליקן. עס איז עפּעס אַזעלכעס וואָס מען פילט, אַז מען איז אויפגעריכט געוואָרן פּלוצלינג. כאָטש איך בין דאַן געווען אַ קליין מיידל ווען דו ביסט אַוועקגעפאָרן, האָב איך דיר ניט פאַרגעסן און געבענקט און געהאָפט זיך נאָך מיט דיר צו זען. אפשר איז איצט די צייט געקומען, אַז מיר זאָלן זיך זען און דיר דערציילן וועגן די איבערלעבענישן. כאָטש עס ווילט זיך פאַרגעסן. שרייבן איז שווער וועגן אַלץ! און איך געדענק אַפילו ניט אַלץ אויפן פּאַפּיר אַרויסצונעמען! מעגסט מיר גלויבן, אַז איך וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך! נאָר איך מוז זיך אָפּגעבן מיט מיין קינד! אָך ווען דו זעסט דאָס מיידעלע מיינס, ווי שיין עס איז! אַלע שפּילן זיך דאָ מיט דעם! און״...

הערמאַן יאָזעפּאָוויטש האָט מער ניט געקענט לייענען. אויך אים האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. מאַן און ווייב האָבן זיך איבערגעקוקט. וואָס מיינט עס? זי האָט אַ קינד און האָט גאָרניט געשריבן! וואָס פאַר אַ מענטש איז עס? פאַרוואָס האָט זי וועגן דעם גאָרניט געשריבן? וואָס פאַר אַ קינד איז עס? האָט זי אַ מאַן? ווער איז ער?

ביידע האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס. דאָס בייט דאָך די גאַנצע פּלע־

נער זייערע! וואָס טוט מען איצט? זי גלויבט דאָך שוין, אַז מיר גייען זיי אַלע אַריבערנעמען! ווי קענען מיר עס אונטערנעמען? דער מאַן האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָרא, דער גאַנצער ענין הויבט מיר ניט אָן צו געפעלן! עס איז עפּעס אינגאַנצן ניט קלאָר די זאַך! איז זי פֿאַרהייראַט? און אפשר גאָר...

ער האָט ניט דערענדיקט.

די פרוי האָט אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן די אויגן:

— זאָג עס ניט! דו קענסט ניט אונזער פֿאַמיליע!

— איך מיין דאָרט אין די לאַגערן... וואָס זיי האָבן אַלץ מיטגעמאַכט...

— מען טאָר זיך ניט לערנען טרעפן! — האָט די פרוי גענומען די איניציאַטיוו. איך וועל איר ווידער אַ בריוו שרייבן, זי זאָל אַרויסשרייבן אַלץ. זי זאָל ניט זיין אַזוי פויל און שרייבן. איך וועל איר שרייבן, אַז עס איז פֿאַר אונז געווען אַ נייעס איר שרייבן וועגן אַ קינד. מיר האָבן געגלויבט, אַז זי איז ניט פֿאַרהייראַט. און פֿאַרוואָס שרייבט זי גאָרניט וועגן איר מאַן?

הערמאַן יאָזעפּאָוויטש האָט געפּרואווט לייענען די ענדע פֿון בריוו. עס האָט שוין מער ניט געהאַט דעם אינטערעס. עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם גרויסן געפֿיל פֿון זיין אַלע צוזאַמען און ווידער וועגן דעם, אַז קובא איז איר ווייניק באַקאַנט. זי ווייסט, אַז עס איז אויך אַמעריקע און אַז עס איז דאָ ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. וואָס פֿאַר אַ מענטשן זענען עס דאָרט ביי אייך? ווי איך זע ארוים אין אייער בריוו זייט איר גאַנץ צופֿרידן.

די פרוי האָט ווידער אַ נעם געטאָן דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען און דערנאָך אַ זאָג געטאָן צום מאַן:

— הערמאַן, אפשר איז עס אַ טעות?... מיר דאַכט זיך, אַז די ווערטער האָבן זיך איר אַריינגעפּלאָנטערט!...

ער האָט אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס:

— עס איז דאָך דיין שוועסטער דאָרפסטו גיכער וויסן! שרייב אָן אַ בריוו און פרעג וועגן אַלץ! מען דאַרף זיך ניט יאָגן! עס איז אַ זאַך וואָס מען דאַרף גוט אַריינטראַכטן, טאָמער...

— וואָס טאָמער?... און אויב אַ קינד, איז וואָס וועט זיין?...

— צו וואָס זיך שוין ברעכן דעם קאָפּ? דו זוכסט זיך אַליין צרות!

דאָרא האָט ווידער גענומען לייענען די ענדע פֿון דעם בריוו און בשעת מעשה אָנגעהויבן ווישן אַ טרער...

„טייערע און ליבע שוועסטער:

איך האָב געלאַכט און געוויינט ווען איך האָב געלייענט דיין בריוו.

עס איז קאָמיש און טראַגיש. איך האָב גאָר אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַז איך האָב דיר ניט געשריבן וועגן דעם קינד. איך האָב עס געהאַלטן פאַר אַזוי נאַטירלעך, אַז איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן דיר צו שרייבן וועגן דעם. איז עס ניט קאָמיש און טראַגיש די גאַנצע זאַך? איך שטעל מיר טאַקע פאָר דיינע בליקן ווי דיין מאַנ'ס וואָס האָבן מיטאַמאָל אַנטדעקט אַ קינד... אַזוי ווי איך האָב דיר געשריבן, אַז ווען מיר וועלן זיך אַמאָל צוזאַמענקומען וועל איך דיר שוין אַלעם דערציילן, האָב איך דערוויל פאַרגעסן עפּעס צו שרייבן וואָס דו מוזט אפשר טאַקע וויסן פריער. אַלזאָ שרייב איך דיר איצט וועגן דעם.

ווען די אַמעריקאַנער זענען אַריין און אונז באַפרייט, האָב איך דערפילט אַ גרויס עלנטקייט. אַ איינזאַמקייט וואָס וועט אפשר פאַר דיר ניט ווע־ן פאַרשטענדלעך, עס איז עפּעס אַזעלכעס וואָס נאָגט אונטערן האַרצן, מען פילט זיך אַזוי פוסט... דאַן האָב איך זיך באַקענט מיט אַ געראַטעוועטן בחור, ער האָט מיר אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט, מיר האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשטיין און דאָ אין לאַגער האָבן מיר חתונה געהאַט. אַ סך געראַטעוועטע האָבן אַזוי געטאָן. איך האָב מיטאַמאָל דערפילט, אַז איך בין מער ניט אַליין, די עלנט עסט מער ניט אויף די אָנגעשרויפטע נערוון. איך האָב זיך גע־פילט גליקלעך זייענדיק אין לאַגער מיט מיין באַגלייטער, וועלכער איז גע־ווען אַ פאַרשטענדלעכער מענטש. מיר האָבן זיך געטיילט מיט די ליידן און פריידן, מיר האָבן געשמועסט צווישן זיך וועגן אַ סך זאַכן, וואָס קענען בלויז צווישן מאַן און ווייב האָבן אַ ווערט. מיר האָבן געפונען אַן אָנהאַלט נאָך דעם ווי מיר האָבן אַזויפיל מיטגעמאַכט. מיר ווייסן דאָך אַליין ניט ווי אַזוי עס האָט אונז אָפּגעגליט צו בלייבן צווישן די לעבעדיקע. דאָס גליק איז מיר אָבער ניט באַשערט געווען אויף לאַנג. מיין מאַן איז קראַנק געוואָרן דאָ אין לאַגער און געשטאָרבן איבערלאָזנדיק מיר מיט אַ קליין קינד. דאָס קינד מיינס האָט מיר געמאַכט איך זאָל קענען איבערטראָגן דעם נייעם קלאַפּ וואָס איך האָב באַקומען. עס איז זייער אַ שיין מיידעלע! זי איז נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט און זעט שוין אויס ווי אַ קינד פון פינף יאָר. אַלע האָבן עס דאָ אַזוי ליב. זי ברענגט אַריין פרייד אין אַ שטוב.

ליבע און טייערע שוועסטער! אויב דו ווילסט מיר העלפן, איז בעט איך דיר זאָלסט מיר מער ניט אויפהאַלטן און אַריבערנעמען מיך מיט מיין קינד צו דיר. איך האָף, אַז איך וועל דיר ניט פאַלן צו לאַסט! איך קען גיין אַרבעטן און קיין זאַך איז מיר ניט שווער! איך קען מער ניט זיין אויף דעם פּלאַץ וואו עס זענען אומגעקומען אונזערע ליבסטע און טייערסטע. איך

ווייל מער ניט זיין אין דעם חורבן. זע וואָס דו קענסט טאָן פאַר דיין איינ־ציקער לעבנגעבליבענער שוועסטער. איך האָב נאָך, אַז איך וועל דיר קענען צוריק אָפּצאָלן דאָס גאַנצע געלט וואָס דו וועסט אויף מיר אויסגעבן, מיך מיט מיין קינד אַראָפּצוברענגען.

מיט די בעסטע גרוסן און קושן. דיין, פייגעלע.

נאָך דעם ווי די פאַמיליע יאַזעפּאָוויטש האָט איבערגעלייענט דעם בריוו האָבן זיי זיך געפילט אַביסל שולדיק און פאַרשעמט. עס איז זיי די גאַנצע צייט געקומען שלעכטע געדאַנקען וועגן דער שוועסטער מיטן קינד... זיי האָבן אַפילו איינמאָל גערעדט צווישן זיך, אַז ווער ווייסט, אפשר איז דאָס קינד דער פּראָדוקט פון אַ נאַצי... אפשר איז זי צוליב דעם געבליבן לעבן... אפשר? אַ סך אַנדערע אפשר'ס האָבן זיך געטובל'ט אין די געדאַנקען. און איצט דער בריוו. עס איז דאָך אַזוי איינפאַך: זי האָט געהייראַט כדי צו האָבן אַ שטיקל פאַמיליע! אויב אַזוי מוז מען זיך אָנשטרענגען איר מיטן קינד אַראָפּצוברענגען! זי וועט דאָך ניט איבערלאָזן דאָרט דאָס קינד! אַלאַ דאָס וואָס עס בייט אַביסל די פּלענער, וועט מען שוין זען. עס קען דען אַנ־דערש זיין? יאָ, זיי וועלן אָנהויבן גרייטן די פּאַפּירן! זאָל זי קומען די אומגליקלעכע שוועסטער! מען דאַרף טאַקע גלייך אָנהויבן! עס פאַרנעמט דאָך אַזויפיל צייט!

מיטן מאָמענט וואָס זיי האָבן באַשלאָסן אריבערצונעמען די שוועסטער, האָבן זיי שוין אָנגעוואוירן דעם געדולדט. זיי האָבן איר שוין געוואָלט האָבן לעבן זיך! אַ פּראָבלעם, אויב נאָר מען באַשטימט אים צו לייזן, איז וואָס פרייער!

דאָראַ האָט באַקומען בילדער פון איר שוועסטער מיטן קינד. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן בילד און זיך געפרייט.

— זע נאָר הערמאַן! זיי זעען גאָרניט אויס אַזוי שלעכט! דו זעסט, זיי גייען גאַנץ פיין אָנגעטאָן! איך האָב מיר פאַרגעשטעלט ווער ווייסט נע־בעך. אנו, גיב נאָר אַ קוק, דאָס איז אַ גאַנץ מאָדערנע קלייד, אויך דאָס קינד טראָגט אַ גאַנץ שיין יאַקעלע.

— וואָס מאַכסטו זיך נאַריש! זעסט ניט, עס איז דאָך אַמעריקאַנער קליידער! דאָס שיקן דאָך די אידן פון אַמעריקע אין די לאַגערן! וואָס האָסטו געמיינט, אַז מען לאָזט זיי טאַקע ארומגיין נאַקעט?... פאַרשטייסט ניט, מען שרייבט אין די צייטונגען, אַז זיי זענען נאַקעט און באָרוועס, כדי די אידן זאָלן רחמנות האָבן און שיקן. ווען מען זאָל שרייבן, אַז זיי האָבן וואָס אָנצוטאָן, איז ווער וועט זיך דאַן אינטערעסירן? ווער וועט האָבן רח־

מנות?... עס מוז דאָך אַזוי זיין!

די פרוי איז געוואָרן זייער סענטימענטאַל.

— דו ווייסט הערמאַן, וואָלסט געדאַרפט געבן אַ גרעסערע באַשטייער־רונג. האָסט דאָך געגעבן אַזוי ווייניק, ווען די קאָמיסיע איז געקומען צו דיר? איך האָב דאָך שוין אַפילו געשריבן פייגעלען, אַז מיר באַשטייערן זיך און גיבן געלט פאַר דעם צוועק אויסצוהאַלטן די אידן אין די לאַגערן. זאָל זי אויך וויסן, אַז איר שוועסטער טוט פאַר די אומגליקלעכע לעבן געבליבענע אידן!

דער מאַן איז געוואָרן נערוויאיש און טרוקן אָפּגעהאַקט:

— מאַך זיך נישט נאַריש, דאָראַ! דו ווייסט שוין אַליין ניט וואָס דו ווילסט! איך וועל דאָס יאָר אינגאַנצן ניט געבן קיין געלט! מיר דאַרפן איצט העלפן דיין שוועסטער מיטן קינד! מיר האָבן אייגענע לעבנגעבלי־בענע אידן!

— 4 —

ביי די יאָזעפאָוויטשעס רודערט זיך. די מוטער פוצט אויס דאָס קליינע טעכטערל, פלעכט איר אריין אַ רויט סטענגעלע אין די האָר און הערט ניט אויף רעדן צו איר:

— שטיי מיין קינד רואיק! וועל איך דיר אויספוצן! היינט קומט דאָך דיין מומע צו פאָרן! עס קומט אַ קינד פונקט ווי דו, וועסט דיך האָבן מיט וועמען צו שפילן! שטיי איין רואיק און מיר וועלן באַלד גיין צום שיף!

דאָס קינד האָט געקוקט אויף דער מוטער, געפילט אין דעם מאָמענט, אַז עס איז אמת, עס איז גאַנץ אַנדערש ווי אַ סך אַנדערע מאָל, ווען מען דערציילט איר סתם מעשות... איצט וועט מען איר טאַקע מיטנעמען. זי האָט שוין קיין געדולד ניט געהאַט. זי וואָלט שוין געוואָלט זען די שיף. וואָס מער די מוטער האָט גערעדט אַלץ מער אומגעדולדיק איז דאָס קינד געוואָרן און ניט געוואָלט איינשטיין. די מוטער האָט גע'טענה'ט:

— אויב דו וועסט ניט איינשטיין וועלן מיר פאַרשפעטיקן! די מומע וועט דיר ניט ליב האָבן, אַז דו וועסט ניט זיין קיין שיינע! לאָז דיר שיין מאַכן טייער קינד.

דעם קינד איז ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען די גאַנצע זאַך. איר פּראָבלעם איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע, זי וויל שוין זיין אויף דער גאַס און זען די

שיף... די שיף פון איר קינדערשן חלום.

הערמאַן איז צוגעקומען, אַ נעם געטאָן שרה׳לען ביים הענטל:

— נו קום קינד מיינס! וועסט גיין מיטן טאַטן! שמיר זיך ניט אויס!

און צו דער פרוי האָט ער אַ זאָג געטאָן האַלב ערנסט און האַלב אין פאַרוואורף:

— באַרואיק זיך דאָרא! דו ביסט דאָך אינגאַנצן צעטראָגן! די שוועס־טער דיינע וועט דאָך מיינען וועער ווייסט וואָס. אין דער אמת׳ן איז זיין איצטיק רעדן בלויז געווען אַ מיטל צו פאַרטרייבן דעם חשד פון זיין איי־גענער צעטראָגנקייט. ס׳איז עפּעס צופיל טומל פאַר אים די גאַנצע חתונה פון גיין באַגעגענען. ווען מען לאָזט אים ארוים פון דעם וואָלט ער געווען זייער צופרידן. נאָר ווי קען ער עס? עס פּאַסט דאָך ניט? ביי הערמאַנען צופרידנשטעלן דער פרוי זיינער איז געווען עפּעס וויכטיקעס... אויך זי דינט אים אָפּ! זי איז אַ קלוגע און איז אַ מבין אויף אים! זי לייענט דאָך אָפּט מאָל ממש ביי אים אין די געדאַנקען! זי איז גאַנץ אַנדערש ווי די אַנ־דערע פרויען! אין דעם מוז ער צוגעבן, אַז ער איז אַ בר־מזל. ביי זיך אין די געדאַנקען האָט ער אפילו זיך אַליין גראַטולירט אַלס אַ מענטש וואָס ווייסט ווי אַזוי אָנצוגיין מיט דעם מין פרוי... עס איז עפּעס אַזעלכעס וואָס דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן. דערפאַר איז אים איצט אפילו ניט שווער געווען איבערצולאָזן דאָס געשעפט און מיטגיין צום שיף אָפּנעמען די שוועגערין מיט איר קינד.

די דינסט האָט געהאַלטן אין איין ווישן דעם שוויים. לויט דער אָנ־ווייזונג פון דאָרא׳ן זענען נאָך געווען טיילן פון שטוב וואָס זענען ניט געווען אין אָרדענונג. די דינסט האָט געפילט דעם פאַרוואורף פון דער באַלע־באָסטע, אפילו דאַן ווען זי האָט שוין מער גאָרניט געזאָגט, האָט זי עס דערפילט אין בליק וואָס זאָגט: די גאַנצע צייט האָט מיר ניט געאַרט אויב האָסט ניט גערייניקט ווי עס באַדאַרף צו זיין! אָבער איצט? וואָלסט דאָך געדאַרפט האָבן איינזעעניש! אַ גאַסט קומט דאָך! אַ שוועסטער! איז ווי איז מען עס אַזוי?...

דער דינסט איז דערווידער געוואָרן דער עסק און דאָך ארונטערגע־פאַלן אונטער דער שטימונג פון גאַסט און ווידער אַמאָל אַ פוץ געטאָן דאָס צימער וואָס איז אָפּגעליידיקט געוואָרן פאַרן גאַסט.

ווען די יאָזעפאָוויטש׳עס זענען צוגעקומען צום פאָרט האָט די שיף זיך ערשט אָנגעהויבן אריינגליטשן אין האַפן. זיי זענען ניט געווען די איינ־ציקע וואָס האָבן געהאַלטן פאַריסן די קעפּ צום דעק, כאָטש מען האָט נאָך

זייער ווייניק געזען אויף צום קענען אונטערשיידן אָדער דערקענען. עס זעי־נען אויך געווען אַנדערע באַקאַנטע אידן, וואָס זענען געקומען אָפּנעמען אַ לעבנגעבליבענעם קרוב. הערמאַן האָט אַלע ווײַלע אַ קוק געטאָן אויף זײַן פרוי, געוואָלט אויפכאַפּן דעם בליק פון די צוויי שוועסטער. נאָר עס האָט זיך ניט געוויזן. יעדעס מאָל האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ, אַ פּנים, אַ האַנט וואָס האָט זיך געהויבן און צוריק אַראָפּגעלאָזן אין טעות, זיך אפילו געמאַכט אַ פּאַרוואורף. ווי האָט איר גאָר געקענט אײַנפאַלן אויף דער פרוי מיט דעם געקאַרבטן פּנים, אַז דאָס קען אַמאָל זײַן איר שוועסטער? זי האָט דאָך שוין אַפילו עטלעכע ווײַסע האָר. און איר שוועסטער איז דאָך יונגער פון איר.

יענע פון שיף האָט אויך אַראָפּגעמאַכט מיט דער האַנט, געזוכט מיט די אויגן און אַלע ווײַלע זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דאָראַס. ביידנס הענט האָבן זיך ווי אַנטשולדיקט און ווידער געזוכט. דאָראַ האָט מער ניט אויס־געהאַלטן און אָנגעהויבן ארויסשרײַען אין טומל:

— פייגעלע! פייגעלע!

— דאָראַ! דבורה!...

די שטימען האָבן זיך ווי אויסגעטוישט אין דער לופט און דווקא פון דעם פּלאַץ וואו עס איז געשטאַנען דאָס עטוואָס געקאַרבטע פּנים מיט די ווײַסלעכע האָר, וואָס האָבן זיך צוריק מיט אַ מינוט, דורך די אויגן שאַרף איבערגעקוקט...

די אויגן וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון שיף האָבן זיך געשווימט אין די וויעס. אַ שמייכל האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן צוזאַמען מיט דער האַנט וואָס האָט ניט אויפגעהערט זיך באַוועגן ווי געשטויסט פון עלעקטרישער קראַפט. אָבער עס פילט זיך, אַז די עלעקטרישע קראַפט האָט ניט געקענט אַזוי ווײַט דערגרייכן...

— פייגעלע!

— דאָראַ!

— אָט איז מײַן מאַן! דאָס קינד!

— מײַן קינד!...

פייגעלע האָט אַ הויב געטאָן דאָס קינד. אַ קעפּל האָט זיך באַוויזן און ניט גוט דערזען געוואָרן.

בײַ דאָראַן האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן געדאַנקען. עס איז צופיל איבערלעבעניש פאַר איין מאָל. זי קען אַפילו די געדאַנקען ניט קאָנטראָ־לירן. עס איז דאָך ניט דאָס וואָס זי האָט געהאַט די גאַנצע צײַט אין די גע־

דאַנקען. זי האָט זיך גאַנץ אַנדערש פֿאַרגעשטעלט די שוועסטער. זי איז דאָך יונגער פֿון איר! זי האָט אויך געדאַרפֿט זיין שענער! צום סוף!... עס האָט אָנגעהויבן בויערן אַ פֿרעמדקייט. זי לעבט עפּעס איבער!... איר שוועסטער איז געקומען! אַ לעבן געבליבענע... און דאָך?... עפּעס אַ ווענטל איז דאָ... קיינער זעט עס... עס דאַכט זיך איר בלויז, אַז הערמאַן דערקענט עס אין איר. דאָס וואָלט זי געוואָלט אויסמיידן, באַהאַלטן. נאָר עס איז שווער... זי וואָלט אַזוי ניט געוואָלט איר מאַן זאָל ביי איר לייענען די נאַקעטע געדאַנקען!... טרערן האָבן זיך געקליבן און געגליווערט אין די וויעס ווי זיי וואָלטן פֿאַרפֿראָרן געוואָרן. פֿון האַרץ האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אַ פֿאָדים פֿון סענטימענטאַלקייט: מיין אָרעמע שוועסטער! ווי דו האָסט געליטן? איך וועל דיר שוין פֿאַרגיטיקן!... דאָס לעצטע האָט זי געטראַכט און געזוכט צו פֿאַרגיטיקן די שלעכטע מחשבות וואָס האָבן זיך אריינגע־גנב'עט ביי דער ערשטער באַגעגעניש.

ווען ביידע שוועסטער האָבן זיך באַגעגנט האָט מען בלויז געקענט זען ווי צוויי קערפּערס טוליען זיך, ראַנגלען זיך איינע די אַנדערע איינצושלינ־גען. פֿון די פּנימער האָט געשלאָגן אַ היציקע רויטקייט. די קינדער האָבן זיך צעוויינט, קענטיק, אַז ביידע קינדער האָבן זיך דערשראָקן. דאָס געוויין פֿון די קינדער האָט זיי אויפֿגעוועקט פֿון זייער שוועסטערקייט. הערמאַן האָט אויך זיך ארומגענומען מיט דער שוועגערין און זיך צעקושט. ביידע קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט, געווישט די אייגעלעך און ניט געוואוסט וואָס פֿאַר אַ שטעלונג אָנצונעמען איינע צו דער אַנדערער. רבקה'לע האָט ביי שרה'לען אָנגערירט אַ קנעפּל פֿון יאַקעלע. שרה'לע האָט זי אָפּגע־שטופּט און זיך אָנגעהויבן טוליען צו דער מאַמען.

הערמאַן האָט זיך טיילווייז געפֿילט ווי אַן איבעריקער. ער האָט זיך געזוכט צו מאַכן נוצלעך און אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם באַגאַזש, נאָר די ווער־טער זענען געווען ווי ארויסגעוואָרפֿן. דאָרט האָט געהאַלטן אין איין רעדן, שטעלן פֿראַגן, כאָטש נעם און דערצייל איר אַלץ אויף אַמאָל... הערמאַן האָט זיך פֿאַרטראַכט: עס איז ניט ווי די פֿרוי האָט אים פֿאַרגעשטעלט. דער אַלטער בחור וועט איר ניט נעמען!... זי איז דאָך עפּעס אַזוי אַנדערש ווי ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט. אמת טאַקע, זי האָט אייניקע שטריכן סימ־פּאַטישע וואָס ווייזן די ענלעכקייט צו זיין פֿרוי. מען קען זען, אַז ביידע זענען שוועסטער, אָבער נאָר דאַן ווען מען ווייסט שוין און מען הויבט זיך אָן איינצוקוקן. אַפֿילו די קינדער האָבן טיילווייז די זעלבע שטריכן. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז זיי זענען צוויי שוועסטערלעך.

שרה'לע האָט אים אָנגעהויבן איבערשלאָגן די געדאַנקען:

— פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! די שיף! איך וויל זען די שיף!

— אָט זעסטו דאָך! קינד מיינס!

— איך וויל אָנרירן!

— וועסט אַריינפאַלן אין וואַסער!

— און פאַרוואָס פאַלט ניט די שיף?

— ווייל די שיף שווימט!

— איך וויל זי זאָל שווימען!

— זי איז דאָך ערשט געקומען, רוט זי זיך אויס!

— ווען וועט זי ווידער שווימען?

— מאָרגן!

— וועלן מיר ווידער קומען?

— יאָ?!

— די מומע וועט צוריק שווימען?

— ניין!

— און דאָס קינד?

— אויך ניט!

— פאַרוואָס?

— ווייל זיי בלייבן מיט אונז!

טרעגער האָבן אָנגעהויבן גיין מיט די טאַטשקעס. אַ בראַזגעריי פון האַרטע שטיינער און צעמענט. שטאַלענע קייטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן הין און צוריק און נאָך מער פאַרגרעסערט דעם טומל. די גרינגע האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן די מענטשן פון נייעם לאַנד. זי האָט נאָך אַלץ ניט געקענט פאַסן קיין באַשלוס צו דאָס לאַנד געפעלט איר אָדער ניט. זי האָט נאָך גאָרניט געזען... זי האָט בלויז געטראַכט, אַזביידע זענען געבאָרן פון איין בויך, זיי זענען שוועסטער. און דאָך?... זי זעט איר גאַנץ אַנדערש. זי איז דאַכט זיך פון דעם לאַנד. עס פעלט די משפּחה'דיקייט... און אפשר ווייזט איר בלויז אויס. דער שוויגער לאָזט איר לאַנג ניט טראַכטן, ער עסט זיך איין און קיצלט אין קערפּער, מאַכט איר נערווייאיש זיך באַוועגן. אַ טראָפּן פון פּנים רינט איר אַראָפּ גלייך אין מויל, עסט זיך איין מיט דער געזאַלצנקייט און לאָזט איר אפילו ניט ווי געהעריק ענטפערן אויף פאַרשיידענע פראַגן, זי טוט זיך אַ וויש:

— עס איז הייס!

— יאָ, הײם! עס איז אויך די מידקײט! אונז איז אויך הײם, כאָטש מיר זענען שוין צוגעװאוינט. — האָט דאָרא געענטפערט — דערפילנדיק אַז מיט אײנמאָל איז דער פריערדיקער געשפּרעך איבערגעריסן געװאָרן, װי עס װאָלט מער גאָרניט געװען װעגן װאָס צו רעדן.

— 5 —

די נאַכט איז געװען אַ קילע, װינטערדיק טראָפּיש, האָט דער װינט אַביסל געשניטן אין פּנים, נאָר הערמאַן האָט עס ניט געפילט. אים איז ניט קאַלט געװען. מענטשן זענען פאַרבײגעגאַנגען אײנגעצױגן אין די רעקלעך. סװעטערס װאָס האָבן ניט געװאַרעמט האָבן זיך געטוליעט, געבױגן דעם קאַלטן מענטשן װאָס האָט געװאָרפן זײטיקע בליקן צו דעם מענטש װאָס זיצט אין פּאַרק אַנטקעגן ים און חלומט עפּעס.

די פאַרבײגײער הױבן מיט די פּלײצעס.

— מאָדנע מענטשן זענען דאָ! עס יאָגט אַ װינט, עס איז קאַלט, אַז אַ חיה װילט זיך ניט ארױסלאָזן אויף דער גאַס, זיצט אַ מענטש אַנטקעגן ים אין פּאַרק אַזױ װי אין מיטן זומער. דאַכט זיך אַן אױסלענדער. הערמאַן האָט געפילט די בליקן פון די אײנגעשדומפּענע פאַרבײגײער, נאָר האָט זיך ניט געקענט העלפן! ער מוז זיך אָפּפרישן אין דער קעלט! ער װערט דאָך ממש דערשטיקט אין שטוב! די דרײ מאָנאַטן צײט װאָס די שװעגערין געפינט זיך בײ אים, איז די שטוב געװאָרן פאַר אים אַ גהינום. עס איז ניט פאַר קײן מאַן אױסצוהאַלטן די סקאַנדאַלן און קריגערײען פון די צװײ שװעסטער. עס איז אים שוין בעסער װען ער זיצט איצט אַלײן אויף דער קעלט. אים הערמאַנען, גיט איצט די קעלט אַ װאַרעמקײט... ער טראַכט: צו װאָס האָב איך עס באַדאַרפט האָבן? זײ קריגן זיך די צװײ שװעסטער! אָפּט מאָל װײסט ער אפילו ניט װי אַזױ און פאַרװאָס די קרי־גערײען ברעכן אױס. לעצטנס איז עס אינגאַנצן שוין אַריבער די גרעניץ. אויך די קינדער זענען שוין אינדערמיט. װאָס װײסן נעבעך קלײנע קינדער?

הערמאַן דערמאָנט זיך:

שוין אין די ערשטע טעג איז געקומען אַ צוזאַמענשטױס צװישן די צװײ שװעסטער און איבער װאָס?... זײן שרה׳לע האָט זיך אײנגעשפּאַרט אַז זי װיל מען זאָל רבקה׳לען ארײנלײגן בײ איר אין בעטל. רבקה׳לע האָט ניט געװאָלט און זיך צעװײנט װען דאָרא האָט איר געפּרואװט נעמען מיט גע־װאַלד. פײגעלען האָט עס פאַרדראָסן און זי האָט צוריק ארױסגענומען איר

קינד פון דאָראָס הענט, דאָס קינד האָט כסדר געשריגן מאַ... מאַ...

דאָרא האָט אַ זאָג געטאָן:

— האָלסט דיין קינד שטאַרק צעפּיעשטשעט!

— עס איז דאָך אַ קינד! און דיינס?...

— מיינס איז עפּעס אַנדערש...

זי האָט זיך אַפילו געוואָלט צוריקכאַפּן. עס איז בלויז געווען אַ זאַך וואָס די געדאַנקען האָבן איר פאַרנאַרט, נאָר עס איז שוין געווען שפּעט. די גרינע האָט זיך אָנגעצונדן, די הענט האָבן ביי איר אָנגעהויבן ציטערן, דער אויסגעקריצטער לאַגער נומער האָט אָנגעהויבן געבן סיגנאַלן ווי פאַר אַ שטורעם. די אויגן האָבן אויפגעבליצט:

— וואָס מיינסטו דיינס איז עפּעס אַנדערש?...

— גאָרניט שוועסטער!... איך מיין מיינס, עס איז ניט אזוי געזונט, מוז מען איר נאָכגעבן זאַכן... דאָ האָט זי זיך נאָך מער פאַרפּלאָנטערט און רויט געוואָרן...

די גרינע שוועסטער האָט איראָניש אַ זאָג געטאָן:

— אָבי איך האָב געמיינט, אַז דיינע האָט „בלויע בלוט" ווייל זי קומט פון אַדעלייט!...

די נאַכט זענען שוין אַלע ניט געשלאָפן, עס האָט זיך געפילט, אַז עפּעס שוועבט ארום אין שטוב וואָס שטערט דעם שלום בית.

די קעלט האָט אָנגעהויבן שטאַרקער ווערן, הערמאַנען האָט אָנגעהויבן שווידערן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף אַהיימגיין, ווייל מאָרגן דאַרף מען ווידער גיין גאַנץ פרי עפענען דעם געשעפט. די דאַזיקע אַרבעט איז אים אַ סך ליבער. דאָרט אין געשעפט איז אַ גן עדן, ער פאַרגעסט דעם שטוביקן פּראָבלעם, די קונדן מאַכן פאַרגעסן אין אַלץ. יעדעס מאָל ווען דאָרא הויבט אָן אין געשעפט רעדן אויף איר שוועסטער פילט ער ווי אַוועקצוגיין, אָדער נעמען ביידע און אַרויסטרייבן. כאָטש צוריק גערעדט, האָלט ער ניט זיין ווייב פאַר קיין שולדיקע. ער האָלט, אַז די גרינע איז צופיל פאַרביסן, און שפּילט די ראָלע ווי זי וואָלט געווען דאָס גרעסטע אין דער וועלט!... זי האָט גלייך פאַרגעסן וואָס מיר האָבן פאַר איר געטאָן, כאָטש נעם און גיב איר אַוועק אַ העלפט פון אונזער פאַרמעגן וועלן מיר נאָך אַלץ ניט יוצא זיין... קיין דאַנקבאַרע איז זי ניט די שוועסטער. דאָרא האָט כסדר געזאָגט, אַז איר שוועסטער איז אַ שטאָלצע! דאָס איז קיין שטאָלץ ניט! דאָס איז עקשנות! יאָ, איינפאַכע עקשנות!...

הערמאַן האָט אָנגעהויבן שטעלן שנעלערע טריט, ער איז געגאַנגען לענג אוים ביים מאָלעקאָן. דער מאַסעאָ מאָנומענט האָט צו אים אַריבערגעקוקט.

די פּאָטקעוועס האָבן צו אים זיך ווי פּאַרמאָסטן. אויסגעוויזן האָט זיך אים ווי דאָס צעפּלאָשעוועטע פערד האָט זיך אויף אים אַ לאָז געטאָן. ער וועט איצט אַהיימקומען, ווי גוט וואָלט געווען ווען דאָרטאַ זאָל אויף אים ניט וואַרטן, נאָר זאָל שוין שלאָפן! איז עס ניט נאַריש זיין איצטיק בעטן? ער פאַרשעמט זיך אַליין פאַר די געדאַנקען. פון ווייטנס זעט זיך שוין ניט ארויס דער מאַסעאַ מאָנומענט, נאָר אים ציט עס, דווקא נאָך עפּעס ארויסצו־זען, כאַפּן אַ בליק, איז עס ניט נאַריש?... ער איז לעצטנס אַפילו פאַרנאַ־רישט געוואָרן, טאַדלט ער זיך איצט אַליין. ער איז צוגעקומען צו דער שטוב, צוגעלייגט דאָס אויער און פרייער אָפּגעאָטעמט. עס איז געווען שטיל. אָט אזוי האָט ער זיי געוואָלט איצט טרעפן! זיי זאָלן אַלע שלאָפן! ער איז איצט ניט אין דער שטימונג אריינצוקריכן אין קעסל גרוב פון זייערע קריי־גערייען. ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר, זיך אריינגעשאַרט אויף די שפּיץ פינגער. ער האָט אַ קוק געטאָן אין בעט, דאָרטאַ איז געשלאָפן. אויך אין בעטל פון קינד זיינעם איז געווען שטיל. בלויז פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט אַ שטילער שלוכצן פון דער גרינער שוועגערין, זי האָט דאָרט קענטיק דאָס פּנים אין קישן געזוכט איינצוטוליען מען זאָל ניט הערן. הער־מאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין געקומען נאָכן שטורעם...

פאַרוואָס די איצטיקע קריגעריי איז ארויסגעקומען, איז אים שוין ניט געווען וויכטיק צו וויסן. ער איז ניט נייגעריק געווען. דאָס וויינען אירס האָט אים אויך ניט גענומען, עס האָט אים בלויז געשטערט צו זיין באַקוועמ־לעכקייט פון אויסרוען זיך, נאָך וועלכן עס האָט זיך אים אזוי שטאַרק געבענקט...

— 6 —

— איך בין דיר ניט קיין דינסט! האָט די גרינע שוועסטער געשריגן. דו האָסט אָפּגעזאָגט די דינסט, מאַכנדיק מיר פאַר אַ דינסט! ניין! איך בין ניט געקומען ווערן ביי דיר קיין דינסט! דו ביסט פון שטענדיק אָן געווען אַ עגאָאיסטקע! די מאַמע האָט עס מיר געזאָגט! דו ווילסט אַלץ פאַר דיר! דו האָסט מיר אַראָפּגעבראַכט זאָלסט קענען האָבן נוצן! דיר האָט ניט אינטערעסירט די לעבנגעבליבענע שוועסטער מיטן אויסגעקריצטן נומער אויף דער האַנט וואָס האָט זיך דורך אַ נס געראַטעוועט! האָסט ניט די דאָזיקע איינזעעניש! דו האָסט דיר געראַטעוועט ווייל דו ביסט געווען עגאָאיסטיש! ביסט אַוועק פון שטוב, דיר האָט ניט אינטערעסירט טאַטע

מאַמע! צוליב דיר זענען זיי אומגעקומען!

דאָרא האָט זיך געוואָרפן צו דער שוועסטער:

— שווייג אויסוואורף! ביסט ניט קיין מענטש נאָר אַ רוח... דערפאַר ביסטו מסתמא געבליבן לעבן! אַזויפיל גוטע אידן זענען אומגעקומען!...

— האַ, איך בין דיר שוין גרוים אין די אויגן? ווילסט מיר שוין זען טויט? וועסט עס ניט דערלעבן! איך בין ניצול געוואָרן פון היטלערן וועל איך אויך פון דיר ניצל ווערן!...

— ווען איך שעם זיך ניט פאַר מענטשן וואָלט איך דיר שוין לאַנג ארויסגעוואָרפן! איך וויל ניט מען זאָל אונז באַרעדן!...

— אין דעם גייט עס דיר! דו שעמסט זיך בלויז פאַר מענטשן! ווייטער גייט עס דיר ניט אָן! פאַר מענטשן ווילסטו שפּילן די ראָל, אַז ביסט אַ צדקות! פאַרוואָס ביסטו עס אַנטלאָפן פון דער היים? האַ? דיין מאַן מיינט, אַז ער האָט געהאַנדלט אַ מציאה... איך האָב געהערט וועגן דיר....

דאָרא איז אויפגעקאָכט געוואָרן. זי האָט אַ שפּיי געטאָן צו דער שוועסטער און אָנגעהויבן ציטערן מיט אַלע אברים.

— זאָלסט גיין פון דאַנען!... ביסט אַ טייוול! זוכסט אָנצומאַכן אַ שלעכט לעבן צווישן מיר און מיין מאַן! דו ווילסט איך זאָל איבערלעבן אַ טראַגעדיע, טראַכסטו אויס אַ ליגן, כדי מיין מאַן זאָל הערן. ביסט אַ מכשפה! אַ וואָרעם ביסטו! איך וועל אים רופן, דעם מאַן מיינעם, זאָג עס אים אין די אויגן!...

זי האָט היסטעריש אָנגעהויבן רופן דעם מאַן, כאָטש ער איז געשטאַנען נאָענט, גאָר נאָענט, און עפּעס האָט אים געשטיקט צו שטעלן אַ פראַגע, אָבער ער האָט זיך ניט דערלויבט.

דאָרא איז אויף אים ארויפגעפאַלן, אָנגעהויבן קושן, טרערן האָבן אַריבערגערונען:

— גלויב איר ניט, מיין הערמאַן! זי וויל אָנמאַכן אַ בייז לעבן! דאָס איז ביי איר אַ נקמה אַקט! איך הויב ניט אָן צו וויסן פון גאָרניט!

ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דער ווייב, אויף דער שוועסטער, ער האָט געזוכט עפּעס פאַר זיך, פאַר דעם וואָס האָט אים פּלוצלינג אַ שטאָך געטאָן און ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט אים ווי טאָן, צו וויסן ווער פון די צוויי שוועסטער זאָגט דעם אמת...

די פרוי האָט דערפילט, אַז דער אייפערזיכט וואָרעם האָט אָנגעהויבן אריינקריכן צו איר מאַן. זי האָט אויפגעציטערט מיט אַלע אירע אברים און זיך אָנגעהויבן לאַשטשען צו איר מאַן, כאָטש עס האָט גאָרניט געפּאַסט

פֿאַר איר עלטער, פֿאַר אַ פֿרוי וואָס שטייט ביי די פֿערציקער. זי האָט אים אַרומגענומען ביים האַלדז:

— גלויב איר גאָרניט! זעסט דאָך, אַז זי פּלאַפּלט! אָט זאָגט זי, אַז איך בין שולדיק אין מיינע עלטערנס טויט! דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז מיר געפֿינען זיך שוין נאָענט צו צוואַנציק יאָר! זי האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט זאָגן ליגנס!... אדרבה, זאָל זי דערציילן, וואָס זי ווייסט וועגן מיר?... ניט אַנדערש ווי זי זוכט אויסצוטראַכטן.

די שוועסטער איז אונטערגעשפּרונגען ווי אַ קאַץ. די ליידן פֿון דער שוועסטער האָבן איר ווייזט אויס איצט פֿאַרשאַפֿט אַביסל פֿאַרגעניגן.

— ווילסט איך זאָל דערציילן? איז ניט אמת? דו ווילסט עס ניט! דאַן וואָלסטו געמוזט גיין ווערן אַ דינסט! וואָלסט אפשר דאַן געפֿילט מיין טעם!...

— צוליב וואָס ביסטו געקומען זיך קריגן? האָסט ניט געדאַרפֿט קומען אַהער! זאָג, אַז עס איז אַ ליגן!

ביידע שוועסטער האָבן זיך איינגעגעסן מיט די אויגן און זיך פֿאַרשטאַנען. מיט איינמאָל האָט איינער ביי דער אַנדערער איבערגעלעבט די טראַגעדיע. נאָר אויף דעם איז ער שוין ניט געווען קיין מבין. די גרינע האָט אָנגעהויבן גאַליק אונטערצושמייכלען:

— טראַכט מער ניט הערמאַן! וואָס קוקסטו אַזוי? דאָס איז מיר איינגעפֿאַלן! פֿאַר די מענער איז עס דאָס ערגסטע!... עס צעטומלט זיי! עס איז אויסגעטראַכט פֿון מיר! ווייל איך האָב איר געוואָלט אָראָפּזעצן פֿון איר קעניגרייך! איך האָב אויך איר געמוזט אויסטראַכטן אַזאַ מין זאַך, ווען ניט וואָלט איך געמוזט אַ מאָרד באַגיין, צו שטילן מיין נקמה!... דערשטאַכן וואָלט איך איר! אויב זי האָט געוואוסט ווער זי איז, האָט זי מיר ניט געדאַרפֿט ברענגען די עגאָאיסטקע!...

דער מאַן האָט אָנגעהויבן שמייכלען. ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן שעמען פֿאַר זיינע געדאַנקען... עס קומט פֿאַר אַ שנאה שפּיל צווישן ביידע שוועסטער, נאָך אַביסל ווערט ער דער הויפּט צד... אַ זאַך וואָס ער האָט געוואָלט אויסמיידן... ער האָט אַ טראַכט געטאָן אין דעם גרויסן גליק וואָס די פֿרוי האָט אים געגעבן. אַזויפֿיל יאָרן אָפּגעלעבט, שוין באַלד דעם האָפֿענונג פֿאַרלאָרן צו האָבן אַ קינד און פּלוצלונג... אָט איז עס: סאַריטאַ! פֿון דאַן האָט ער נאָך מער ליב באַקומען די פֿרוי און אפילו געהאַט דעם גרעסטן געדולד אויסצושטיין אירע קאַפּריזן... און דאָ פּלוצלונג אַ פֿלעק... ניין, ער וועט מער וועגן דעם ניט טראַכטן. עס איז אַ נקמה פֿון דער שוועס־

טער. נאָר גיי פאַרשטיי זיי די פּליטים! די מלחמה האָט זיי איבערגע־אַנדערשט. זיי זענען אַלע אזוי מאָדנע...

דאָס קינד איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף. הערמאַן איז צוגעלאָפן זאָן עס געמומען טוליען פונקט ווי ער וואָלט עס ערשט געפונען... דאָס קינד האָט פאַרוואָרפן די האַנט ארום פאָטערס אַקסל. ביידע זענען געווען גליקלעך.

— 7 —

— גיי ניט אַוועק, זאָג איך דיר! — האָט דאָראַ אָנגעהויבן אַפּעלירן צו דער שוועסטער. אין דעם אַפּעלירן איז אויך געווען אַ מין וואָרנונג. — וואָס וועט די שטאָט זאָגן? זיי וועלן זאָגן, אַז איך האָב דיר ארויסגעטריבן! מאַך ניט קיין לייטישע געלעכטערס, זאָג איך דיר! דו וועסט דאָך מוזן צוריק קומען! דו וועסט אונז בלויז אָנטאָן הרפּות און בושות!... באַדענק זיך! נאָך דעם איז מיר שוין אַלץ איינס... אזוי שטיקן מיר זיך אַליין מיט אונזערע צרות!... צו וואָס דאַרפן עס נאָך וויסן די דרויסנדיקע מענטשן?

די גרינגע שוועסטער איז נאָך מער פאַרביסן געוואָרן. זי האָט שנעלער אָנגעהויבן איינפּאַקן דאָס רענצל. אַ דריבנע גאַליק שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אויפן געקאַרבטן פּנים, די ווייסע האָר וואָס האָבן זיך אַדורכ־געפלאָכטן אין די שוואַרצע, האָבן עדות געזאָגט, אַז דער מענטש שרעקט זיך ניט פאַר דעם וואָס עס קען קומען. זי האָט געהאַלטן דאָס קינד לעבן זיך און אָנגעהויבן וואַשן דער שוועסטער, באַלייגן איין טענה נאָך דער צווייטער.

— אַ שוועסטער ביסטו? ניין! אַזוי האַנדלט ניט קיין שוועסטער! אַפילו אַ פרעמדער האַנדלט ניט אזוי ווי דו האָסט מיר באַהאַנדלט!... האָסט געוואָלט איך זאָל דיר אונטערטעניק זיין! ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי אזוי אָנצוגיין, איז אפשר וואָלסטו עס דערגרייכט... וואָלסטו כאָטש מיר אַליין געוואָלט איך זאָל דיר באַדינען, האָסטו אויך מיין קינד געזוכט איינצושפּאַ־נען צו דיין דינסט, צו דיין עגאָאיזם!... האָסט געוואָלט, אַז מיין קינד זאָל ווערן די קוקלע פון דיין קינד! האָסט ניט באַרעכנט, אַז אויך מיין קינד איז אַ קינד... געדענקסט ווי אזוי האָסט עס אויפגעוועקט ווייל דיין שרה׳לע האָט ניט אַנדערש געוואָלט ווי שלאָפן מיט מיין קינד. איך האָב זיך ביי דיר געבעטן: לאָז שלאָפן דאָס קינד מיינס! עס איז נאָר וואָס אַנטשלאָפן געוואָרן!... דיר איז עס ניט אָנגעגאַנגען, אבי דיין קינד זאָל

בלייבן צופרידן! עס איז דיר ניט גענוג וואָס האָסט מיר געמאַכט פאַר אַ דינסט, ווילסטו נאָך מיין קינד זאָל ווערן דיין קינדס שפּילצייג! האָסט ניט געקענט צוזען, האָסט מיר ניט געקענט פאַרגינען, אַז מיין קינד זאָל זיין גע־זינטער ווי דיינס! האָסט דיינס צו קאַפּריזנע אויסגעהאָדעוועט... האָסט אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ חיה'לע וואָס האָסט אָפּגעראַטעוועט פאַר דיר, פאַר דיין פאַרגעניגן... איך דאַרף דיר אייביק דאַנקבאַר זיין פאַר דעם וואָס דו לאָזט מיר ווייטער לעבן...

— עס איז ניט אמת! דאָס אַלץ דאַכט זיך דיר! דו לעבסט מיטן גע־דאַנק, אַז דו טוסט מיר אַ טובה מיט דיין לעבן! דו ראַטעוועסט דערמיט מיין לעבן! דו דענקסט כסדר, אַז איך בין דיר שולדיק אַ גרויסן חוב, ווי וואָלסט מיר פאַרביטן, ווי וואָלסט פאַר מיר געוועז געגאַנגען אדורכמאַכן די אַלעליידן פון קאָנצענטראַציע לאַגערן! דו ביסט אַ שלעכטע, דערפאַר דאַכט זיך דיר, אַז אַלץ איז שלעכט!... אָט ביסטו געגאַנגען דערציילן הער־מאַנען עפּעס אַ זאַך וואָס האָסט געהערט פון מיינע מיידלשע יאָרן... האָסט געוואָלט ער זאָל מיך דווקא איבערלאָזן... אויף דעם האָב איך דיר גע־ברענגט אין קובאַ, זאָלסט מיין לעבן פאַראומגליקן?... זאָג מיר צו איז עס אויסגעהאַלטן אזוי?... נו זאָג, אדרבה.

— עס געפעלט מיר ניט צו זיין מער לעבן דיר!

— וואָס געפעלט דיר יאָ?

— איך וועל זוכן אַרבעט!

— ווער וועט דיר געבן אַרבעט מיט אַ קינד?

— איך וועל זיך שוין אַן עצה טאָן!

— וועסט מיר נאָר פאַרשווארצן דאָס פּנים!

— די שטאָט אינטערעסירט דיר מער ווי די שוועסטער!...

— איך האָב דאָך געטאָן אַלץ אין דער וועלט...

— יאָ, אַלץ אין דער וועלט מיר וואָס מער ווייַ צו טאָן! וואָס מער צו דערנידעריקן... האָסט געמיינט, אַז איך קום פון דאָרט, פון יענער זייט ים, דערפאַר האָסטו מיר געמאַכט פאַר דיין דינסט! האָסט פאַרגעסן, אַז איך בין דיינס אַ שוועסטער. וואָס האָסטו אַלץ ניט געוואָלט מאַכן פון מיין קינד?... אויב איך וועל מיט דיר ווייטער רעדן וועגן דעם, וועלן מיר זיך ווייַ־טער דאַרפן קריגן. פאַר מיר איז עס בלויז געווען אַ נייע דערפאַרונג פון אַ נייעם קאָנצענטראַציע לאַגער...

דאָראַ איז אויפגעשפּרונגען און אַזש אַ קוויטש געטאָן.

— נו זאָג, ווי קען מען מיט דיר גוט זיין! דו שטעכסט דאָך כסדר!

זוכסט נאָר אַ מעסער אַריינצושטעכן! ביסט דאָך אַ שונא אין שטוב!... איז עפּעס גוט צו האָבן אַ שונא אין שטוב? נו זאָג!...

— דו אַליין ביסט דיר דער גרעסטער שונא! דו וועסט דיר קיינמאָל ניט קענען אַפּוואַשן דעם פלעק! האָסט מורא, אַז די מענטשן וועלן זאָגן, אַז האָסט אַרויסגעטריבן אַ לעבנגעבליבענע שוועסטער מיט אַ נומער. נו זאָג, האָסט מיר אפשר ניט אַרויסגעטריבן? האָב איך נאָך געהאַט אַ גוטן טאָג ביי דיר זייט איך בין געקומען?... ווילסט נאָך שפּילן די ראָל פון דער אומשולדיקער!... באַדענק זיך! בלייב דאָ נאָך אַ שטיקל צייט, מיר וועלן זען... איז דאָרט בלאָס געוואָרן זעענדיק ווי די שוועסטער האָט שוין געפּאַסט דעם באַשלוס.

— וואָס וועל איך זיך באַדענקען? אַ היה קען פון איר פעל ניט אַרויסשפּרינגען... דו ווילסט בלויז געווינען צייט, זאָלסט קענען קעגן מיר גערעכט זיין! אויב איך זאָל נאָך זיין אַ שטיקל צייט לעבן דיר, איז וועסטו אפשר גערעכט זיין! ווייל איך בין מער ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס עס קען געשען...

פייגעלע האָט אַ נעם געטאָן דאָס קינד און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. דאָרא האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— ביינאַכט גאָר? מ'וועט דאָך טאַקע מיינען, אַז איך לאָז דיר שוין אפילו קיין נאַכט ניט איבערנעכטיקן!

— עס איז בעסער צו גיין ביינאַכט! איז ביים מענטש דאָ מער רחמנות!

די שוועסטער איז בלאָס געוואָרן:

— גייסט ווערן אַ בעטלערין?...

— איך גיי ווערן דאָס וואָס דו ביסט שוין...

— אהא! איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט!... איך וועל דיר ניט לאָזן איצט גיין! וועסט מוזן אויסוואַרטן ביז הערמאַן וועט קומען!

די שוועסטער האָט איר גענומען אָפּשטופּן מיט כוח. דאָרא איז אומגעפאַלן.

— איך בין שטאַרקער ווי דו! איך וועל דיר...

ביי פייגעלען האָבן די אויגן אָנגעהויבן גלאַנצן. די ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. ביי דאָראַן איז אַריבער אַ סקרוך אין לייב. עס האָט אָנגעהויבן שטעכן ווי מיט נאָדלען. די טיר איז געבליבן צוגעמאַכט.

דער תּם

פֿון דעם טאָג אָן, ווען דאָקטאָר שולץ איז געלונגען דורך אַ נס זיך צו ראַטעווען פֿון קאָנצענטראַציע לאַגער, האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו ציטערן. איבעראַל האָט זיך אים אויסגעוויזן גייען אים נאָך שפּיאָנען, מערדער וואָס לאָקערן זיין לעבן.

געמיינט האָט ער, אַז ער וועט אָנקומען אינם נייעם לאַנד, וועט ער זיך קענען דערהפֿון באַפֿרייען. אָבער ווי עס ווייזט אויס, גייט אים נאָך דער געשפּענסט איבעראַל.

פֿון מורא און אומצוטרויען האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ גערדאַנקען גאַנג, וואָס האַלט אים אָפּגעזונדערט פֿון די אַנדערע פּליטים.

שוין דאָס צווייטע יאָר ווי דאָקטאָר שולץ זיצט און וואַרט אויף דעם נומער פֿאַר זיין אַמעריקאַנער וויזע. יעדער טאָג איז פֿאַר אים אַ ספּעציעלער טאָג ליידן.

איז נישטאָ עפּעס אַ ספּעציעלע שטערונג, ווייל ס'איז „ער"? גייט אים אַמאָל ניט נאָך דער „רשע"? ער האָט אַפּילו דאָ מורא ארויסצורעדן היטלערס נאָמען.

זיצט ער גאַנצע טעג און חשבונט די טעג און מאָנאַטן, וואָס עס זענען אים נאָך פֿאַרבליבן צו זיין אין האוואַנאַ, ביז ער וועט באַקומען די וויזע און קענען ארייןפֿאָרן אין דעם געגאַרטן לאַנד — אַמעריקע.

ביינאַכט, אין דער שווערער אַטעמדיקייט פֿון די טראָפּישע נעכט, ליגט ער אָפּ שעה'נווייז, דרייענדיק זיך פֿון איין זייט אויף דער צווייטער אין שלאָפֿלאָזיקייט. ער דערמאָנט זיך אין זיין בערלין, וואו ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט, אַ מעדיצינער מיט אַ ספּעציעלער מעטאָדע צו היילן, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט, ביזן טאָג, ווען זיינע קאָלעגן האָבן אים אויס נקמה פֿאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע לאַגער פֿון וועלכן עס איז אים געלונ-

געז דורך אַ נס זיך צו ראַטעווען. נאָר וועגן דעם וויל ער מער אַפילו ניט טראַכטן.

פון די שלאָפלאָזע נעכט האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלע געזיכט. די אויגן, וועלכע זענען אַמאָל געווען ברוין, זענען איצט איבער־געגאַנגען צו אַן אויסגעלאָשענער געלקייט. די וויעס און דער גאַנצער אַרום שאַפן אַן איינדרוק ווי צוויי לעכער. דאָס גאַנצע פּנים איז ביי אים איינגע־שרומפּן געוואָרן. די ליפּן עפענען זיך זייער זעלטן מיט ווען אַ וואָרט אויסצורעדן. דאָס איינציקע, וואָס איז אים פאַרבליבן איז אַ ספּעציעלער מין „העפלעכקייט", וואָס מאַכט אים אַזש קאָמיש. פאַר יעדן איינעם הערט ער זיך ניט אויף צען מאָל אַ טאָג צו בויגן. יעדער איינער קען זייער לייכט באַמערקן, אַז זיין באַנעמונג איז ניט אַזוי פיל אויס העפלעכקייט, ווי פון אונטערטעניקייט, אויס מורא.

אַז מען וויל מיט אים לענגער אויפהאַלטן אַ געשפּרעך, פילט מען גלייך, אַז ס'איז אוממעגלעך. די אויגן לעכער זיינע בעטן זיך ווי אַ געשלאָ־גענער הונט ביי זיין באַלעבאָס:

— טשעפּע מיך ניט! לאָז מיר לעבן!

אָפּטמאָל, ווען די ווערטער אין מויל הויבן אים אַליין אָן שטיקן, דער־לויבט ער זיך ביי אַ באַקאַנטן צו שטעלן אַ פראַגע וועגן פּאָליטיק, וועגן דער קריג. ער וואָלט אייגנטלעך די פראַגן אויך אויסגעמיטן. נאָר ער קען זיך ניט העלפן. די נייגעריקייט, דער צוזאַמענהאַנג פונם גורל, פון זיין „וויזע נומער", גיט אים מוט.

און אַז ער שטעלט שוין די פראַגע, טוט ער עס אַזוי דעליקאַט, ווי ס'איז נאָר מעגלעך, ניט אָנרופנדיק קיין מענטשן און ניט קיין לענדער.

— וועט זיגן דער „רשע" צי דער „צדיק"?

דער וואָס זיצט דערלעבן זיין טישל מאַכט ניט קיין שום צערעמאָניעס און זאָגט, אַז היטלער מוז איינגעמען מיתה משונה!

דאָקטאָר שוליץ דערשרעקט זיך, ווי עמיצער וואָלט אים אַ ביס געטאָן.

— אַך, רעדן זי ניכט זאָ! זאָגן זי „רשע"! — אומקוקנדיק זיך גלייכ־צייטיק, צי עס האָט ווער נאָך ניט געהערט דאָס נאָר וואָס אַרויסגעזאָגטע. עס טוט אים שוין באַנק, וואָס ער האָט גאָר זיך אָנפאַרטרויט אַן אומ־באַקאַנטן. אַך, ווען ער וואָלט אַליין געקענט לייענען שפּאַנישע צייטונגען! וואָלט ער פאַרשפּאָרט צו הערן אַזעלכע ווערטער.

דער שכן צעלאַכט זיך און הויבט אָן נאָך אויף אַ העכער קול צו שעלטן היטלערן. עס מישן זיך אויך אַריין אַנדערע אידן.

— ווער וויל, ער זאָל זיגן?
— אפשר ווילט איר, היטלער זאָל געווינען?
— דאָס זענען יעקעס!
— וואָס זשע איז ער געקומען אין קובאַ?

די פראַגעס לויפן צו דאָקטאָר שולצן ווי שפּילקעס. דאָס גאַנצע פּנים ווערט ביי אים בלאָס, ממש ווי אַ מת. ער קען מער אויפן זעלבן פּלאַץ ניט זיצן, און כאַפּט שנעל דעם הוט און הויבט אָן לויפן, פּונקט ווי אַ שלאַנג וואָלט אים נאָכגעלאָפן אויף צו ביסן.

די אידן, וואָס זענען אין קאַפע געזעסן און צוגעזען די סצענע, האָבן זיך ניט אויפגעהערט קאָכן, לאַכן פונם יעקע. אַ טייל האָבן נישט אַנדערש געוואָלט ווי אויסטייטשן, אַז דער פּליכטלינג איז היטלערס אַן אַגענט.

אין דער זעלבער קאַפע זענען אויך געזעסן אַנדערע פּליכטלינגען, וועלכע האָבן געפּרואווט אויסטייטשן אַנדערש דאָקטאָר שולצס אַנטלויפן.

— ער איז אַנגעשראָקן!
— ער האָט פאַרלוירן אַ שרייפעלע אין קאָפּ!
— ער איז אַוודאי געלאָפן לייענען קריאת שמע! — הויבט זיך איינער אַ איד אָן צו וויצלען.

דער געשפּרעך וועגן דעם מיסטעריעזן מענטש אַנטוויקלט זיך וואָס מער. עס קומען אויך צו אַנדערע פּליכטלינגען, וועלכע נעמען איינטייל אינם געשפּרעך, מיט דעם וואָס זיי זאָגן, אַז זיי האָבן גראָד געהערט פון אים, אַז ער איז אין בערלין געווען אַ באַרימטער ספּעציאַליסט.

— אפשר איז ער טאַקע אַ נאַצי?
— היינטיקע צייטן איז אַלעס מעגלעך!
— אפשר איז דאָס די „פינפטע קאָלומנע"? — שפּרינגט אויף אַ איד, וואָס וואוינט שוין דאָ ביי אַ צוואַנציק יאָר.

ווען ער האָט עס געזאָגט, האָט קיינער ניט געוואוסט, צי ער זאָגט עס אין שפּאַס אָדער גאַנץ ערנסט.

איינער פון די פּליטים האָט זיך אויך געפּרואווט פאַר אים איינשטעלן:

— ער איז ניט קיין נאַצי! ער איז אַ איד! דאָס איז אים פון קאָנצענטראַציע לאַגער געקומען. עס ציטערט אויף אים די הויט! ער איז געוואָרן אַ תם!...

אַ וואָס?

— אַ תם! אַ אידיאָט!

אידן האָבן אָנגעהויבן באַדויערן.

— וואָס היטלער קען מאַכן פון אַ מענטשן?
— פון אַ דאָקטאָר אַ תם!
— אַבי מיר האָבן שוין חושד געווען!
— ס'איז ביי אונז ערגער ווי סדום!
— איר מעגט עס נאָכאמאָל זאָגן!

:: :: ::

פונם אינצידענט אָן זענען פאַריבער עטלעכע וואָכן, ביז דאָקטאָר שולץ האָט ווידער זיך אָנגעהויבן ווייזן אין אידישן געגנט.

אויף דעם ערשטן פּלאַץ, וואו ער האָט אָנגעהויבן צוריק אריינקומען, איז געווען אין אידישן רעסטאָראַן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים לעצטן טישל און געמאַכט זיין באַשטעלונג, ווי שטענדיק: אַ זופּ, פון וועלכער ער עסט אָפּ אַביסל, דערנאָך בעט ער אַ ביסל געקאָכטע וואַסער און גיסט עס אריין אין דער זופּ, צושיטנדיק אַביסל זאַלץ, לעקט ער עס ממש אויס ביזן לעצטן טראָפּן. דערנאָך הייסט ער זיך געבן אַ פּאַרציע פלייש, ניט פאַר־געסנדיק צו בעטן „נעטעם פּאַרציאָן". ער עסט פון דעם אָפּ בלויז אַ שטיקל, דאָס איבעריקע פּאַקט ער איין מיט אַ שטיקל ברויט אין אַ ווייסן פּאַפּיר.

די ערשטע צייט האָבן אַלע אויף אים געקוקט אויסטערליש:
— וואָס יעקעס זענען!
— דאָס הייסט עקאָנאָמיסטן!

מען האָט ווידער מיט אים געזוכט צו פאַרבינדן פאַרשידענע שמועסן, ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזן. ער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר רחמנות אויגן, וואָס האָבן זיך געבעטן: לאָזט מיר לעבן מיין אייגן לעבן.
— אָט אַ תם!
— אַן אמתער אידיאָט!
— און נאָך אַ געלערנטער מענטש דערצו!

בלויז איינמאָל איז ער געקומען אָן אויפגעלייגטער, אַ פריילעכער, און געבעטן אַ זופּ, ניט בעטנדיק מער קיין וואַסער. אויך דאָס פלייש האָט ער איינגאַנצן אויפגעגעסן.

די ארומיקע האָבן אָנגעהויבן שפּאַסן.
— דער תם איז געוואָרן לעבעדיק!
— דער תם איז געוואָרן פריילעך!
— דער תם האָט אוודאי די לאָטעריי ארויסגעצויגן!

מען האָט אים אפילו שוין מער ביי דער צונג קיין ווערטער ניט גע־דאַרפט שלעפּן. ער האָט אַליין אָנגעהויבן דערציילן זיין פרייד, אַז מאָרגן

גייט ער שוין צום קאָנסול נעמען די וויזע אויף אַריינצופאָרן אין די שטאַטן.

דאָס ערשטע מאָל זייט פון דעם טאָג אָן, ווען ער איז צוגענומען געוואָרן אין קאָנצענטראַציע לאַגער ביז איצט, איז פאַר שולצן דער איינציקער פּרייַ־לעכער טאָג. ער האָט זיך צוליב דעם אויסגעפּוצט, אָנטוענדיק די בעסטע מלבושים, וואָס ער האָט באַוויזן צו ראַטעווען, און איז געגאַנגען צום אַמע־ריקאַנער דאָקטאָר דורכצומאַכן די פּראָצעדור, וואָס יעדער אימיגראַנט מוז דורכמאַכן, איידער ער באַקומט די וויזע.

דער דאָקטאָר האָט אים זייער העפלעך אויפגענומען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קאָלעגע. ער האָט זיך אַפילו מיט אים באַזונדער אדורכגעשמועסט, באַטראַכטנדיק אים. ווען עס איז צוגעקומען צום האַרץ, האָט ער זיך אַביסל לענגער אָפּגעשטעלט, ווערנדיק זייער ערנסט.

— דר. שולץ, איר וועט מוזן קומען צו מיר אין עטלעכע טעג אַרום ווידער. איר וועט לײַדער מוזן אָפּוואַרטן אַ פּאָר טעג מיט דער וויזע. איר זענט היינט אַביסל צופיל אויפגערעגט.

ווען דר. שולץ איז אַרויסגעקומען פון דעם דאָקטאָרס קאַבינעט, איז זיין פּנים געווען פאַר'חושכט. פאַרשידענע גרימאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן וויזן אויף זיין געזיכט. אין דער צעשראָקענער הילפלאָזיקייט האָט ער דער־פילט ווי זיין האַרץ איז טאַקע שטאַרק אָפּגעשוואַכט, ממש אָוועקצופאַלן. עס קלאַפּט ביי אים ניט נאָר אין האַרץ נאָר אויך אין מוח... טיק טאַקן פון האַ־מערס פאַרקילן די בלוטן. דאַכט זיך, אַלץ ווערט אויסגעלאָשן, גייט אונטער...

* * * *

אויפן צווייטן טאָג האָט מען שוין איבעראַל געהאַלטן אין איין רעדן פון דעם פאַל, וואָס האָט אַלעמען אויפגעציטערט:

— אַ פּליטלינג, וואָס האָט מאָרגן געדאַרפט נעמען די וויזע, האָט באַקומען אַ האַרץ אַטאַקע און איז גלייך געשטאָרבן.

איינער האָט דעם אַנדערן געהאַלטן אין איין פרעגן, ווער עס איז דער פּליטלינג.

— דו האָסט אים געקענט?

— ס'איז דאָך דער דאָקטאָר!

— וועלכער דאָקטאָר?

— דער תם!

— דער תם?

— יאָ, דער תם...

גלות שלישי

— 1 —

יעדן טאג ווייזט זיך אין שול א פנים חדשות פון א קובאנער אידן, וואס האט יארצייט און קומט דאווענען מיטן מנין, איינמאל אדער צוויי מאל אין יאר קענט איר אים טרעפן; אין דאס אויך, ווייל דער שמש האט אים אריינגעשריבן אין זיין יארצייט נאטיץ ביכל, וואס ווערט פון אים איבערגעקוקט יעדן טאג, פאר דעם באקומט דער שמש עטלכע סענט פון פאראינטערעסירטן, וואס ווארפט דערמיט אראפ אן עול פון קאפ.

אזוי גייט עס טאג־איין טאג־אויס. דער איד, וואס האט יארצייט דאוונט מיטן מנין, שטעלט א טרונק בראנפן, אידן מאכן א לחיים, ווינטשן זיך פטור צו ווערן פון אלע צרות...

די פריש־אנגעקומענע פליטים, פרומע אידן, באשיינען און גיבן צו חשיבות דער שול מיט זייער הולך פון לאנגע קאפאטעס און בארד און פאות, וואס איז דא א נייעס, שיער א סענסאציע...

יעדעס מאל, ווען די משקה ווערט ארויפגעשטעלט אויפן טיש פון א „יארצייט איד", זענען זיי די ערשטע צו מאכן א לחיים, זיי הויבן שטענדיק אן ביים ערשטן מנין, און ענדיקן ווען עס מאכט זיך... און אזוי זיצן זיי, די פרומע פליטים, א טייל פון זיי רבנים פון דער אלטער היים, וועלכע זענען שטענדיק געזעסן אין בית המדרש, זיצן זיי אויך דא גאנצע טעג אין שול, דערציילן זיך וועגן זייערע איבערלעבענישן; ווי אזוי זיי האבן זיך געראטעוועט פון די נאצים, און איצט זיצן זיי אין „גלות שלישי", ווארטן אויף דער גוטער בשורה, וואס דארף זיי אנזאגן, אז זיי האבן שוין באקומען די וויזע אריינצופארן אין די שטאטן, אדער ווארטן אויפן פאסט־טרעגער, וואס דארף ברענגען דעם בריוו מיט א פאר דאלער פון א קרוב אין אמעריקע — די איינציקע הכנסה זייערע אינם נייעם לאנד...

א טייל פון די פליטים זיצן שוין דאָ מאָנאַטן. עס זענען אויך דאָ צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע זענען נאָך גרינע. די צייילן בלויז וואָכן.

זיצן זיי אָפּטמאָל אין די לאַנגווייליקע שעהן, פאַרמאַטערטע פון דער שווערער טראָפּיק־היץ, פאַרפירן צווישן זיך שמועסן פון הויך־פּאָליטיק. אין אַזעלכע מאָמענטן ווערן די וויכוח׳ים היציקער און דערפירן צו באַליידיקונגען און שיער צו קלעפּ...

— האָסט געזען א מעשה? — היצט זיך ר׳ חיימל מער ווי אַלע — אידן זאָלן האָבן אַזעלכע פאַרשטאָפּטע קעפּ... ניט קענען פאַרשטיין, אַז אויב מען האָט נאָך ניט געעפנט א צווייטן פראָנט דעם צורר היהודים, איז עס וויייל די צייט איז נאָך ניט געקומען...

אז ר׳ חיימל הויבט אָן רעדן, הויבן זיך ביי אים די ברעמען און דעקן אָפּ די קאַשטאַנען־אויגן. דאָס בערדל א פאַרשפּיציקסט, א שיטערס, באַוועגט זיך און ווייזט אָן אויף די איינגעפאַלענע שטשאָקעס. די פינגער, מיט דער געלקייט פון טיטין, הערן זיך ביי אים ניט אויף צו באַוועגן.

— האָסט געהערט א מעשה? אַלע ווייסן זיי! חמורים! ווער עס פירט די פּאָליטיק?! ניט אומזיסט?...

די עלטערע אידן שפּרינגען אונטער אויפן חוצפה׳דיקן אויסדרוק.

— חמורים? ווער איז א חמור? זעט נאָר דעם כעס פון א בן־אדם? עשו האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן!...

די אינגערע פליטים הויבן זיך אָן אריינרוקן אין די ווינקלען, קענען ניט צוהערן ווי די עלטערע זענען זיך פּוגע־בכבוד.

ביסלעכווייז ווערט דער געשפּרעך אביסל אָפּגעקילט, און גייט אריבער צום נייעם לאַנד. דאָ רוקן זיך שוין צו נענטער אויך די יונגע, שטעלן אָן די אויערן און נעמען אויך אָנטייל אינם שמועס.

— ווען ניט היטלער, ימח־שמו, וואָלט איך קיינמאָל אפילו ניט געוואוסט, אַז אויף גאָטס ערד איז דאָ אַזאַ לאַנד, וואָס הייסט קובאַ...

— און איך וועל אייך זאָגן בהן־שלי, אז עס הויבט מיר ניט אָן צו געפעלן! עס איז א גויאיש לאַנד! עס זענען דען אידן? מ׳עסט טריפות, מען גייט בגילוי־ראש, אזוי ווי ס׳וואָלט אויף דער וועלט אפילו קיין אידישער דין ניט געווען! די געשעפטן זענען אַלע אָפן אום שבת!...

— הפקרות...!

— נישטאָ קיין סימן פון קיין אידישקייט!...

— און אַנטיסעמיטיזם איז דאָך אויך נישטאָ? איז דאָך עס גם זו לטובה!...

— טאַקע? — שפּרינגט ווידער אויף ר' חיימל — נישטאָ, האַ? און ווי וועט זיין ווען איך וועל אייך דערציילן, אַז מען האָט מיר היינט אַ צי געטאָן ביי דער פּאָלע?...

— און אַ שטיינדל האָט מען מיר אויך היינט געוואָרפן! — האָט אַ צווייטער אריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

— און די שקצים מיט די שיקסעס הערן ניט אויף צו לאַכן! — האָט דער קאַצקער אונטערגעזאָגט, דרייענדיק די לאַנגע פּאות.

— דאָס איז אוים טשיקאַוואָסט! עס איז פאַר זיי אַ נייעס צו זען אונז מיט בערד און פאות, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס ארומצושפּאַצירן איבער די גאַסן.

ר' חיימל האָט זיך ווידער אָנגעצונדן:

— אזוי? די באָרד און פּאות געפעלן דיר ניט? דו שגץ! טו זיי אוים, פּושע ישראל! אַפּיקורס! ביסט שוין אָנגעשטעקט געוואָרן! ביסט ערשט עטלעכע וואָכן אין לאַנד און הויבסט שוין אָן קאַליע צו ווערן! וואָס וועט נאָך זיין שפּעטער? מיינסטו אַז מ'זעט ניט, ווי דאָס בערדל ווערט ביי דיר אַלע טאָג קירצער?...

דער געלער דוד האָט זיך פאַרשעמט:

— איר פאַרשטייט מיר ניט, ר' חיים! איך מיין צו זאָגן, מען קען ניט באַשולדיקן! עס איז ניט בשוגג...

נאָר ר' חיימל הערט שוין ניט דעם ענטפער. ער דערפילט אַ נאָגעניש אונטערן האַרץ:

— מען דאַרף גיין טועם זיין!

ער גייט ארויף אין דער הויף, איבער דער שול, צו דער פאַמיליע, ביי וועמען ער עסט כשר, וואַשט זיך די הענט צו שאר־ידיכם. די דינסט ברענגט אים אַראָפּ אַ הייס קאָכעדיק גלאָז מילך מיט אַ פּלעצל. ר' חיימלס געלע פינגער טונקען דאָס ווייכע פּלעצל אין הייסן מילך, וואָס וואַרעמט דעם גומען, און ווידער טראַכט ער: „מען איז אין גלות!" ער דערמאָנט זיך, אַז ער ווייסט אַפּילו ניט, אין וועלכער געגנט זיין ווייב איז פאַרבליבן; צי זי האָט זיך געראַטעוועט אָדער ניט?

דאָס ווייכע טייג אין מויל הויבט אים אָן שטיקן. ער דערמאָנט זיך: דאָ איז דאָך פּאַרט כשר! וואו ער זאָל ניט גיין עסן, איז דאָך אינגאַנצן ניט כשר... פליייש עסן איז דאָך אַ סכנה... ווער ווייסט, צי עס ווערט אפילו געטרייבערט?... מילך און ברויט איז דאָך באין ברירה כשר... און די פאַ־מיליע פון איבער דער שול האָט אים פאַרשטאַנען, און לאָזט פאַר אים אַלע טאָג אויפבריען מילך, מיט וועלכער ער דערנערט זיך טאָג־איין טאָג־אויס.

און ווען ניט די „יארצייטס־לחיימס", וואס מען מאכט אלע טאג, וואלט מען עס ניט געקענט אריבערטראגן!...

די דינסט, א דיקע מולאטע מיידל, וואס האט זיך כמעט אויפגעהאדע־וועט אונטערן שול־דאך, איז ווידער צוגעקומען און מיט גרויס דרך־ארץ אויף שטום־לשון אים א פרעג געטאן, צי ער וויל נאך א גלעזל מילך.

— וואס קען עס שאדן? מהיכא תיתי, מען דארף מיט דעם אפזיצן א גאנצן טאג! — טראכט ביי זיך ר' חיימל, און שאקלט צו מיטן קאפ, ארונ־טערלאזדיק די אויגן.

מיט אמאל הויבט זיך ביי ר' חיימלען עפעס אן דרייען אין קאפ... עס שווינדלט פאר די אויגן... אין מוח דרייט זיך א פסוק פון שיר־השירים: „שחורה אני ונבא כבנות ירושלים"... ניין, ער וויל מער ניט קיין מילך! א דאנק! עפעס האט א ברי געטאן אין מוח... מען דארף גיין ארויסשלאגן שלעכטע מחשבות... מען דארף גיין לערנען...

— 2 —

עס איז שפעט אין דער נאכט. כמארעס שפילן זיך און דעקן אויף און צו דער לבנה, וועלכע הנדלט זיך אין איר גאנצער פולקייט. ר' חיימל ליגט אויף דער הארטער שול־באנק און ראנגלט זיך מיטן שלאף. די דושנעקייט פון טראפיק עסט זיך איין אין זיינע פופציק יאר, ווי א ווארעם אין דער ווייכער ערד. עס נאגט עפעס... עס וועקט... מחשבות בינדן זיך און קניפן זיך אויף, ער קריכט אראפ פון הארטן געלעגער, קוקט ארויס דורכן אפענעם באלקאן. דאס בילן פון הינט קלינגט אפ אין א עכא פון ערגעץ ווייט. א שיכורער מאטראז וואקלט זיך מיט די שווערע טריט און טוליעט זיך צו א פארשפעטיקטער נקבה. ער האלט איר פעסט ארומגענומען ביי די ברוסטן, פונקט ווי די נאכט וואלט זי געוואלט ביי אים אויסכאפן. א פארשלאפענער כינעזער שלעפט א וועגעלע מיט גרינוואַרג צו דער פלאזע און טשוכעט זיך אוים ביים אנבליק פון שיכור. דער מאטראז הויבט אויף דאס מיידל, וויל איר דווקא אריינזעצן אין וועגעלע. די נקבה שניידט איר געלעכטער אין דער נאכט אריין און רייצט דעם מאטראז מיט אירע ווייסע ציין. דער כי־נעזער שטופט ווידער זיין וועגעלע און שילט אין אן אומפארשטענדלעכער שפראך... פון ווייטנס הערט זיך דער גלאקן געקלאנג פון א קלויסטער. ר' חיימל ציטערט אויף און שעפטשעט עפעס מיט די צעעפנטע ליפן, וואס האבן זיך אין שליימיקייט געבאדן... די אויגן זיינע שפיזן זיך אין דער

טיפעניש פון דער נאכט, ווערן באהאפטן מיט א בייז פייערל... נאדלען הויבן אן שטעכן אין קערפער, קראפקעלעך בלוט הויבן זיך אן טיף אינעווייניק צו באוועגן. אין מוח שלאגט, פייניקט... ער וועט זיך צוריק לייגן... דער ארון־קודש קוקט צו אים אריבער, ווינקט מיט די אויסגעקריצטע „עשרת הדיברות”... דער פרוכת טאנצט אנטקעגן, רייצט זיך ווי א מעוברת'דיקע פרוי צום ערשטן מאן, וואס האט מיט איר קיין קינדער ניט געקענט האבן...

— פע... וואס פאר א מחשבות!... שטראפט זיך אליין ר' חיימל. — עס איז דאך בפירוש זינד!... און וואס איז זינד?... קילט זיך ביי אים א צווייטער געדאנק, — ווער זאגט אז א מענטש טאר ניט זינדיקן?... זינד לייטערט א מענטשן... דארט ליג זי, דארט אויבן... ביי איר איז שווארץ־ברוינע לייב... עס שלאגט מיט עץ־החיים... אזוי לאנג און א ווייב... זי האט היינט געקוקט מיט אירע טיף־שווארצע אויגן, איינגעגעסן זיך מיט די שווארצאפלען... זינד? איך וויל! איך גלוסט ניט! איך וויל פארצוקן! כ'וויל זיך נוקם זיין אין מיר! איך האב פיינט מיין אייגענעם צורת־אדם, וואס קומט פון צלם־אלקים!... איך וויל דעם פלאם ניט איבערברענען... כ'וויל ניט לאזן איבערפלוסן...

עס שלאגט פון אים א היץ:

דו ביסט פארדארבן! ביסט א גאט־לעסטערער! דינסט עבודה־זרה!... שטיי אויף צו עבודת־הבורא!...

דער שטן שטייט אנטקעגן:

דער וועג צום גן־עדן איז דורך דעם גיהנום!... דו מוזט פריער גיין אין גיהנום! דארפסט זיך לייטערן! דיין אויפגאבע איז ניט דורך עולם־הזה אויסצוקויפן עולם־הבא... דו מוזט ווי א בן־אדם קומען אויף יענער וועלט אנגעלאדן מיט חטאים... קויף ניט אויף עולם־הבא... דאס איז זינד... גיי דערפיל דיינע מענטשלעכע פליכטן... צדקות ליגט א געשאכטענע פאר דער וועלט... און א גאל מעסער גאלט און גאלט און דערשעכט... שטיי ניט אפ! הויב דיר אויף העכער!... דער זינדיקער איבער אלע זינדיקע... בריאת־העולם איז ניט געקומען אויף קיין תנאי... אט ליגט זי... די ברוסטן זענען ביי איר ווי צוויי פרישע פרות... בורא פרי העץ...

— 3 —

ר' חיימל ליגט אן אפגעקילטער, א פארפייניקטער, א פארשעמטער... וואס פאר א נישט גוטע האבן מיט אים ארומגעארבעט א גאנצע נאכט? ניט

אַנדערש, ער איז פון זינען ארונטער... ווי וועט ער זיך ניט שעמען אינדער־פרי דעם קאָפּ אויפצוהויבן? וואו האָבן אים די נאַכט־שדים געפירט? ער דאַרף זיך אַ מיתה אַנטאָן! אַך, עס איז דאָך ווידער זינד! קיין מענטש האָט דאָך ניט קיין רעכט אויף זיין אייגן לעבן! דער בורא פירט די וועלט! נאָך דאָס האָט אים געפעלט? דאַרפן ווי אַ זעלבסטמערדער ליגן אונטערן פּלויט... און נאָך דאָ אין אַ פרעמדן לאַנד, אָן אַ פּונק אידישקייט!... און ווי איז עס דאָך מיט אים געשען, ער זאָל וועלן אָפּטאָן אַזאַ זאַך?... צו וואָס פאַר אַ גרויסן נסיון איז ער דאָ געשטעלט געוואָרן און ניט אויסגעהאַלטן... ניט גע־דאַרפט אינדערפרי ארויפגיין פרישטיקן, וואָלט צו דעם ניט געווען געקומען... עברה גוררת עברה! ער האָט גאָר אין דעם לאַנד ניט געדאַרפט פאָרן... נו, און ווי דען, אַז פון דאָרט, פון גיהנום, האָט ער זיך קוים געראַטעוועט... ווייסט אפילו ניט, וואו אַלע איבעריקע קרובים האָבן זיך געראַטעוועט... ער האָט מיט די אייגענע אויגן צוגעזען, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן! ער האָט דאָך געזען, ווי זיי האָבן געקוילעט אידן... אומשולדיקע בלוט האָט זיך גע־גאָסן... אויסגעסטאַרטשעטע אויגן האָבן ארויסגעקוקט, געזוכט הילף, און געפונען דעם טויט...

ער וויל אָפּשלאָגן די געדאַנקען. ער דערמאָנט זיך אין יענע רואיקע פאַר־מלחמה'דיקע צייטן, ווען ער אַליין איז געווען ר' חיימל דער גרויסער האַליץ־סוחר, וואָס זיצט אויך גאַנצע טעג און לערנט, פאָרט צום רבין. אַך, יענע צייטן! דער רבי איז געזעסן און געזאָגט תורה און געטיילט שרים און ער, ר' חיימל, איז געזעסן אויבן אָן, געווען דעם רבינס גאַסט. קיינמאָל קיין שלעכטע מחשבה ניט געהאַט!... און איצט? וואָס איז פון אים געוואָרן? דאַרפן לעבן פון קצבה... וואָס דאָס לעבן קען מאַכן פון אַ מענטשן?... און גיי פאַרשטיי גאָטס דרכים? שטענדיק האָט ביי אים אין שטוב געהערשט פרייַלעכקייט, ניט אַדורכגעגאַנגען קיין איין שבת, ער זאָל מיט זיך ניט מיט־ברענגען קיין אורח. און ווי זיין פייגעלע פלעגט עס אָנטקעגנלויפן?...

דער באַגינען האָט אָנגעהויבן אויפגיין. די זון האָט אָנגעהויבן אויפ־שיינען, טראָגנדיק דעם פרימאָרגן. נאָר ר' חיימל האָט זיך דערפילט אַ דער־שלאָגענער, אַ צעשראָקענער און פאַרשעמטער. ער האָט דעם פרימאָרגן ניט געקענט באַגעגענען... ער איז דאָך צוגעגאַנגען צום האַנטפאַס, אָפּ־געגאָסן נעגל־וואַסער, איז צום ארון־קודש צוגעגאַנגען, אַריינגעשטופּט דעם קאָפּ און זיך פאַרטיפט אין עבודת־הבורא.

ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן זיך צונויפזאַמלען מתפללים, וואָס זענען געקומען פרי אָפּדאַווענען, כדי צו קענען גיין עפענען די געשעפטן, די פאַ־

בריקלעך. די פּליטים האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿקומען, און מיט התמדה זיך געשטעלט דאַווענען. ר' היימל האָט אַלץ די אויגן ניט געוואָלט אַרויס־נעמען פֿון ארון־קודש.

גרופּקעס אידן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּזונדערן, אָנשטעלן די אויערן, עס האָט זיך געהערט אַ שטילער מורמלען ווי פֿון אַ בינשטאָק:

— אַזאַ זאַך!...

— ווער זאָל זיך ריכטן?...

— זעט עס ניט אויס צו זיין!...

— צו אַ שיקסע אינמיטן דער נאַכט געקראָכן?...

— נו, נו!...

— ווען זי מאַכט ניט קיין געשריי?...

— היינטיקע צייטן!...

— אַזאַ נואף!...

— מען דאַרף אים פֿאַרטרייבן!...

— איצט שטייט ער און קלאַפּט זיך על־חטא!...

— אַזאַ עוכר ישראל!...

— וואָס שווייגט איר, אידן?...

— די וועלט איז ניט אינגאַנצן הפקר!...

— און דאָס שטראָפֿט נאָך אַלעמען!...

— ס'ערשטע מאָל, אַז איך הער אַזאַ מין זאַך!...

— ס'איז טאַקע שווער צו גלויבן...

פּלוצלונג האָט זיך ר' היימל איבערגעדרייט מיטן פּנים צו דער גאַנצער עדה. דאָס פּנים איז ביי אים געווען געקאַרבט, איינגעפֿאַלן, די האָר זענען נאָך שיטערער געוואָרן, די אויגן, געדינצלטע רייפֿן, די שוואַרצאַפּלען האָבן ווילד אַרויסגעקוקט, אַ וויי־טאָג האָט זיך געריסן פֿון זיינע שוימיקע ליפּן:

— אידן, איך בין זינדיק! שטאַרק זינדיק! באַשטראָפֿט מיר! גיט מיר מלקות! כ'האָב ניט נאָר געזינדיקט בין איש לאיש, נאָר איך האָב אויך געזינדיקט קעגן דעם, וואָס לעבט אייביק! איך בין אפֿילו ניט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען! און וואָס פֿאַר אַ שטראָף איר וועט מיר געבן, איז ווייניק!...

אַ טרער האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן ווייזן, רינען און באַנעצן דעם סאַמעטענעם פּרוכת.

— ביי מיר אין קאָפּ איז פֿול געוואָרן מיט ספֿקות... און איך קען עס ניט אַרויסטרייבן... איך וויל זיך לייטערן אין זינד!... נאָר דורך זינד קען

מען דערגרייכן... אַ מחשבה איז אַזוי ווי אַ קאַמאַש אַן שנירלעך... אַז דער שוך איז ענג, דריקט ער סיי ווי סיי... און מיר דריקט... אַט גלויב איך, און אַט גלויב איך ניט... איך זע מער ניט אויף מיינע אויגן... איך זע מער ניט אצבע אלוקים... היטלער בגמטריא — היטער!... וואַרפטס אַרויס דעם לאַמעד, אידן! וואַרפטס אַרויס! ער היט די וועלט!... אים האָט מען זי איבערגעגעבן!... דער שער הרחמים איז פאַרשלאָסן!... נישטאָ קיין ווייטאָק! זיי זענען זיס... און איך וויל זיך זעטיקן מיטן פוסטן חלל... איך האָב אַ סך בלוט געזען... נאָר עס איז ווייניק... וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר, האָ? וואָס זעט איר? איך בין ניט גאָט! כ'בין ניט!..

ער האָט אויפגעריסן דעם ארון־קודש, זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטאָן צו די ספר־תורה'ס.

דער געלער דוד איז האַסטיק צוגעלאָפן.

— לאָזט ניט, אידן! ער גייט שענדן די הייליקייט! ער איז פון זינען געווירט!

— וואַרפט אים אַרויס!

— אין אַ שול אַזעלכע ווערטער?

— נו יאָ, אין אַ מקום קדוש?

— וואָס טוט זיך היינט דאָ?

— מען דאַרף ניט וואַרפן! — האָט זיך ווידער אַ שטעל געטאָן דער געלער דוד אין פאָרויס. — מען דאַרף אים אָוועקפירן אין אַ שפּיטאָל! צו אַ דאָקטאָר דאַרף מען אים פירן! ער איז לא עלינו ניט מיט אַלעמען... ער האָט צופיל דורכגעמאַכט...

אַלע זענען געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט... דער כעס האָט אָנגעהויבן אָפּגיין.

דער עולם האָט זיך געשטעלט דאַוונען. די ״זענט, די איינציקע עדות פון ביינאַכטיקן געראַנגל, האָט זיך גערעדט, אַז זיי שאָקלען זיך מיט, מיט די מתפללים און בעטן פאַרן געזונט פון ר' היימלען... נאָר אים האָט מען שוין פון שול געהאַט אָוועקגעפירט...

אונזער ביטראַג צו דער אידישער ליטעראַטור

פאַרן אָפּשלוס פונם יאָר 1953 ברענגט אונז א. י. דובעלמאַן א בוך דערציילונגען — „דער באַלאַנס" — אין 224 זייטן, ארויסגעגעבן פון האַוואַנער אידישן זשורנאַליסטן און שרייבער־קרייז, געדרוקט אין פאַרלאַג „האַוואַנער לעבן".

עס איז דער צווייטער בוך דערציילונגען פונם זעלבן מחבר. דער ערשטער — „אויף קובאַנער ערד" — איז אויך דערשינען אין קובא און דערציילט פון אַלט־היימישע ווייען און אימיגראַנטישע „קינדער יאָרן" פונם נייעם ישוב קובאַ.

„דער באַלאַנס" איז נאָר דער נאָמען פון בוך; איז נאָר דער טיטול פון דער ערשטער דערציילונג; איז חלילה ניט דער אונטערגעצויגענער באַלאַנס און רעזומען פון אונזער א. י. דובעלמאַנ'ס שעפערישן טאַלאַנט און לעבן.

דער בוך דערציילונגען איז די שענסטע קולטור־דערגרייכונג פון דער אידישער קובאַ. די ערלעכע מתנה ברענגט אונז א. י. דובעלמאַן אין זייער טרעפלעכע טעג: ביים אָפּשלוס פון דרייסיק יאָר קולטור־געזעלשאַפטלעך אידיש לעבן, און ווי דער אָנהויב און גרויסער ביטראַג צו דעם געפּלאַנטן יאָר פייערונגען אין פאַרבינדונג מיט אונזערע דערגרייכונגען פאַר דער צייט אין דעם לאַנד.

אין אַ צייט פון ירידה פון אידישן בוך; אין טעג בעת דאָס אידיש וואָרט אין אידיש לשון ווערט ביסלעכוויז פאַרשטומט, זיינען א. י. דובעלמאַנ'ס דערציילונגען גאָר ניט קיין צו באַשיידענער ביטראַג פאַר דער נאָוועליסטיק פון אונזער אידישער ליטעראַטור.

א. י. דובעלמאַנ'ס זיבעצן דערציילונגען שטעלן מיט זיך פאָר אַ בילד פון דער אידיש קובאַ — די אימיגראַנטישע און „ארויפגעאַרבעטע". דער בוך דערציילונגען האָט איין טעמאַטיק — קובאַ, די אידישע קובאַ. דאָס איז דובעלמאַנ'ס גרעסטער פאַרדינסט. ער האָט איינגעראַמט דרייסיק יאָר אידישן זיג־זאַג לעבן; פריידן און ליידן; וואָכעדיקייט און יום־טובדיקייט, אין

איין ספר הזהב און געהאָלפן צומאַכן דעם צווייטן טאָוול פון דער ערשטער עפּאָכע פון ישוב קובאַ.

דער בוך דערציילונגען איז אָן אַ ספק אַ שיינער בייטראַג צום רייכן קאָלאָריט פון פיינערן ליטעראַרישן שאַפן, ווייל אין דער ליטעראַטור גאַלע־רייע — איבער אידן פון גאָרער וועלט — קומט צו אַ נייער ווינקל; אַן אַנ־דערשדיקער, אַ ספּעציפישער — אידן און טיפּן פון קובאַ.

א. י. דובעלמאַנ'ס אידן זיינען אידישלעך: זיי זיינען אידישלעך אין לעבן, און פון טאָג־טעגלעכן לעבן האָט ער זיי גענומען.

דובעלמאַנ'ס אידן רעדן פשוט, פאָלקסטימלעך. זייער סטיל, זייער ריטם און לעבנס־פאַרנעם איז ניט ווייט אַוועק פון בערדיטשעוו, ווילנע און וואַרשע; אָטעמען נאָר מיט מער זאַטקייט און דערפאַר ניט אזוי באַשיידן אין השגות.

די ניט אידישע טיפּן אין דובעלמאַנ'ס דערציילונגען זיינען אויך ניט פון דער וועלט פון פּאַלאַצן. זיי זיינען מענטשן, וואָס מען טרעפט אויף יעדן ווינקל פון גאַס; זיי זיינען פון דער איין גרויסער אַנאָנימער מאַסע, וואָס מען רופט אַן — קובאַנער פאָלק.

אזוי זעט אונזער זשורנאַליסטן און שרייבער קרייז דובעלמאַנ'ען און זיין בוך דערציילונגען — „דער באַלאַנס" אין ליכט פון אידיש־קובאַנער פייזאַזש און טעמאַטיק.

ווען די גאַס וועט זען און יום־טוב'דיק אויפנעמען אָט דעם בוך פון 224 זייטן, וועט אין דרוקעריי זיך אָנפאַנגען זעצן דאָס ערשטע בלעטל פון זיין דריטן בוך: — „דער בלינדער", ווייל אזוי הייסט ווידער די ערשטע דערציילונג פון בוך.

„דער בלינדער" איז די דערציילונג, וואָס האָט דובעלמאַנ'ען און אונז אַלעמען פאַרשאַפט פאַרגעניגן און כבוד: זי איז פּרעמירט געוואָרן אין אַ ליטעראַרישן קאָנקורס פון דער „צוקונפט" אין ניו יאָרק, אין יאָר 1943, אונטער דער זשורי פון שמואל ניגער, דוד פּינסקי און הלל ראגאָף.

צו דער דערשיינונג פון „דער באַלאַנס" און ביים אָנזאָג פון דריטן בוך — אַ באַנד דערציילונגען — אויסשליסלעך פון דער אַלטער היים אונטערן נאָמען: „דער בלינדער", באַגריסט אונזער זשורנאַליסטן און שרייבער קרייז דעם חבר און קאָלעגע א. י. דובעלמאַן, ווינטשנדיק אים דערפאָלג אין זיין ווייטערדיקן ליטעראַרישן שאַפן.

אידישער זשורנאַליסטן און שרייבער
קרייז פון האַוואַנאַ, קובאַ

אינהאלט:

זייט

I

דער באַלאַנס 9
דער „קוראַנדעראָ“ 33
די גרויסע האָפענונג 41
דער טעות 63
„די ערשטע טעג“ 65
אַ לעגענדע וועבט זיך 85
הימל און ערד 93
מחותנים 103
די לאָטעריי 121
ראָסיטאַ 137
אָפּגרונט 141
קאָנטשיטאַ 153
זיין מאַיעסטעט די כאַלעוועקעס 161

II

דער לעבנגעבליבענער 171
צוויי שוועסטער 187
דער תם 207
גלות שלישי 213

ארויסגעגעבן פון
זשורנאַליסטן און שרייבער־קרייז
אין האַוואַנאַ, קובאַ.

EDITADO POR EL
Círculo de Periodistas y Escritores Hebreos
de Cuba

IMPRESO POR:
EDITORIAL "VIDA HABANERA"
SOL 153
LA HABANA
1953